STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04757

AN ENTFER UNZERE KRITIKER

Hersh-Mendel

•

Permanent preservation of this book was made possible
by the Elovitz Family
in honor of
the Gantze Mishpochah

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש־מענדל

אז ענטפער אונזערע קריטיקער

ארויסגעגעבן דורך דער געז. „זעלבסטהילף״, 15, רי בעראנזשע
פאריז 1949

פאררעדע

מיט צופרידנקייט האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאג אָנצו־שרייבן א קורצע פאָררעדע צו דער זאַמלונג אַרטיקלען פון חבר הערש מענדל, וואָס זענען דערשינען בשעתּו אין „ארבעטער־וואָרט" פון פּאַריז.

א צייטונג־אַרטיקל, ווי ווערטפול ס׳זאָל נישט זיין, לייענט מען איבער און מען ווארפט אַוועק; צו אַ בראָשור באַציט מען זיך אַנדערש, מיט מער פיעטעט און דרך ארץ, ס׳גייט שוין אריין אין דער קאַטעגאָריע ביכער, ס׳איז שוין יעדנפאַלס עפּעס...

די ארטיקלען פון הערש מענדלען געהערן צו דעם מין „עפּעס", וואָס מען קען נישט, נאָכן איבערלייענען אין גאַנצן, ארויסוואַרפן, מען מעג זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דורכקוקן, ווייל זיי זענען באַלערנד:

באַלערנד צוליב די ציטאַטן, וואָס ער האָט אַזוי ליב צו ברענגען — און דאָס מיט שפע און ברייטער האַנט — פון די גרעסטע גייסטער פון סאָציאַליסטישן געדאַנק;

באַלערנד צוליב די געשיכטלעכע פאַראַלעלן און פאַרגלייכן, וואָס הערש מענדל מאַכט מיט אַזוי פיל בקיאות און קענטעניש, צווישן דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג — דעם ציוניזם — און די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער.

באַלערנדיק אויך צוליב די אָריגינעלע געדאַנקען צו וועלכע הערש מענדל האָט זיך דערטראַכט און ברענגט זיי ארויס אין אַ זייער פּאָפּולערער פאָרם, איינגעפאַסט אין אַ מאַרקסיסטיש לעניניסטיש־באַראָכאָוויסטישער ראַם.

זייער ווייניק, ווערט איצט צוגעטראָגן צו דעם, דורך דורות אָנגעזאַמלטן, אוצר פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

מעגלעך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר לעבן איצט אין אַ תקופה, ווען דער סאָציאַליזם איז ארויס פון סטאַדיום פון טעאָרעטישער דיסקוסיע און אַריין אין דער פאַזע פון אַנטשיידענע קאַמפן און רעאַליזירונגען.

דער סאָציאַליסטישער זשורנאַליסט, פאַרטיי־פּאָליטיקער און

פּאַרטיי־טוער, שרייבן איצט שנעל, רעאַגירן אויף טאָג־געשעענישן, אויף פּראָבלעמען, אָפּשאַצנדיק זיי בלויז אין ליכט פון דער אַק־טועלער פּאָליטיק, נישט פאַרטיפנדיק זיך אין זיי.

די אַרטיקלען פון חבר הערש מענדל זענען אין דעם פּרט אַ יוצא מן הכלל. אויף וואָס פאַר אַ טעמע ער זאָל נישט שרייבן, וועל־כע טאָג־פראַגע ער זאָל נישט באַרירן, מוז ער צוריקקומען צו דעם מקור פון זיינע גרויסע לערער: מאַרקס, ענגעלס, לענין, באָראָכאָוו, און דאָס געזונטע פון א קאַאוטסקי, פּלעכאַנאָוו, באַאוער א. אַ.

חי ה״מ לאָזט נישט אַדורך קיין אײן וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש אין יידישן, אָדער אין דעם אַלגעמיינעם לעבן. אומ־באַמערקט. אין זיינע אָפּשאַצונגען ווענדעט ער תמיד אָן זיין קאָ־פּיטאַל רייכן מאַרקסיסטישן, לעניניסטישן וויסן.

דער חי ה״מ פאַרפעלט אויך נישט קיין געלעגנהייט צו קנעלן מיט אונז אַ פּרשה מאַרקסיזם, אָפּצופרישן אונזער זכרון, צו געבן צו פאַרשטיין — מאַרקסיסטיש, צו פאַרטייטשן — דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט אין יידישן לעבן.

נאָך צענדליקער יאָרן פון מיליטאַנטישער אַקטיוויטעט אין דער קאָמ. באַוועגונג, פאַר וואָס ער האָט באַצאָלט מיט א סך יאָרן תפיסה, איז חי ה״מ אין די מלחמה־יאָרן געקומען צום פּראָלעטאַ־רישן ציוניזם און אין 1944טן יאָר זיך אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער „פּועלי־ציון" פּאַרטיי אין פראַנקרייך, וואו ער פאַרנעמט איצט א זייער חשובן פּלאַץ אין דער אָנפירונג.

ס׳וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אז ה״מ איז געקומען צום פּראָלעט. ציוניזם, ווייל ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון א שטימונג, ווייל ער איז סענטימענטאַל באַווירקט געוואָרן פון דער גרויסער יידן־טראַגעדיע, אָדער מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון נאָכ־לויפער און נאָכגייער . . .

ה״מ האָט אונזער אומקום און אויפוואַכונג באַנומען, ווי ס׳פּאַסט פאַרא מאַרקסיסט פון זיין מדרגה און ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ רעוואָלוציאָנער פון זיין שניט: אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש.

זיינע אַרטיקלען אין „אַרבעטער וואָרט", און די וואָס דער־שיינען איצט אין א בראָשור פאָרמאַט, באַווייזן, אז ער באַנעמט די נייע צייט פּראָבלעמען נישט אויבערפלעכלעך, ער באַהערשט זיי אין דער טיף און פאַרטיפנדיק זיי נאָך מער, מאַכט ער זיינע ריכטיקע, היסטאָרישע אויספירן.

ה״מ איז ווי מיר אלע, באַגייסטערט פון דער שאַפונג פון דער יידישער מלוכה, ער שרייבט פלאַם פייערדיקע אַרטיקלען, אָפּ־

שאַצנדיק דעם היסטאָרישן פאַקט, און זיין באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק, אָבער ער בלייבט ביי זיין סאָציאַליסטישער ניכטערקייט, דעם וועקער פון פראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין.

אין דעם ארטיקל „אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם" — זאָגט ער: „מיר ווערן אַ נאָרמאַל פאָלק. אָבער דאָס איז נאָר אַ האַלבער וועג, דער ערשטער עטאַפּ. דער צווייטער עטאַפּ מוז זיין די דירעקטע פאָרזעצונג אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

„מיר האָבן שוין צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה געזען, אז אַ גאַנצע ריי קליינע פעלקער, וועלכע האָבן גע־מאַכט די גאַנצע אָנשטרענגונג און ביז א העלפט פון זייער פאָלקס־איינקונפט אויסגעגעבן אויף מיליטערישע צוועקן, צו שיצן זייער אומאָפּהענגיקייט, זענען דאָך צעשמעטערט געוואָרן אין קאַמף צווישן גרויסע מאַכטן. נאָר א סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט זי־כערן די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון אלע פעלקער און במילא אויך פון יידישן פאָלק".

מיר זענען נישט אימשטאַנד, אין דעם קורצן אריינפיר צו ברענגען אויסצוגן פון די זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען, וואָס ווערן אין דער זאַמלונג ארויסגעזאָגט, מיר ווילן זיך נאָר דערלויבן ציען די אויפמערקזאמקייט פון די לייענער אויף עטלעכע אַרטיק־לען, ווי, למשל: דער אויבן דערמאָנטער „אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם"; „נאַציע, מלוכה און קלאַס"; „יידישע פאָלקס־רעוואָלוציע" און די סעריע „אויף יידיש מאַרקסיסטישע טעמעס".

מיר זענען איבערצייגט, אז די בראָשור וועט זייער וואַרעם אויפגענומען ווערן אין די יידישע ארבעטער־קרייזן און זאָל דאָס זיין די באַלוינונג פאַר הערש מענדלעס צענדליקער יאָרן מסירת נפש אין קאַמף פאַר פרייהייט.

אבוש

אַרייַנפיר

אין דעם ביכל זענען צונויפגעזאַמלט, געקליבענע אַרטיקלען, דערשינענע אין „אַרבעטער־וואָרט", אָרגאַן פון די פּועלי־ציון (לינקע) אין פּאַריז. פון דער צייט, זייט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה. די ערשטע אַרטיקלען האָבן נישט געטראָגן קיין פּאָלעמישן כאַראַקטער. דער מחבר האָט נאָר געוואָלט אויסדריקן די שטימונגען און געדאַנקען פון א מענטשן, וואָס שטייט שוין 35 יאָר אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, און במשך פון די 35 יאָר האָט ער 28 יאָר באַקעמפט דעם ציוניזם.

אין די ערשטע אַרטיקלען האָט ער געוואָלט מאַכן זיין ווענדונג צו אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער־טוער, בכדי איבערצייגן זיי, אין דער וויכטיקייט פון דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש.

די איינגעשפּאַרטקייט פון איין טייל, רעפּרעזענטירט דורך די פּאַריזער בונדיסטן, וועלכע קלאַמערן זיך אין אידייען, וואָס זענען פאָרמולירט געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק; וועלכע זענען אַנטשטאַנען אויף דער באַזע פון א גרויסער יידישער קאָמפּאַקטקייט, וועלכע איז שוין איצט נישטאָ, במילא איז די אידייע געוואָרן אַן אַבסטראַקטע אוטאָפּיסטישע, — דאָס האָט דעם שרייבער געצווינגען צו פּאָלעמיק מיט די איינגעשפּאַרטע, און ווי די לייענער וועלן אַליין זען — אויף אַ חברישן, לאָיאַלן אופן.

אויך די צווייטע גרופּע רעפּרעזענטירט דורך די יידישע קאָמוניסטן, האָבן דעם שרייבער געצוווּנגען צו א געוויסער פּאָלעמיק, די ריכטונג האָט אַדורכגעמאַכט דריי עטאַפּן אין איר באַציאונג צו מדינת ישראל.

אַנערקענענדיק מיט 15 חדשים צוריק די מדינה ישראל פאַר אַ פּראָגרעסיוון פאַקטאָר, האָבן זיי אויך אַרויסגעוויזן זייערע סימפּאַטיעס צום ציוניזם. אויף אַזוי ווייט, זענען זיי געווען באַגייסטערט פון ציוניזם, אַז זיי האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן „אירגון" ביזן מפּ"ם. מיר האָבן אָט די שטעלונג געמוזט דאַן קריטיקירן, אָבער אונז האָבן שטאַרק געפרייט זייערע סימפּאַטיעס צום ציוניזם. שפּעטער איז געקומען דער צווייטער עטאַפּ. — אַטאַקעס קעגן ציוניזם. דעם שרייבער פון די

שורות, האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: צי וועלן די יידישע קאָ־ מוניסטן אין זייערע אַטאַקעס קעגן ציוניזם בלייבן שטיין ביי די גרענעצן פֿון ישראל? — ס׳האָט זיך אים ארויסגעוויזן אז דאָס איז נישט ווארשיינלעך, און צום באַדויערן, האָבן זיך זיינע ספֿיקות גאַנץ גיך באַשטעטיקט. עס איז אמת, אז קיין אָפֿענע אַטאַקע קעגן מדינת ישראל אלס אזעלכע, האָבן מיר נאָך נישט, נאָר ווען די יידישע קאָמוניסטן ווילן פֿאַרשטעלן דעם גאַנצן ציוניס־ טישן לאַגער (די מפּ״ם אַריינגערעכנט) ווי איין רעאקציאָנערע באַוועגונג, מוז מען דאָס באַטראכטן ווי אן אטאקע קעגן דער יידי־ שער מדינה, ווייל יעדער איינער, אפֿילו אַ קינד, קען פֿארשטיין, אז ישראל קאָן נאָר רעגירט און אָנגעפֿירט ווערן דורך דער ציו־ ניסטישער באַוועגונג. פֿארשטענדלעך ווערט אלץ געטאָן, אַז די הערשאפֿט פֿון דער מדינה זאָל זיך געפֿינען אין די הענט פֿון די פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, דאָס איז נויטיק, נישט נאָר פֿאַרן זיג פֿון סאָציאַליזם אין לאַנד, נאָר אויך פֿאר דער ענדגילטיקער פֿארווירקלעכונג פֿון ציוניזם. שטעלט מען פֿעסט, אַז אַלע — אָן אויסנאַם — ריכטונגען אין ציוניסטישן לאַגער זענען רעאקציאָנערע, גיט מען דאָ אַ קלאַפּ נישט נאָר דעם ציוניזם און נישט נאָר די יידישע מדינה, נאָר אויך דעם סאָציאַליזם ביי אונז אין לאנד. די שטעלונג פֿון די יידישע קאָמוניסטן האָט געצווינגען דעם שרייבער צו דער פּאָלעמיק, מעג עס וועמען געפֿעלן, אָדער נישט, איז זי דיקטירט געוואָרן דורך דעם געוויסן פֿון סאָציאליס־ טישן ציוניזם.

אַ טייל מענטשן האָבן צוליב די אַרטיקלען דעם שרייבער דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ טעאָרעטיקער פֿון פּועלי־ציוניזם. אמת, א טעאָרעטיקער אין געוויסן־פּיסלעך, אָבער, אויך די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז ביי זיי אין געוויסן־פּיסלעך, זיי האָבן באַדאַרפֿט דאָס טאָן, בכדי צוזאַמען מיט אים, קענען שלאָגן די גאַנצע באַוועגונג. ס׳איז פֿארשטענדלעך, אז די קוילן מיט וועלכע, זיי שיסן טרעפֿן נישט דעם מחבר און נישט די באַוועגונג. די ציוניסטישע באַוועגונג, וועט זיך ווייטער שטאַרקן און קרעפֿטיקן און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלן מיר אונזער זאך דער־ פֿירן ביזן סוף, דאָס הייסט פֿאַרוואַנדלען ישראל אין אַ פֿריי־סאָ־ ציאליסטיש לאַנד.

מיר ווילן נאָר דאָ איין זאַך פֿעסטשטעלן, אז דער מחבר איז נישט קיין טעאָרעטיקער ביי די לינקע פּ״צ, און אין דער טעאָריע פֿון לינקן פּועלי־ציוניזם גאָרנישט מחדש געווען. די טעאָ־

ריע האָט ער גענומען אַ פּערטיקע .א גאַנצע, אזוי ווי באָראָכאָוו האָט זי פֿאָרמולירט מיט 40 יאָר צוריק. אויב מיט דער הילף פֿון באָראָכאָווס טעאָריע האָט ער געקענט באַטראַכטן די נייע דערשיינונגען אינם יידישן לעבן, איז דאָס נישט דעם מחברס פֿאַרדינסט, נאָר דער פֿאַרדינסט פֿון באָראָכאָוו, וועלכער האָט געשאַפֿן אַ טעאָריע אין יידישן לעבן, וואָס ווייזט זיך ארויס גילטיק פֿאַר אַ גאַנצער עפּאָכע, און איז במילא אַ באַראָמעטער צו מעסטן די געשעענישן אין דער געגעבענער עפּאָכע פּונקט ווי מאַרקסיס טעאָריע פֿון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איז גילטיק פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפֿט ביז צום זיג פֿון סאָציאַליזם ; באָראָכאָווס טעאָריע איז גילטיק ביז וואַנען מיר וועלן נישט דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע פֿאָלק, פֿאַרוואַנדלען אין א סאָציאַליסטיש פֿאָלק אין אייגענעם לאַנד, ד. ה. אין ישראל .

דער מחבר וויל מיט דעם באַשיידענעם קליינעם ביכעלע פֿאַרלייכטערן געוויסע טיילן פֿון דער יידישער ארבעטערשאַפֿט צו דערקענען די וועגן, וואָס האָבן אים געפֿירט צום פּראָלעטאַרישן ציוניזם און אין רעזולטאַט דערפֿון, זאָלן אויך זיי אָנהויבן גיין אויף דעם זעלבן וועג, דערמיט וועט ער פֿאַרשטענדלעך, האָבן זיין גרויסע מאָראַלישע באַפֿרידיקונג. מיט דעם, וועט ער אויסקויפֿן, כאָטש אַ קליינע טייל פֿון זיינע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען מיט זיין אַכט און צוואַנציק יעריקן קאַמף קעגן ציוניזם.

צום סוף זאָל דערלויבט זיין אויסצודריקן אַ האַרציקן דאנק די חברים, וועלכע האָבן צוגעהאָלפֿן דאָס ביכל ארויסגעבן, פֿאַר אלעם ערשטן די בעלגישע חברים מיטן ליבן חבר אבוש, וועלכער האָט נישט נאָר באַמיט זיך מאַטעריעל מיר צו העלפֿן, נאָר האָט אויך אָנגעשריבן אַ האַרציקע און חברישע פֿאָררעדע. אַ באַזונדערן דאַנק אונזערע חברים פֿון דער „זעלבסט־הילף", וועלכע האָבן זיך באַמיט צו מאַכן מעגלעך, דאָס ענדגילטיקע ארויסגעבן פֿון ביכל. ד. ה. זיי האָבן עס פשוט איבערגענומען אין זייערע הענט אַריין.

מיין האַרציקן חברישן דאַנק זיי אַלעמען !

ה. מ.

I. אונטערן צייכן פון ציוניסטישער פארווירקלעכונג

דער קעמפערישער אמת

די העלדישע קאמפן פון דער הגנה האבן צעטומלט די מוחות פון די מענטשן, וועמען ס'איז פרעמד די רעוואלוציאנערע טעאריע און רעוואלוציאנערע טאקטיק.

אזוי, צום ביישפיל, איז דער בונדישער טעארעטיקער און גע־לערנטער, פראפ. הערש געווען מיט א צייט צוריק, אין ארץ־ישראל, ער האט זיך באגייסטערט פאר דארטיקן אויפבוי און אנערקענט פאר נויטווענדיק דאס שאפן א יידישע מלוכה. שפעטער, ווען ס'האבן זיך אנגעהויבן די קאמפן מיט די אראבישע באנדעס, האט ער זיך דערשראקן און דערקלערט אזא מלוכה, פאר אן אומגליק. און ווען די אמעריקאנער אימפעריאליסטן האבן ארייננעטראגן א פארשלאג אין „אנו" וועגן בטל מאכן די חלוקה, האט ער געשריען: אוים חלוקה, אוים מדינה.

אזא פיליסטערישער צוגאנג איז פרעמד דעם רעוואלוציאנערן מארקסיזם. יעדער רעוואלוציאנערער מארקסיסט ווייסט, אז יעדער אמת מוז אויסגעקעמפט ווערן, און ערשט אויסגעקעמפטערהייט ווערט ער אנערקענט דורך די בארופענע אינסטאנצן. אזוי איז דאס געווען אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע און

אזוי איז אויך געווען די באָלשעוויסטישע טאַקטיק אין 1917. דער קאַמף און דער אמת זענען אומטיילבאַר.

היטלער האָט געהאַט די בעסטע, קאַמפּס־פּעיקע אַרמיי אין דער וועלט, וועלכע האָט געקאָנט אויף אַ צייט אָפּהאַלטן גרויסע נצחונות, נאָר ווייל זי איז געווען געבויט אויף ליגנס און פּאַל־קייטן, האָט ער געמוזט ליידן אַ מפּלה. די רוסישע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געוווסט צו פאָרמולירן דעם אמת און צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר אים, האָבן אָפּגעהאַלטן א גרויסן נצחון.

דאָס זעלבע קומט איצט פאַר ביים יידישן פאָלק. דאָס יידישע פאָלק האָט איצט אויך פאָרמולירט זיין גרויסן אמת און איז ארויס אין קאַמף.

וועלכער איז דאָס אונזער היסטאָרישער אמת?

אין אונזער צוויי־טויזנט יאָריקן גלות־גאַנג האָט דאָס יידישע פאָלק דורכגעלעבט פאַרשידענע רעזשימען, וואָס זענען נישט ארויס־געוואַקסן אָרגאַניש פון אונזער פאָלקס־אַנטוויקלונג, נאָר זענען אונז געוואָרן אָנגעוואָרפן דורך די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט.

מיר האָבן דורכגעלעבט די עפּאָכע פון רוימישן צעזאַריזם און די הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירכע, שפּעטער די פעאָדאַלע און דעספּאָטישע רעזשימען.

אין דער לעצטער תקופה האָבן מיר דורכגעלעבט די אַנטוויק־לונג פון דעם ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם ביז צום פאַשיזם. און יעדער פון אָט די רעזשימען האָט אונז געבראַכט שחיטות און פּאָגראָמען.

און אַפילו אין ראַטנפאַרבאַנד, איצט, נאָכן זיג פון דער אָקטאָ־בער רעוואָלוציע, ווען דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכהייט איז דאָרט פאַרווירקלעכט געוואָרן, — גייען דאָרט די יידישע מאַסן מיט ראַשיקע שריט צו דער אַסימילאַציע, טראָץ דעם, וואָס אָפיציעל איז זיי געגעבן געוואָרן, די בעסטע מעגלעכקייטן פאַר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

הייסט דאָס, אז דאָס יידישע פאָלק אין דער פרעמד, איז ביי יעדן רעזשים פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. כאָטש נישט אומע־טום אויף א גלייכן אופן. צום ביישפּיל, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער דורך פיזישער אויסראָטונג און אין די קלאַסנלאָזע לענדער דורכן פראָצעס פון אַסימילאַציע. פון דעם דרינגט ארויס אונזער גרויסער היסטאָרישער אמת, אז דאָס יידישע פאָלק קאָן נאָר עקזי־

סטירן אויף זיין אייגענער טעריטאָריע, זייענדיק בעל הבית איבער זיין אייגענעם גורל.

און נאָך א זאך:

דאָס צוריקפירן דאָס יידישע פאָלק צו א נאָרמאַל לעבן אין אייגענעם לאַנד איז נישט נאָר א פראַגע פון פאַרזיכערן אונזער אייגענעם קיום, נאָר עס איז אויך דער וועג צו פאַרשנעלערן און פאַרלייכטערן דער אונטערדריקטער מענטשהייט, אין קאַמף פאַר איר פרייהייט; ווייל אלס באַדענגלאָז פאָלק, זענען מיר שטענדיק א צינד־ב״עט פאַר יעדע רעאקציע אין דער וועלט, אָנצוצינדן שרפות קעגן זייערע אייגענע פעלקער.

ווען מיר ווילן דער רעאקציע אוועקנעמען פון די הענט דאָס מיטל, וועט דער קאַמף פון פעלקער קעגן זייערע אייגענע שונאים ווערן א סך לייכטער. דערפאַר האַלטן מיר טאַקע, אַז די זאך פון קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלער באַפרייונג דאַרף ווערן די זאך פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מענטשהייט. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף קודם כל, זיין גרייט צום קאַמף, פונקט ווי דער פראָלעטאַריאַט דאַרף זיין גרייט צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. אין וועלכן ער איז פריער פאַר אַלעמען פאַראינטערעסירט. צום גרויסן גליק האָבן זיך איצט אין יידישן פאָלק פאַראייניקט דיביידע עלעמענטן. דאָס יידישע פאָלק האָט אָנערקענט זיין גרויסן היסטאָ־רישן אמת און אין דער זעלבער צייט פאַרמאָגט ער אין זיך געגוג קאַמפס־גרייטקייט, זיין אמת אויסצוקעמפן.

א פאָלק, וואָס פאַראייניקט אין זיך אָט די ביידע עלעמענטן קאָן אויסהאַלטן דעם שווערסטן נסיון, קאָן דורכברעכן אַלע שוועריקייטן און דער פולער נצחון איז געזיכערט.

דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער, אַנאַרכיסטישער דענקער, פיאָטר קראָפּאָטקין, האָט געשריבן וועגן דער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, אַז ווען די אידעאַלן פון אמת פון דער געגעבענער צייט פאַלן זיך צונויף מיטן ווילן פון פאָלק, איז דער זיג פון דער רעוואָ־לוציע אומפאַרמיידלעך. אונזער גרויסע גלות־טראַגעדיע האָט ביי אונז געשאַפן דעם באַוווסטזיין פון אונזער גרויסן היסטאָרישן אמת.

50 יאָר פון חלוצישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, פון גרויסע אָנשטרענגונגען און קאַמף האָבן געשאַפן דעם כוח, וואָס קאָן און וויל דעם קאַמף אויפנעמען.

פאַרשטענדלעך, ווילן מיר נישט נעגירן אַנדערע מאָמענטן,

וואָס קאָנען אונז לייכטער מאכן דעם קאמף. דער באשלום פון „אָנו״ פון 29טן נאָוועמבער איז געווען אַן אַקט, וואָס האָט אונז לייכטער געמאַכט אונזער קאמף, אָבער דער באשלוס גופא איז שוין געווען אַ פּראָדוקט פון דעם, וואָס דער יידישער ישוב האָט זיי צו דעם געצווונגען.

אַלע שפּעטערדיע באַמיונגען פון דער „אָנו״ דעם באַשלוס אָפּצושלעפּן און ממילא מאַכן אוממעגלעך דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מלוכה, איז צונישט געמאַכט געוואָרן דורך דעם העל־דישן קאמף פון דער הגנה.

און ס׳ווייזט אוים, אז די אימפּעריאַליסטישע וועלט איז איצט שוין גרייט נאָכצוגעבן. זיי זענען געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט געשעענע פּאַקטן. דער יידישער ישוב האָט זיין היסטאָרישן אמת אויסגעקעמפּט און דערמיט ווערט געשאַפן אַ ניי קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

אַ קאַפּיטל פון יידישן שטאָלץ און נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט.

צו דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער מדינה ישׂראל

מאָרגן, שבת דעם 15טן מאַי, דאַרף די מאַנדאַטן־מאַכט פֿאַרלאָזן ארץ־ישׂראל. די מאַכט, וואָס האָט באַקומען דעם מאַנדאַט, כּדי צו העלפֿן אויפֿבויען דאָס יידישע לאַנד, האָט אָרגאַניזירט אַלע פֿינצטערע כּוחות אָפּצושווענקען אין טייכן יידיש בלוט אונזערע האָפֿענונגען. פּונקט ווי זי טוט עס אין גריכנלאַנד — אַזוי האָט זי אין ארץ־ישׂראל, אָרגאַניזירט אַלע רעאַקציאָנערע און פֿאַשיסטישע כּוחות קעגן יידישן פֿרייהייטס־קאַמף, אָבער אירע פּלענער זענען צעשמעטערט געוואָרן דורכן אייזערנעם ווילן פֿון יידישן ישוב און דורך דער גבורה פֿון דער העלדישער הגנה. אין טאָג ווען דער אָקופּאַנט, א צעבראָכענער און פֿאַרשעמטער, וועט אַוועקגיין, וועט דאָס יידישע פֿאָלק פּראָקלאַמירן דאָס אַנטשטיין פֿון דער יידישער מלוכה. דאָס איז די גרעסטע געשעעניש אין אונזער געשיכטע.

נישט דאָס ערשטע מאָל, קומט דאָס יידישע פֿאָלק צוריק אין זיין לאַנד אַריין. נאָכן ערשטן חורבן, ווען גרויסע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק האָבן געלעבט אין גלות, האָבן זיי זיך, נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר, צוריקגעקערט אַהיים. עס איז אָבער פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. דעמאָלט זענען נאָך גרויסע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק איבערגעבליבן אין זייער לאַנד און אויך די פֿאַרטריבענע האָבן אין בבל, פֿאַרהעלטנישמעסיק גוט געלעבט. זייער צוריקגאַנג אין אייגענעם לאַנד איז געווען אַן אויסדרוק פֿון טיפֿער צוגעבונדנקייט צום לאַנד פֿון זייער אָפּשטאַם און נישט קיין אויסדרוק פֿון פּחד פֿאַר אונטערגאַנג און אוודאי שוין נישט פֿון מורא פֿאַר פֿיזישער אויסראָטונג.

אַנדערש איז עס היינט.

אין פֿאַרלויף פֿון צוויי טויזנט יאָר — פֿון טיטוס ביז צו אונזערע צייטן האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ לאַנגע קאָשמאַר־געשיכטע. נישטאָ קיין ווינקל אויפֿן ערד־קויל, וואו מיר זאָלן נישט האָבן

דורכגעוואנדערט, און אומעטום איבערגעלאָזט צייכנס פון אונזער בלוט. מיר זענען געגאַנגען פון גזירה צו גזירה, פון שחיטה צו שחיטה דורך בלוט־בלבולים צו פּאָגראָמען, — ביז מיר זענען דערגאַנגען צו מיידאַנעק און טרעבלינקע. ווייטער גיין, איז שוין נישטאָ וואו־הין. ווייטער איז דער תהום, איז אונטערגאַנג.

היטלער האָט געוויזן דעם וועג. איצט האָבן שוין אַלע אַנטי־סעמיטן אָוועקגעוואָרפן זייערע אַלטע טעאָריעס וועגן עקאָנאָמישן בויקאָט, וועגן קולטורעלער אונטערדריקונג און טרוימען וועגן גענצ־לעכער אויסראָטונג פון שארית ישראל. ביי אַזאַ לאַגע האָט דאָס איצטיקע אומקערן זיך פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד אַריין, אַ סך אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי נאָך גלות־בבל.

דאָס מאָל ווערט אונז דאָס לאַנד נישט געגעבן, נאָר עס ווערט פון אונז אויסגעקעמפט, און דאָס וואָס מען קעמפט אויס, האַלט זיך שטאַרקער... נישט בלויז עס ווערט אין איצטיקן מאָמענט, פאַרווירקלעכט אַ שיינער חלום. אַ צוויי ־ טויזנט יעריקע האָפע־נונג, נאָר די יידישע מאַסן ווערן פשוט געראַטעוועט פון אַ פיזישער אויסראָטונג. דער איצטיקער שיבת־ציון איז אויך אַנדערש דערמיט, וואָס דער צוריקקער קומט נישט בלויז פון איין לאַנד, נאָר פון אַלע תפוצות. אַן אמתע צונויפזאַמלונג פון די צעשאָטענע און פאַ־נאַנדערגעוואָרפענע יידישע צווייגן פון גאָר דער וועלט. עס קומט אויס, ווי עס וואָלט זיך פאַרווירקלעכט די וויזיע פון נביא, ווען די ביינער, וואָס וועלן זיך באַדעקן מיט פלייש און הויט און די גופים, וועלן באַקומען אַ נשמה און עס וועלן זיך אומקערן, נישט בלויז די לעבעדיקע, נאָר אויך די טויטע, ווייל וואָס זענען די רעשטלעך, געבליבענע פון טרעבלינקע און מיידאַנעק, אויב נישט סקעלעטן?

און דאַן קומט דאָס צוריקפירן פון פאָלק אין זיין לאַנד אַריין, נישט פאָר אַזוי, ווי אונזערע עלטערן האָבן עס זיך פאָרגעשטעלט און ווי די נביאים האָבן עס געפּרעדיקט. נישט קיין משיח פון הימל קומט און נישט אויף אַ ווייס פערדל וועט ער רייטן. דער יידישער אַרבעטס־מענטש, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, דער יידישער פּויער קומט מיט האַמער און קאָסע אין איין האַנט און מיטן שווערד אין דער צווייטער, באַפרייט דאָס לאַנד און זאַמלט צונויף דאָס יידישע פאָלק.

ווען אַנ־סקי זאָל איצט אויפשטיין פון קבר, וואָלט ער געזען, ווי גערעכט ער איז געווען אין זיין ליד וועגן „יידישן אַרבעטער.

דעם נייעם משיח". כאָטש עס פאַרווירקלעכט זיך נישט אויפן זעלבן אופן, ווי ער האָט עס זיך פאָרגעשטעלט.

באַזונדערס גרויס איז די פרייד, ביי אונז, יידישע אַרבעטער, ביי אונז פּראָלעטאַרישע ציוניסטן. מיר האַלטן זיך פאַרן מאַרקסיס־טישן אַוואַנגאַרד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיר זענען דאָס באמת. געגוג זיך צוקוקן צו די גלות־פּאַרטייען, וואָס האָבן אַמאָל געמיינט, אַז זיי האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויפן סאָציאַ־ליזם. ביי זיי איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן דאָס פּראָבלעם פון קלאַסן־קאַמף און פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

און דאָס איז נישט קיין צופאַל.

אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר האָבן איבערגע־לעבט, זענען נישט נאָר אומגעקומען 6 מיליאָן יידן, נאָר עס איז פאַרגעקומען אין אַלע אייראָפּעאישע, קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַן אומגעהויערע דעקלאַסירונג פון די יידישע מאַסן. און די גלות־פּאַרטייען, וואָס האַלטן זיך פאַר סאָציאַליסטן, האָבן כמעט נישט אין זייערע רייען קיין פּראָלעטאַרישע עלעמענטן.

טאָ ווי אַזוי קאָן מען בלייבן טריי דער מאַרקסיסטישער לערע וועגן קלאַסן־קאַמף, ווען דער פּראָלעטאַרישער עלעמענט פעלט אויס, אָדער פעלט כמעט אויס?

אָבער אין ארץ ישראל איז דאָ אַ קרעפטיקער יידישער אַרבע־טער־קלאַס; אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אימשטאַנד און וועט פאַר־ווירקלעכן די לערע פון מאַרקסיזם. ער וועט זי פאַרווירקלעכן נישט בלויז אין יידישן לעבן, נאָר ער וועט אויך זיין אַ מוסטער און וועג־ווייזער פאַר די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן אויפן נאָענטן מזרח. דאָס איז נישט קיין ציוניסטישע אויסטראַכטעניש. די דערפאַרונג האָט עס שוין באַשטעטיקט. פאַר דעם אָנקומען פון יידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל האָט מען אפילו נישט געקענט רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן אַראַביש פאָלק. ערשט צוזאַמען מיטן יידישן באַפרייאונגס־קאַמף האָט אויך ביי די אַראַבישע מאַסן אָנגעהויבן אויפוואַכן דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין. אָבער דער יידישער אַרבעטער אין ארץ ישראל קעמפט נישט בלויז פאַר זיין נאַציאָ־נאַלער באַפרייאונג, נאָר אויך פאַר דער סאָציאַלער. און דער אַראַ־בישער אַרבעטער לערנט זיך ביים יידישן אַרבעטער אויך, ווי אַזוי צו פירן זיין סאָציאַלן קאַמף. אויך אין אייראָפּע איז עס אַזוי געווען. עס זענען געווען פעלקער, וואָס זענען געווען די וועג־ווייזער פאַר־

אַנדערע. צוערשט פֿראַנקרייך, דערנאָך די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און צום סוף, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז די העגעמאָניע אַריבערגעגאַנגען צום רוסישן פּראָלעטאַריאַט. אזוי וועט עס אויך זיין אין נאָענטן מזרח, ווען דער יידישער אַרבעטער, דער פּראָגרעסיווסטער, דער אמבעסטן אָרגאַניזירטער, וועלכער פֿאַרמאָגט די טראַדיציעס פֿון קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם — לעבט און ווירקט.

ווי טיף מאַרקסיסטיש זענען געווען די ווערטער פֿון באָראָכאָוון, אַז כדי דער יידישער אַרבעטער זאָל האָבן זיין קאַמפּס־פּלאַץ, מוז ער פֿריער האָבן זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

דער יידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָט זיין ארבעטס־פּלאַץ און ממילא אויך זיין קאַמפּס־פּלאַץ.

דעם 15טן מאַי וועט פּראָקלאַמירט ווערן די יידישע מלוכה.

אויף אייביק וועט פֿאַרשווינדן די שאַנד פֿון דער געלער לאַטע. ענדלעך וועט זיין איין שטיקל ערד אויף דער וועלט, וואו עס וועלן נישט קענען געפֿירט ווערן קעגן יידן קיין עקאָנאָמישע און אַנדערע בויקאָטן, און מיר וועלן דאָרט נישט זיין קיין אומגעבעטענע געסט, וועלכע מען קאָן צו יעדער צייט ארויסטרייבן. מיר וועלן זיין די בעלי־בתים איבער אונזער אייגענעם גורל.

עס איז אונזער דור באַשערט געווען איבערצולעבן דאָס, וואָס קיין שום דור האָט נישט איבערגעלעבט. מיר זענען געווען עדות פֿון אַ שרעקלעכן אומקום. מען האָט אונז דערפֿירט צום ראַנד פֿון אָפּגרונט, און איצט שטייען מיר אויף דער שוועל פֿון אויפֿקום.

געוויס קאָן מען נישט זיכער זיין, אַז די יידישע מלוכה, וואָס וועט מאָרגן פּראָקלאַמירט ווערן, וועט פֿון אַלעמען גלייך אַנערקענט ווערן. די רעאַקציאָנערע כוחות וועלן נאָך אַנווענדן געניג מיטלען אונז צו שטערן... אָבער איין טרייסט האָבן מיר: מיט אונז זענען אַלע פּראָגרעסיווע קרעפֿטן פֿון דער וועלט. מיט אונז איז די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע, ווער מער אַקטיוו, ווער מער פּאַסיוו, אָבער אַ חוץ דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי, זענען אַלע פּראָלעטאַרישע אַרבעטער־פּאַרטייען, אויף אונזער זייט. און דאָס באַדייט זייער פֿיל. דאָס איז דאָס גרעסטע, וואָס מיר האָבן זיך געקאָנט ווינטשן.

די שוועריקייטן זענען נאָך זייער גרויס. מיר וועלן נאָך האָבן טעג פֿון שווערן קאַמף. איין זאַך איז אָבער זיכער, אויף אונזער גאַס, אויף דער יידישער גאַס, האָט די זון אויפֿגעשיינט.

שוועריקייטן און דערגרייכונגען

יונג איז די יידישע מדינה ישראל, וואָס איז פּראָקלאַמירט גע־וואָרן ביי שרעקלעך שווערע באַדינגונגען, וואָס האָבן נישט זייער גלייכן ביי אַנדערע פעלקער. ווען אַנדערע אונטערדריקטע פעל־קער האָבן אויסגעקעמפט זייער פרייהייט און אָרגאַניזירט זייער רעגירונג, האָבן זיי זיך גלייך געקענט נעמען צו טאָג־טעגלעכער, פרידלעכער אַרבעט. אַנדערש איז עס ביי אונז. די יידישע רעגירונג איז געוואָרן געשאַפן אין ברען פון די שווערסטע קאַמפן, און דער ערשטער אַקט פון דער רעגירונג האָט געמוזט זיין דער דעקרעט וועגן מאָביליזאַציע ביז פופציק יאָר, ד. ה., אַז דאָס גאַנצע ווירט־שאַפטלעכע לעבן אין לאַנד איז געוואָרן מאָביליזירט פאַר דער מלחמה.

און נישט נאָר יונג איז די מדינה ישראל, נאָר אויך קליין. עס האָבן שוין אונזערע שונאים געזאָרגט דערפאַר, אַז מען זאָל פון אונז אוועקנעמען, וואָס מער טעריטאָריע, כדי אונז קענען אַרומרינג־לען מיט פיינטלעכע כוחות. און אויך די ווירטשאַפט אין מדינה ישראל איז נאָך נישט אויף קיין הויכער מדרגה.

עס האָט שוין דער רויבערישער אימפּעריאַליזם געזאָרגט דער־פאַר, אַז די יידישע ווירטשאַפט זאָל זיך נישט קאָנען ווי געהעריק אַנטוויקלען. און ביי דעם אַלעם דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט, אַז אונזער הויפט־שונא איז דער ענגלישער אימפּעריאַליזם. ער באַוואָפנט דאָס, מיט די מאָדערנסטע קריגס־מכשירים די שונאים קעגן מדינה ישראל.

דאָס יידישע פאָלק האָט שוין אַ סך אימפּעריעס איבערגעלעבט, און עס וועט אויך איבערלעבן די ענגלישע אימפּעריע און בעווין וועט בלייבן מיט קין־צייכן אויפן שטערן, און דאָס יידישע פאָלק וועט אויפבויען און באַקרעפטיקן די מדינה ישראל. אָבער דערוויילע טאָר מען נישט פאַרלייקענען, אַז מיר לעבן איבער שווערע טעג.

מ׳וועט נאָך דאַרפֿן ברענגען אַ סך קרבנות און באַקעמפֿן גרויסע שוועריקייטן.

אָט, אין דעם שווערן מאָמענט פֿעלן אונז נישט קיין „גוטע עצות". למשל, פּראָפֿ. הערש, וועלכער האַלט, אַז אויב עס זענען דאָ שוועריקייטן, האָט מען זיך נישט באַדאַרפֿט נעמען צום געווער און דאָס באַמת ער זיך היסטאָריש און וויסנשאַפֿטלעך צו באַווייזן. ווען אָט דעם פּסעוודאָ־וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג וועלן מיר רעדן אַ צווייט מאָל. איצט האָבן מיר נישט קיין צייט פֿאַר פּאָלעמיק מיטן פּראָפֿעסאָר הערש. מיר זענען פֿאַרנומען מיט דער יידישער פֿאָלקס־רעוואָלוציע.

מיר ווילן נאָר באַרירן די איינצלנע מאָמענטן ביי יעדער רעוואָלוציע — אָנהויבנדיק פֿון די יאַקאָבינער פֿון דער פּאַריזער קאָמונע און ביז דער אָקטאָבער רעוואָלוציע — זענען אַלע מאָל געווען מענטשן, מיט קליינע מוחות און נאָך קלענערע הערצער, וועלכע האָבן אויפֿגעהויבן אַ געשריי, אַז מען דאַרף זיך נישט נעמען צום געווער. די רעוואָלוציאָנערע פֿעלקער, האָבן אַלע מאָל אַזעלכע מענטשן געלאָזט שרייען זייער קראַ־געשריי, און זיגרייך דורכגעפֿירט זייער רעוואָלוציאָנערע אויפֿגאַבע, ביזן סוף.

מיר אַלע ווייסן אויך זייער גוט די שוועריקייטן, מיר פֿאַרמאַכן נישט די אויגן אויף זיי, מיר זעען זיי אפֿשר נאָך בעסער ווי פּראָפֿ. הערש, ווייל מיר שרייען נישט פֿון אַ ווינקל אַרויס, נאָר מיר שטייען אויף די פֿאָדערשטע קאַמפֿס־פּאָזיציעס, אָבער אַלס רעוואָלוציאָנערן, ווייסן מיר איין זאַך, אַז שוועריקייטן זענען געגעבן געוואָרן נישט כדי צו קאַפּיטולירן פֿאַר זיי, נאָר זיי צו באַזייטיקן און באַקעמפֿן. קאַפּיטולירן פֿאַר שוועריקייטן לאָזן מיר איבער פֿאַר פּחדנים. און ווען מיר וועלן זיך אומקערן שפּעטער צום פּראָפֿ. הערש, וועלן מיר אויפֿווייזן, אַז זיין גאַנצע פֿילאָזאָפֿיע איז נישט מער ווי אַ פֿילאָזאָפֿיע פֿון פּחדנות, וועלכע איז פֿאַר אונז פֿרעמד אין מאָמענט, ווען מיר גייען פֿאַרויס אין קאַמף מיט דער פֿולער זיכערקייט, אַז מיר וועלן זיגן. און מיר וועלן אומבאַדינגט זיגן.

אָבער שוין איצט, אין מאָמענט פֿון די שווערסטע קאַמפֿן, האָבן מיר שוין אַ מאַסע דערגרייכונגען, וועלכע מען טאָר נישט גרינגשעצן, פּונקט ווי מען טאָר נישט גרינגשעצן די שוועריקייטן.

מאכן מיר אן אנאלאגיע מיט דעם, וואס איז געווען מיטן יידישן פאלק מיט פיר יאר צוריק און היינט.

מיט פיר יאר צוריק, האט אויך די גאנצע וועלט גערעדט וועגן אונז. וועגן אונזער אויסראטונג, וועגן אונזער אומקום, מ'האט גע־רעדט כלומרשט מיט א רחמנות־געפיל. מיר זענען געווען ווירק־לעך, אן אביעקט פון רחמנות־געפילן, אבער נישט קיין סובעקט, וואס מאכט פאליטיק, וואס דעצידירט וועגן זיין גורל. איצט איז אנדערש, איינגאנצן אנדערש. היינט רעדט מען וועגן אונז, ווי וועגן א פאליטישן כוח. יעדע מלוכה וועגט און מעסט צי דארף מען זיך מיט דעם כוח רעכענען אדער באקעמפן, אבער אלע מוזן אנער־קענען, אז דאס יידישע פאלק און די מדינה ישראל איז א פאקטאר, אן וועלכן עס קאן קיין פרידן אויפן נאענטן מזרח נישט איינגע־שטעלט ווערן, און דאס איז א גרויסע דערגרייכונג. ביז איצט האבן די פעלקער פון דער וועלט געזען אין אונז נאר מאכטלאזיקייט און איצט זעען זיי א קראפט און דאס איז שוין א גרויסע דערגרייכונג

דער צווייטער פאקט איז דאס, וואס דער מדינה ישראל האט זיך איינגעגעבן צוויי מאל צו איזאלירן דעם ענגלישן אימפעריא ליזם אין אינטערנאציאנאלן מאסשטאב. איינמאל ביים אנערקע נען די יידישע מלוכה און דאס צווייטע מאל ביים פראקלאמירן די יידישע מדינה. מ'דארף פארשטיין, ווי שטארק ס'זענען די פעדים, וועלכע פארבינדן דעם ענגלישן אימפעריאליזם מיט דעם אמערי־קאנער, ווייל איינער אן דעם צווייטן קאן נישט טראכטן וועגן צו־גרייטן א נייעם קריג מיט פערספעקטיוון אויף א זיג. און טראץ דעם, האט זיך דער מדינה ישראל דאך איינגעגעבן צו איזאלירן דעם ענגלישן אימפעריאליזם. דאס איז אונזערע, א גרויסע דער־גרייכונג און מיר זענען זיכער אז דאס איז נישט די לעצטע אי־איזאלאציע, ווייל קיין שום אימפעריאליסטישע מלוכה איז נישט אזוי פאראינטערעסירט אונטערצודריקן דעם יידישן פרייהייטס־קאמף, כאטש מעגלעך, אז אלע וואלטן דאס געוואלט, אבער נישט אלע האבן די גלייכע אינטערעסן, נישט אלע זענען גרייט אויף טויט און לעבן זיך אנטקעגנצושטעלן דער מדינה ישראל, ווי דער ענג־לישער אימפעריאליזם. ביי די באדינגונגען, צו איזאלירן דעם ענג־לישן אימפעריאליזם, הייסט געוואונען א גרויסע שלאכט.

מ'דארף נאך פעסטשטעלן, אז אין ענגלאנד אליין מערקט זיך א געוויסע איזאלאציע פון בעווינען. בעווין טרעט נאך ארום אין

פּאַרלאַמענט וועגן דער פראַגע ישראל, אָבער אויפן קאָנגרעס פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט ער ער שוין דאָס פּראָבלעם נישט געוואַגט צו באַרירן. ד. ה. אז ער האָט נישט געהאַט דעם מוט פאַר דעם ענגלישן ארבעטער־קלאַס צו פאַרטיידיקן זיין פּאָליטיק, און עס באַמערקט זיך אַ וואַקסנדיקע אָפּאָזיציע פון דער ענגלישער פּרעסע קעגן בעווינס פּאָליטיק בנוגע ישראל. אָט, דאָס איז איצט אַ גרויסע דערגרייכונג.

אונזער נאציאנאלע מאביליזאציע

די איצטיקע געשעענישן אין ארץ ישראל, די העלדישע גבורה פון אונזערע קעמפער, האבן ארויסגערופן א טאפלטן געפיל — א געפיל פון צעטומלונג און באאומרואיקונג אין לאגער פון אונזערע קעגנער און א געפיל פון אנגענעמער איבערראשונג אין לאגער פון אונזערע פריינט.

מיר פראלעטארישע ציוניסטן, זענען נישט אומזיסט קיין מארקסיסטן, וואס שטעלן סטאווקע פאר אלעמען אויף דעם פראלעטאריאט. מיר האבן פארויס געוואוסט, אז ווען די יידישע ארבעטער וועלן נעמען דאס געווער אין זייערע מאזאלנע הענט, וועלן זיי דאס יידישע געווער מיט רום באדעקן. און עס קלינגט טאקע היינט די גאנצע וועלט מיט אט דעם רום; אפילו אונזערע פארביסנסטע שונאים מוזן שוין איצט אנערקענען, אז דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל וועט מען קיין גלעלע לאטעס נישט אנטון, אז מען וועט אים אין קיין געטא נישט פארשפארן, אז ער וועט קיין קרבן פון פרעמדן ווילן נישט ווערן. אפילו די אימפעריאליסטישע קליקעס פון דער וועלט, וועלכע האבן געמיינט, אז מען קאן דורך א רעזאלוציע פון „אנו" אפשטעלן דעם אויפבוי פון יידישן לאנד, האבן זיך שוין איצט ארומגעזען, אז דער שפיל איז פארן טייוול; אז די רעזאלוציעס, וועלכע זענען געווענדעט קעגן דעם אויפבוי, האבן דעם ווערט נישט מער ווי דאס שטיקל פאפיר אויף וועלכן זיי זענען געשריבן געווארן; אז מיר וועלן נישט אנערקענען קיין שום רעזאלוציעס, וואס זענען קעגן אונזערע אספיראציעס און קעגן אונזערע האפנונגען. מיר האבן געוואלט און מיר זענען איצט גרייט אויפצובויען אונזער לאנד מיט פרידלעכע מיטלען, דורך חלוצישער ארבעט, אין א ברידערלעכער פארבינדונג מיט די איבעריקע פעלקער פון דער וועלט און איבערהויפט מיט אונזערע אראבישע שכנים. און מיר וועלן דאס טאן, ווען די ערשטע געלעגנהייט, וועט אונז געגעבן ווערן דערצו. אבער איצט, ווען די פיינט האבן אונז

מיט געוואַלט דעם קאַמף אויפגעצוואונגען, זענען מיר גרייט דורך פייער און שווערד, נישט קוקנדיק אויף קיין שום קרבנות, צו דער־פירן אונזער זאַך ביז צום סוף, ביז צום אויפבוי פון אַ סאָציאַליס־טיש ארץ ישראל. דאָס איז שוין היינט קלאָר, נישט בלויז פאַר אונז, נאָר פאַר יעדן.

מיר האָבן דעם קאַמף איצט אָנגעהויבן, מיר זענען זיכער אים צו דערפירן צום נצחון, אָבער מיר ווייסן נאָכנישט, וואָס פאַר אַ פּראָצעסן און עוואָלוציעס מיר וועלן דאַרפן אין קאַמף דורכ־מאַכן. מיר קענען נישט וויסן, וואָס פאַר אַ טיוואָלאָגישע פּלענער אונזערע פיינט, וועלן פאַר אונז נאָך צוגרייטן. מיר ווייסן, אַז אין קאַמף פאַר דערהאַלטן זייער מאַכט זענען די הערשנדיקע קלאַסן גרייט אויף אַלעם, אויף דעם שענדלעכסטן פאַרראַט קעגן עלע־מענטאַרער מענטשלעכער מאָראַל. קאָן זיין, אַז מיר וועלן נאָך האָבן שווערע טעג, פול מיט זאָרג, און נישט יעדער טאָג וועט אונז ברענ־גען נצחונות; עס קען זיין אפילו, אַז מיר זאָלן נאָך דאַרפן, אויפן וועג צום פולשטענדיקן נצחון, דורכמאַכן אַ ריי צייטווייליקע מפּלות, און דאָ, וואָלט געווען אַ פאַרברעכן, דעם העלדישן יידישן ישוב צו לאָזן אַליין. עס דאַרף נישט זיין קיין פראַגע פון בלויז מאַ־טעריעלער שטיצע אָדער זאַמל־אַקציעס, ווייל שטיצן און זאַמל־אַקציעס אדורכפירן, קאָן מען אויך פאַר אַ באַוועגונג, מיט וועלכער מען סימפּאַטיזירט אָבער אין וועלכער מען איז נישט בלוטיק פאַר־אינטערעסירט. דאָ קאָן נאָר שטיין די פראַגע פון אַ נאַציאָנאַלער מאָביליזאַציע, פונקט, ווי עס טוען אַנדערע פעלקער אין אַ צייט פון מלחמה. אמת, מיר האָבן נישט קיין מלוכהשן אַפּאַראַט מיט אירע געזעצן און פּאָליציי אַזאַ מאָביליזאַציע אונטערצואָרדנען, אָבער פון אונזער יידישער פאָלקס־געשיכטע, ווייסן מיר, אַז עס זענען שוין געווען זייער אַ סך צייטן, ווען אויף צו ראַטעווען אַ יידישן ישוב האָט דאָס יידישע פאָלק אין אַלע לענדער פריי־וויליק זיך מאָביליזירט, כדי צו ראַטעווען זייערע ברידער. און איצט, ווען עס גייט נישט בלויז אין ראַטעווען אַן איינצעלנעם יידישן ישוב, נאָר עס גייט אין ראַטעווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און נישט נאָר ראַטעווען דאָס פאָלק, נאָר אויפריכטן זיין אייגן לאַנד, מאָרן קיין קרעפטן פאַר דער פרייער מאָביליזאַציע נישט פאַרפעלן, און מיר זענען זיכער, אַז מיר וועלן דאָס האָבן. אַלס באַווייז, קאָן

זיינען די ערשטע מאַי־אַקציע פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין פּאַריז. שוין דעם 30טן אַפּריל, אויף דער מאַי־אַקאַדעמיע, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אונטער דער לאָזונג פֿון שטיצן די הגנה, זענען געקומען טויזנטער מענטשן, וועלכע פּאַריז האָט נאָך אויף קיין מאַי־אַקאַדעמיע ביז איצט, נישט געזען. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מיטינג איז געווען אַ צווישן־פּאַרטייאישער, האָט ער דאָך געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. יעדע לאָזונג פֿון ציוניסטישן אויפֿבוי, וועגן העראָאישן קאַמף פֿון דער הגנה און וועגן אַ סאָציאַליסטיש א״י איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַ שטורמישער התלהבות. עס זענען נישט געווען געוויינלעכע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס מען הערט אַ גאַנץ יאָר אויף פֿאַרזאַמלונגען. עס איז געווען אַ באַזונדערע באַגייסטערונג, מען האָט געפֿילט ווי די הערצער קלאַפּן, און אַז דער עולם איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות פֿאַר דעם זיג פֿון אַ סאָציאַליסטישער מדינה.

נאָך מער האָט אונז באַוויזן די דעמאָנסטראַציע. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ טייל סאָציאַליסטישע ריכטונגען זענען נישט געגאַנגען צו דער דעמאָנסטראַציע, צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, און אַנדערע, וואָס זענען יאָ געגאַנגען, האָבן צוליב זייערע פּרינציפּיעלע טעמים נישט געוואָלט האָבן קיין יידישע פֿענער און יידישע לאָזונגען אין אַ יידישן צוג. און טראָץ דעם וואָס די מאַניפֿעסטאַציע איז געוואָרן אָרגאַניזירט בלויז דורך דעם לינק־פּראָלעטאַריש־ציוניסטישן לאַגער איז זי אויסגעפֿאַלן אימפּאָזאַנט, אימפּאָזאַנטער ווי אַלע יאָר. מוטיק און שטאָלץ האָבן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן געטראָגן זייערע פֿענער און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע לאָזונגען. פֿון נאַציאָן ביז באַסטיל האָבן געהילכט די אויסרופֿן לכבוד די העראָאישע קעמפֿער פֿון דער הגנה. און טויזנטער פֿון יידישע און פֿראַנצויזישע אַרבעטס־מענטשן האָבן אונז היים אַפּלאָדירט.

מיר האָבן די מאָביליזאַציע אין 1טן מאַי אָנגעפֿאַנגען, אָבער פֿאַרשטענדלעך, נאָך נישט פֿאַרענדיקט. זי טאָר נישט פֿאַרענדיקט ווערן פֿריער, ביז וואַנען איבער ארץ־ישראל וועט נישט פֿלאַטערן די רויטע פֿאָן אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער רעפּובליק. דער 1טער מאַי פֿון דעם יאָר האָט באַוויזן, אַז מען קען די יידישע מאַסן מאָביליזירן. עס איז די אויפֿגאַבע פֿון אַלע ציוניסטישע לייטונגען פֿון אַלע לענדער, איבערהויפּט פֿון די פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע

ריכטונגען די מאָביליזאציע פּאָרצוזעצן, אנטוויקלען און ביז צום מאַקסימום אָרגאַניזירן די כוחות פֿון יידישן פֿאָלק פֿון אלע לענ־ דער פאר דעם זיג פֿון אונזערע אידייען.

אין קאמף פארן סאציאליזם

איין היסטארישער עטאפ פון קאמף פונעם פראלעטארישן סאציאליזם איז פארענדיקט. די יידישע מלוכה איז פראקלאמירט. דאס איז שוין פאקט, וואס קיין שום כוח אין דער וועלט קען נישט ענדערן. עס קענען נאך פארשטענדלעך זיין שווערע טעג פון זארגן און ס׳קען זיין, אז מען וועט נאך אפילו דארפן ברענגען גרויסע קרבנות, אבער עס איז שוין אוממעגלעך צונישט צו מאכן אונזערע האפנונגען צו זיין אויף א שטיקל ערד די אייגענע באלעבאטים פון אונזער אייגענעם גורל. ביז איצט זענען מיר נישט נאר געווען בלויז פרעמדע צווישן אנדערע פעלקער, געמוזט צופאסן זיך צו די רעזשימען פון אט די פעלקער, איצט וועלן מיר לעבן אונטער אונזער אייגענעם רעזשים. די פאליטישע, עקאנאמישע און גייסטיקע פראבלעמען וועלן נאר דורך אונזערע געזעצן רעגולירט ווערן.

מיט אייןווארט, מיר ווערן א נארמאל פאלק. אבער דאס איז נאר א האלבער וועג, דער ערשטער עטאפ. דער צווייטער עטאפ מוז זיין די דירעקטע פארזעצונג אינעם קאמף פארן סאציאליזם.

ביי אונז, יידישע מארקסיסטן, איז דער קאמף פארן סאציאליזם נישט נאר א פראבלעם פון רעטונג פון דער גאנצער מענטשהייט. נאר אויך א פראבלעם פון רעטונג פון דער יידישער מלוכה.

מיר האבן שוין צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה געזען, אז א גאנצע ריי קליינע פעלקער, וועלכע האבן געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען און ביז א העלפט פון דער פאלקס־איינקונפט אויסגעגעבן אויף מיליטערישע צוועקן, צו שיצן זייער אומאפהענגיקייט, זענען דאך צעשמעטערט געווארן אין קאמף צווישן גרויסע מאכטן. נאר א סאציאליסטישע ארדנונג וועט זיכערן די פרייהייט און אומאפהענגיקייט פון אלע פעלקער און במילא אויך פון יידישן פאלק.

איצט שטעלט זיך א פראגע, אויב מיר יידישע מארקסיסטן שטרעבן צו פארווירקלעכן דעם וועלט־קאמוניזם, צי האבן מיר בא־

דאַרפֿט נעמען אַן אַנטייל אין אויפֿבויען אַ יידישע מלוכה, ווייל מאַרקס און לענין האָבן דאָך אונז געלערנט, אַז די קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט וועט זיך אָנהייבן דאַן, ווען די מלוכה וועט בכלל אויפֿהערן צו עקזיסטירן. ווייל אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט וועט זיין אַ געזעלשאַפֿט, פֿרעמד פֿון יעדן צוואַנג און במילא פֿון יעדער מלוכהשער אונטערדריקונג. דאָס לעבן וועט נישט ווערן רעגולירט דורך מלוכהשע אַפּאַראַטן נאָר דורך פֿרייע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

צי האָט עס אַ זינען איצט, ווען די מענטשהייט גייט צו אַזוי נאָענט צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, אויפֿבויען נאָך אַ מלוכה, וואָס וועט סיי ווי דאַרפֿן אָפּשטאַרבן? אויף דעם ענטפֿערטן מיר: יאָ! מען האָט באַדאַרפֿט. נישט מען האָט באַדאַרפֿט, נאָר מען האָט געמוזט. עס וועט שטענדיק זיין דער שטאָלץ פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ער איז געגאַנגען אין קאַמף אין די ערשטע רייען. אויב די מלוכות ביי אַנדערע פֿעלקער וועלן אָפּשטאַרבן און מאַכן פּלאַץ פֿאַרן פֿרייען קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן, וועט עס ביי אונז יידן אויך אַזוי זיין. אָבער דערווייל טאַקע דאַרף די מלוכה צוגרייטן אַלע יענע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן קענען איר ירשענען. ביז איצט האָבן די אידעאַלן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט געטראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער, מיר האָבן גערעדט וועגן אָפּשטאַרבן פֿון מלוכות, האָבן מיר געמיינט — פֿרעמדע נישט אונזער אייגענע, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור האָבן מיר געמיינט פּוילישע, רוסישע, פֿראַנצויזישע א. אַ. אָבער נישט קיין יידישע. היינט קענען מיר מיט שטאָלץ אוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם פֿון דיקטאַטור פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין אייגן לאַנד. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַקומט דער לאָזונג — בלוט און פֿלייש.

וועלכע אויסזיכטן האָבן מיר פֿאַרן זיג פֿון סאָציאַליזם אין ארץ ישראל? מיר וועלן מאַכן אַ פֿאַרגלייך.

לענין האָט אין 1905־טן יאָר אויסגעאַרבעט אַ רעוואָלוציאָנערע סכעמע פֿאַרן רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

ער האָט אין דער סכעמע פֿעסטגעשטעלט: אַז דער רוסישער

פּראָלעטאַריאַט הויבט אָן אין דעם יאָר זיין רעוואָלוציע ווי אַ בור־
זשואַזע, אַ דאַנק דעם אָבער, וואָס דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט איז
זייער אַוואַנגאַרד אין דער רעוואָלוציע, וועט דאָס וועקן די קאַמפּס־
באַגייסטערונג פֿון אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט אָנ־
הויבן זיין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און וועט זיך שפּעטער איבער־
טראָגן אין רוסלאַנד און דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט וועט דורכ־
פֿירן זיין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. ד. ה. אַז דער רוסישער פּראָ־
לעטאַריאַט הויבט אָן זיין רעוואָלוציע ווי אַ פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע
און פֿאַרענדיקט זי ווי אַ סאָציאַליסטישע.

דער ערשטער עטאַפּ פֿון אַ נאַציאָנאַלער יידישער פֿאָלקס־רע־
וואָלוציע איז פֿאַרענדיקט. און איצט שטייט די פֿראַגע וועגן פֿאַר־
ווירקלעכן אין לעבן אַ צווייטן עטאַפּ ד.ה. דעם סאָציאַליזם. און דער
יידישער אַרבעטער האָט פֿיל מער סיבות צו פֿאַרוואַנדלען די נאַציאָ־
נאַלע פֿאָלקס־רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער. ערשטנס, איז
דער יידישער אַרבעטער־קלאַס מער אָרגאַניזירט און קלאַסן־
באַוואוסטזיניק. אויב טיילן פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט האָבן נאָך
דעם 1905 יאָר געקלערט ווי אַזוי צו שאַפֿן אַ פּאַרטיי פֿון רוסישן
פּראָלעטאַריאַט, עקזיסטירן היינט אין ארץ ישראל צוויי מעכטיקע
יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פֿון פּראָ־
לעטאַרישן אַוואַנגאַרד איז שוין היינט די צווייט גרעסטע פּאַר־
טיי אין לאַנד. די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען נעמען אַריין אַ דריטל
פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט
דאַרף נישט וואַרטן אַז מען זאָל אים איבערטראָגן דעם סאָציאַליס־
טישן באַוואוסטזיין פֿון דרויסן, מיר וועלן נישט איבערטרייבן, ווען
מיר וועלן פֿעסטשטעלן אַז זעלטן ווי עס איז, זאָל דער פּראָלעטאַ־
ריאַט פֿון אַ לאַנד, זיין אַזוי סאָציאַליסטיש באַוואוסטזיניק ווי עס
איז דער יידישער אַרבעטער אין ארץ ישראל.

און נישט נאָר דער אַרבעטער־קלאַס איז דאָרטן סאָציאַליס־
טיש, נאָר אויך די רעזערוון פֿאַרן סאָציאַליזם דאַרף מען דאָרטן
איצט נישט זוכן און פּרווון געווונען, זיי זענען שוין פֿאַרן סאָציאַ־
ליזם געוואונען געוואָרן. דער יידישער פּויער אין א״י איז אַ קאָ־
מוניסטישער פּויער. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָבן שוין זייער
לעבן איינגעאָרדנט אויף קאָמוניסטישע יסודות און זענען באַגייס־
טערט פֿון דעם קאָמוניסטישן אידעאַל. עס איז אַפֿילו, דאָס איינציקע
לאַנד אין דער וועלט וואו נישט נאָר דער אַרבעטער־קלאַס, נאָר

אויך דאָס פּויערטום (יעדנפאַלס דער גרעסטער טייל פֿון זיי), מאַרשירט אין די פֿאָדערשטע רייען אין קאַמף פֿאַרן קאָמוניזם. אויך די ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד, טראָץ דעם אָפּגעשטאַנענעם כאַראַקטער, איז אויך מער צוגעפּאַסט צום איבערגאַנג צו דעם קאָמוניזם, ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד. ווייל אויב אין אַנדערע לענדער קלערט מען היינט, וועגן נאַציאָנאַליזאַציעס פֿון די שליסל־צווייגן פֿון דער אינדוסטריע, וואָס דאַרף זיין דער וועג צום סאָציאַליזם, זענען אין א"י אָט די אינדוסטריע־צווייגן גלייך געבויט געוואָרן ווי נאַציאָנאַלע אונטערנעמונג. א גרויסע טייל ווערן אָנגעפֿירט פֿון הסתדרות, אזוי, אז זיי זענען באמת אין זייער תוך צוגעפּאַסט צו אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט.

אויך די אויסערלעכע באַדינגונגען זענען היינט אַנדערש ווי אין 1905 יאָר אין רוסלאַנד. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין א"י דאַרף היינט נישט וואַרטן ביז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל וועט רייף ווערן ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. דער אידעאַל איז שוין רייף. 31 יאָר פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָן, האָט דער פּראָלעטאַריאַט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער נאָך נישט געמעגט געפֿינען די וועגן, היינט אָדער מאָרגן וועט ער זיי זיכער געפֿינען, ווייל אויב די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט האָט א זין, קען זי דאָך נישט דורכמאַכנדיק אַן אַנטוויקלונג פֿון טויזנטער יאָרן, פֿאַרשווינדן ווערן דורך דער אַטאָמישער באָמבע. און די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פֿון קאַפּיטאַליזם, באַדייט דאָך דער אומקום דורך דער אַטאָמישער באָמבע. עס וואָלט געווען אַן אַבסורד צו טראַכטן, אַז די מענטשהייט וועט פּאַסיוו אַנטקעגנגיין דער קאַטאַסטראָפֿע, דעריבער מוז זיך, אויב נישט היינט איז מאָרגן, דער קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם אָנהויבן. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין א"י איז אזוי אַרום באַשערט נישט נאָר, צו ווערן דער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פֿאַרן סאָצאַליזם אין א"י, נאָר אויך צו בילדן אַ מעכטיקע אָפּטיילונג פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע וועלט־אַרמייען.

עס איז פֿאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אַ גרויסער אונטערשיד, צי אין מאָמענט פֿון זיינע שווערע קאַמפֿן זאָל זיך אויפֿן נאָענטן מזרח געפֿונען אַ רעאַקציאָנערער פֿאַשיסטישער באַסטיאָן, אָדער עס זאָל זיין אַ סאָציאַליסטישע פּאָזיציע, אויסגעקעמפֿט דורך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

צוליב דעם איז די אַנטשטייאונג פֿון אַ יידישער מלוכה איצט

ניִשט נאָר אַן אַקט פֿון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן נצחון פֿון יידישן אַרבעטער, נאָר עס איז אויך אַ נצחון פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, ווי אַזוי עס זאָלן נאָך די וועגן ניִשט זיין זיגזאַגיק, וואָס עס זאָל ניִשט געשען אַרום אונז דאָרט אין ארץ ישראל, וועט סוף כּל סוף אין א״י פֿלאַטערן די רויטע פֿאָן פֿון אַ יידיש־סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

װעגן די נישט-ציוניסטן

אין איצטיקן מאָמענט פֿון גרויסן זיג, װילן מיר מיט קײנעם אין דער יידישער סביבה נישט פֿירן קײן קאַמף, אפֿילו נישט קײן פּאָלעמיק. אויב מיר שרײבן די דאָזיקע שורות, איז דאָס נאָך דערפֿאַר, װײל מיר װאָלטן געװאָלט, אַז דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק און אַלע זײנע פּאַרטײען זאָלן טײלן מיט אונז די פֿרײד. נישט װי זיגער װילן מיר איצט רעדן מיט די נישט-ציוניסטן, נאָר װי ברידער צו ברידער. װי יידישע אַרבעטער צו יידישע אַרבעטער. מיר װאָלטן געװאָלט פֿאַרגעסן װאָס נעכטן איז געװען, װײל בײ אַזאַ אומנאָרמאַל פֿאָלק זענען מעגלעך געװען פֿאַרשײדענע טעותן, אַבי איצט זאָלן מיר אַלע זײן צוזאַמען.

דער אַנטי-ציוניזם אין יידישן לעבן איז אַלעמאָל געװען אַן אומנאָרמאַלע דערשײנונג. יעדנפֿאַלס אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס. אויף געװיסע שיכטן פֿון די יידישע בירגערלעכע קלאַסן האָט אונז נישט געװאוּנדערט, זײ האָט געלאָקט צו זײן בירגער, און זאָל עס זײן אַפֿילו שטיף-בירגער אין די גלות-לענדער. די מעגלעכקײט פֿון שנעלן רײך-װערן האָט זײ צוגעצױגן. דער קלאַנג פֿון גאָלד האָט פֿאַרטױבט אַלע קלאַנגען פֿון װײטיק און פּײן פֿון אַ גלות-פֿאָלק.

איבעריקנס, זענען די רײכערע יידישע קלאַסן שוין געװען די פֿאַרבינדעטע פֿון אונזערע שונאים נאָך בעת די פֿרײהײט פֿון יידישן פֿאָלק איז געשענדעט געװאָרן אין זײן אײגן לאַנד. און דאָס זעלבע איז פֿאָרגעקומען בײ אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פֿעלקער. אָבער אַז יידישע אַרבעטער-פּאַרטײען זאָלן זײן קעגן נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקײט פֿון זײער אײגן פֿאָלק, דאָס איז נאָר מעגלעך געװען בײ אונז יידן, װאָס האָבן טױזנטער יאָרן געלעבט אין דער פֿרעמד און בײ אַ טײל האָט זיך פֿאַרלױרן דער פֿאָדעם, װאָס פֿאַרבינדט אַ פֿאָלק צו זײן לאַנד.

אמת, די רעװאָלוציאָנערע פּאַרטײען פֿון פּױלישן פּראָלעטאַריאַט, די אַלטע פּױלישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז אױך געװען קעגן דעם, אַז דער פּױלישער פּראָלעטאַריאַט זאָל קעמפֿן פֿאַר פֿאָלקס-

אומאפּהענגיקייט, אָבער פּרינציפּיעלע קעגנער זענען זיי נישט געווען. זיי האָבן דאָס נאָר אָפּגעלייגט אויף נאָכן זיג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פּרינציפּיעלע קעגנער פון א יידישער מדינה צווישן יידישע ארבעטער האָבן מיר נאָר געהאַט ביי אונז יידן.

צום גליק, קען מען שוין היינט נישט רעדן וועגן אן איינהייט־לעכן נישט־ציוניסטישן לאַגער ביים יידישן פאָלק. היינט איז דער נישט־ציוניסטישער לאַגער געשפּאָלטן און א סך פון די, וואָס האָבן אַמאָל אַקטיוו באַקעמפט דעם ציוניזם, באַציִען זיך היינט צו אים מיט סימפּאַטיע. די יידישע קאָמוניסטן יעדנפאַלס אין פראַנקרייך, העלפן אונז אפילו אַקטיוו צו אין אונזער קאַמף. פרייען מיר זיך אַלע און דאָס איז א פרייד פאַרן גאַנצן יידישן ישוב.

און, אויב מיר רעדן היינט וועגן א נישט־ציוניסטישן לאַגער טאָר מען נישט אויסמישן אַלעמען צוזאַמען, נאָר מען דאַרף רעדן וועגן יעדן פון די צוויי טיילן באַזונדער.

ווי געזאָגט, ווייסן מיר אָפּצושאַצן די גרויסע הילף, וואָס עס גיבן אונז די יידישע קאָמוניסטן אין פראַנקרייך, און וואָלט אַזא שטיצע געקומען פון קאָמוניסטן פון אן אנדער פאָלק, וואָלט עס ביי אונז אַרויסגערופן די גרעסטע שמחה. מער וואָלטן מיר נישט געקענט פאַרלאַנגען. ביי יידישע קאָמוניסטן, וויל זיך פונדעסטוועגן עפּעס מער. מיר וואָלטן קודם געוואָלט, אַז די ענדערונג, וואָס איז ביי זיי פאָרגעקומען זאָל נישט זיין קיין פּראָדוקט פון א נויטווענ־דיקע פּאָליטיק, וואָס קומט פון דרויסן, נאָר זאָל אַרויספליסן פון זייער אינערלעכן פּאָליטישן און סאָציאַלן וועלט־באַנעם, עס זאָל נישט זיין קיין קאָניונקטור־פּאָליטיק, נאָר א פעסטע פּרינציפּיעלע איינשטעלונג, אַזוי ווי דאָס איז ביי אונז פּראָלעטאַרישע ציוניסטן. מען קען נישט זיין קיין קאָנסעקווענטער בויער און קעמפער פאַר דער יידישער מלוכה, אויב מען איז נישט קיין ציוניסט, קיין פּראָ־לעטאַרישער ציוניסט.

צי זענען זיי דאָס געוואָרן ?

מיר צווייפלען. און דער צווייפל פילט אונז אָן מיט טיפער זאָרג. זייער איצטיקער אַקטיווער און ברייט־פאַרמאָסטענער קאַמף פאַר דער יידישער מלוכה קאָן מאַכן דעם איינדרוק אַז יאָ, אַז זיי זענען באמת געוואָרן אַקטיווע ציוניסטן. עס זענען אָבער דאָ א סך באַווייזן, וואָס מאַכן פּונקט א פאַרקערטן איינדרוק. לאָמיר אָננע־מען איינעם פון זיי:

ציוניזם הייסט נישט קעמפן פאַרן אויפבוי פון א יידישער מדינה אין ארץ ישראל, פאַר די יידן, וואָס קעמפן שוין דאָרטן און אפילו פאַר די יידן, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן אַלס צוגאָב. אויב די יידישע מדינה זאָל באַשטיין בלויז פון די טיילן פון וועלט־יידנטום וועט זי קיין סך נישט ווערט זיין; רעדט מען וועגן א יידישער מדינה מוז מען זאָגן, אז זי זאָל זיין קרעפטיק, לעבנס־פעאיק. און קרעפטיק און לעבנס־פעאיק וועט די יידישע מדינה נאָר זיין, ווען די יידן פון אַלע לענדער וועלן קענען דאָרט אהינפאָרן.

פרעגט זיך א פראַגע: צי זענען די יידישע קאָמוניסטן גרייט צוזאַמען מיט אונז צו אגיטירן און אָרגאַניזירן אזא יידישע מאַסן־עמיגראַציע? אין זייער פרעסע, איז וועגן דעם קיין איין וואָרט נישט פאַראַן, און דאָס פילט אונז אָן מיט גרויס אומרו, ווייל פון דעם איז דאָך אָפּהענגיק דער גורל פון דער יידישער מדינה.

פאַקטן זענען פאַראַן, וואָס באַווייזן פונקט דאָס פאַרקערטע. זייער ברודער־אָרגאַן אין פוילן פאַלט זייער שטאַרק אָן אויף אונזערע פוילישע פאַרטיי־חברים, וואָס אָרגאַניזירן קיבוצים פון די צוריקגעקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד, ווייל די קיבוצים פאַרנעמען זיך מיטן שיקן די יידן, וואָס ווילן עס. נאָך א"י.

די יידישע קאָמוניסטן אין פראַנקרייך ווילן נישט הערן וועגן יידישע מאַסן־ארויסטרעטונגען דעמלט, ווען מען דאַרף זיך עפנטלעך כאַנגעגנען מיט די פראַנצויזישע אַרבעטער־מאַסן. לאָמיר נעמען דעם 1טן מאַי. ווען איז נאָך געווען א פאַסיקערער מאָמענט צו דעמאָנסטרירן די ציוניסטישע סאָציאַליסטישע לאָזונגען ווי אין טאָג פון 1טן מאַי? פאַרוואָס אויב אזוי זענען די יידישע קאָמוניסטן געווען קעגנער פון א ספּעציעל יידישן צוג מיט יידישע פענער?

פירט מען א קאַמף פאַר אַן אידייע דאַרף מען פאַר איר קעמפן אומעטום. טאָר מען אין קיין פאַל די פענער נישט פאַרבייגן, דאָס רופט ארויס אַן אומזיכערקייט ביי אייגענע און א חוזק־באַציאונג ביי פרעמדע.

פאַרוואָס ווילן די יידישע קאָמוניסטן נישט האָבן קיין יידישע מאַניפעסטאַציעס מיט יידישע לאָזונגען? די זעלבע לאָזונגען, וואָס זיי פראָקלאַמירן אויף דער יידישער גאַס. צי זענען די לאָזונגען נאָר צוגעפאַסט פאַר די יידישע מאַסן און פאַר די פראַנצויזן דאַרף מען זיך מיט זיי שעמען? אמת, מען האָט אונז פאַרזיכערט, אז די ס. זש. ט. וועט טראָגן א לאָזונג פאַר ישראל, אָבער יידישע לאָזונגען

אונטער וועלכע עס מארשירן נישט קיין גרויסע יידישע מאסן. באפרידיקן אונז נישט. די גאנצע קראפט פון פראלעטארישן ציו־ניזם באשטייט דאך אין דעם, וואס קעמפנדיק מיטן אינטערנא־ציאנאלן פראלעטאריאט האנט ביי האנט, אנטוויקלט זיך די זעלבסט־אקטיוויטעט פון די יידישע מאסן.

צי מיינען די יידישע קאמוניסטן, אז די פראנצויזישע ארבעטער אריענטירן זיך בעסער אין ציוניסטישע פראבלעמען ווי מיר, אדער אז זיי זענען גרייט צו ברענגען גרעסערע קרבנות ווי מיר פארן אויפבוי פון דער יידישער מדינה? אויב נישט, טא וואס פאר א זינען האט עס איבערצוגעבן אנדערע אונזערע פענער און אונזע־רע לאזונגען?

דאס שמעקט דאך מיט פחדנות. אזוי פלעגן דאך האנדלען די אמאליקע יידישע שתדלנים, וואס האבן מורא געהאט אז די בא־וועגונג פון די יידישע מאסן קען אויפרעגן די גויאישע וועלט.

און נאך א זאך! די זעלבע ריכטונג טיילט דאך היינט אזוי פאנאנדער צווישן רעכטע און לינקע עלעמענטן. מיט די לעצטע איז מען דאך גרייט צוזאמענצוארבעטן. און אט איז דעם 1טן מאי געווען א הערלעכער יידישער ארבעטער־צוג ארגאניזירט פון אונזער פארטיי, וועלכע ווערט דאך, ווי מיר דאכט זיך, באטראכט פון די יידישע קאמוניסטן פאר א לינקע פארטיי. טא פארוואס האבן זיי אויסגעמיטן אפילו צו באריכטן וועגן אונזער צוג? מיר האבן ד'אך געטראגן די לאזונגען אויף וועלכע די קאמוניסטן שרייבן זיך אונטער מיט ביידע הענט אויף דער יידישער גאס, טא פארוואס האבן זיי אונז באיקאטירט, ווען מיר האבן ארויסגעטראגן די זעלבע לאזונגען פאר דער פראנצויזישער גאס?

די יידישע קאמוניסטן האלטן דאך, און מיט רעכט, אז אין אונזער קאמף דארפן מיר זיך אנשפארן אויף די פראגרעסיווע כוחות און פאר אלעם אויפן פראלעטאריאט. טא ווי אזוי וועלן זיי דאס אלץ נעמען ערנסט, אויב מיר אליין וועלן אונזערע פענער פארבייגן?

אט דאס אלץ, און נאך אנדערע מאמענטן, שטערן אונז די אויפ־ריכטיקע פרייד און פילן אונז אן מיט זארגן, אז מיר האבן דא נישט צו טאן מיט א טיפן איבערברוך, נאר מיט א באשטימטער פאליטיק. מיר וועלן זיין גליקלעך ווען עס וועט זיך ארויסווייזן, אז מיר האבן געהאט א טעות.

ערגער שטייט די פֿראַגע מיטן „בונד". ער האָט נישט בלויז איינגעהאַלטן זיין טראַדיציאָנעלע קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם, נאָר ס'מאַכט דעם איינדרוק, — נאָך פֿאַרשאַרפֿט. דער בונ־דישער אָרגאַן גיט איבער באַריכטן, וועגן די געשעענישן אין ארץ ישראל פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן ביי די קאַמפֿן אין אינדאָ־כינע אָדער אינדאָנעזיע. נייטראַלע באַריכטן.

זיין יידישע סאָציאַליסטן, האָבן הינטער זיך אַ רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿס־טראַדיציע און בלייבן אין בעסטן פֿאַל נייטראַל אין דעם גורל־געראַנגל, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק פֿירט איצט פֿאַר זיין נאַ־ציאָנאַלער רעטונג, הייסט זיך אַליין שטעלן אין אַן אומגליקלעכער לאַגע, הייסט זיך איזאָלירן פֿון יידישן פֿאָלק און ווערן אַ פֿרעמדער, דווקא אין אַ מאָמענט ווען מיר גייען צום אויפֿקום.

פֿאַרוואָס טוט דער „בונד" אַזוי? לאָגיש קען מען דאָס פֿאַר־שטיין אָבער נישט מוחל זיין. צוויי עיקרים האָבן געבילדעט אַמאָל דעם רוקן־ביין פֿון „בונד": ערשטנס, דער קאַמף אָנערקענט צו זיין פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס דער איינציקער פֿאַרשטייער פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס; צווייטנס, זיין פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

מיטן אונטערגאַנג פֿון מזרח־יידנטום איז פֿאַרשוואונדן די מאַסן־באַזע אויף וועלכע די צוויי עיקרים האָבן זיך געשטיצט און וואָרנישט געבליבן. אמת, די פּאַריזער בונדיסטן ווילן איצט דעם „בונד" איבערפֿלאַנצן אויפֿן פֿראַנצויזישן באָדן, אָבער דאָס איז אַ נאַאיווע אילוזיע. מען קען קיין בוים נישט אָפּשניידן פֿון זיין וואָרצל און איבערפֿלאַנצן אויף אַן אַנדערן באָדן. די וואָרצלען פֿון „בונד" זענען געווען פּוילן, ליטע, רוסלאַנד. די בונדישע פֿירער האָבן געוואָרנט קעגן אַ קינסטלעכער איבערפֿלאַנצונג. פֿילן די בונדיסטן, אַז אַלץ איז פֿאַרלוירן, פֿאַראַנקערן זיי זיך אין אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. אין אַנטי־ציוניזם, אַפֿילו אין מאָמענט פֿון זיין גרעסטן נצחון, ווען אַלע יידישע הערצער אין דער גאַנצער וועלט זענען אָנגעפֿילט מיט פֿרייד.

נישט שווין־זשע פֿילן נישט די בונדיסטן זייער מאַכטלאָזיקייט אין איצטיקן מאָמענט? זייער איזאָלירטקייט? וועגן דעם וואָלטן זיך די בונדיסטן אַליין געמעגט פֿאַרטראַכטן.

אָט ליגט פֿאַר אונז דער אויפֿרוף פֿון „בונד" צום ערשטן מאַי. זיי רופֿן דורך אינערציע, אַלע יידישע אַרבעטער צו דעמאָנסטרירן

אונטער די קאמפּס־פּענער פון „בונד". פּאקטיש האָבן זיי אַליין קיין איין בונדישע מאַניפעסטאַציע נישט איינגעאָרדנט אין דער גאַנצער וועלט. וואָס הייסט עס ווארפן לאָזונגען און אפילו נישט פּרווון איינאָרדנען אַן אייגענע דעמאָנסטראַציע? מיר ווייסן, אַז אַזאַ רוף האָט אַמאָל צונויפגעזאמלט צענדליקער טויזנטער. היינט האָבן דאָס אָרט פון קאַמף פארנומען פּוסטע לאָזונגען, וועלכע מען רעכנט אַליין נישט צו רעאַליזירן.

וועמען וויל מען דאָס אָפּנאַרן? זיך אַליין, די יידישע מאַסן, אָדער ביידע צוזאַמען?

צי קען דער „בונד" אין דער לאַגע ווייטער פּרעטענדירן צו האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי ער האָט דאָס אַמאָל געטאָן?

וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וועגן דעם רעדט מען דאָך שוין היינט נישט. דאָס אויסקעמפן האָט דער „בונד" שוין נישט קיין כוח. העכסטנס קען ער אויספועלן אַז מען זאָל מבטל מאַכן אַ פּראָצעס פון דעם אָדער יענעם ניי־איינגעוואַנדערטן. אָדער באַקומען אַן אַרבעטס־קאַרט פאַר דעם אָדער יענעם אימיגרירטן אַרבעטער און אויך דאָס נאָר אויסבעטן אָבער נישט אויסקעמפן. אַט האָט דער „בונד" געפּרוווט אויסווירקן וויזעס פאַר די יידן פון די לאַגערן, כדי צו ראַטעווען פון פאָרן קיין א"י.

נו, איינצלנע האָט ער געבראַכט, אָבער די גאַנצע מאַסע וויל טאַקע נישט אַנדערש נאָר פאָרן קיין ארץ ישראל. אונז איז בלויז נישט פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי בונדיסטן, וואָס האָבן אונטער זיך אַן אַלטע און לאַנג־דויערנדיקע קאַמפּס־טראַדיציע, קענען שלום מאַכן מיט אַזאַ לאַגע, אַ לאַגע, וואָס קען שוין צו אַ זיג פון „בונד" נישט געענדערט ווערן.

מיר שרייבן דאָס נישט מיט פרייד אלס זיגער, ווייל מיר קענען די גרויסע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, וואָס האָט צו דעם אַלעם גורם געווען. פאַרקערט, מיר שרייבן דאָס מיט אַ טיפן צער, פאַר וואָס איין אָפּצווייג פון יידישן פאָלק, זאָל עס זיין אַ קלייגער, נישט באַדייטנדיקער, געפינט זיך אין איצטיקן מאָמענט ווייט פון אונז.

ווילן מיר אויסשטרעקן די האַנט צו אַלע יידישע סאָציאַליסטן און זיי זאָגן: די צייט פון קאַמף פאַרן יידישן סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז געקומען, געקומען אין אונזער אייגן לאַנד.

קומט מיט אונז, לאָמיר זיך פרייען און קעמפן צוזאַמען.

נאָכאַמאָל וועגן די נישט־ציוניסטן

אין פֿאָריקן אַרטיקל, האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז דער נישט־ציוניסטישער לאַגער איז זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן אויף צוויי טיילן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אויף געוויסע געביטן איז צווישן זיי נישט געבליבן דער זעלבער פּרינציפּיעלער צוגאַנג צום ציוניזם. מיר וועלן דאָס פּרוּוון אויפֿקלערן. נעמען מיר, למשל, דאָס פּראָבלעם וועגן וועלטלעכקייט פֿון דער יידישע נאַציע. דאָ שטייען די יידישע קאָמוניסטן אויפֿן בונדישן באָדן. זיי אנערקענען, אַז די יידישע אַרבעטער פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער דאַרפֿן זיין אונטערגעוואָרפֿן נאָר דער פּאָליטיק פֿון די לאַנד־פּאַרטייען. די יידישע פּאָליטיק, ווערט צוגעפּאַסט צו די באַדערפֿענישן פֿון די פּאַרטייען.

מיר, פּראָלעטאַרישע ציוניסטן, שטעלן דאָס פּראָבלעם אַנדערש. מיר האַלטן אויך, אַז די יידן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער לעבן אונטער פֿאַרשיידענע באַדינגונגען: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע, און ווערן, פֿאַרשטענדלעך, פֿון זיי באַווירקט, אָבער ווערן באַווירקט אויף אַ ספּעציעלן, אייגנאַרטיקן, יידישן אופֿן. ד. ה. אַז, ווי די עקאָנאָמיש־שוואַכסטע און באָדנלאָזע און אָפּט־מאָל אינגאַנצן פֿרעמדע, ווערן זיי די ערשטע קרבנות פֿון יעדן קריזיס, פֿאַרלירן די ערשטע זייערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן און ווערן אַ ציל־פּונקט פֿון די רעאַקציעס אין קאַמף קעגן זייערע אייגענע פֿעלקער. אָט די אייגנאַרטיקע יידישע לאַגע אין אַלע לענדער שאַפֿט פֿאַר יידן ספּעציעלע פּראָבלעמען, פֿון אַרבעטלאָזיקייט און עמיגראַציע.

דאָס איז געווען דער עיקר־תּוך פֿון ציוניזם, וועלכער האָט די עמיגראַציע געלענקט קיין א״י. פֿון דאַנען דרינגט אַרויס, אַז ציוניזם — אָן יידישער אימיגראַציע קיין א״י — האָט נישט קיין מעגלעכקייטן פֿון אויפֿבויען אַ יידישע מלוכה.

פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע: צי זענען די יידישע קאָמוניסטן גרייט

צו אַנערקענען דעם גרויסן יידישן אמת? אויב נישט, וועלן זיי אַלע מאָל בלייבן — אין בעסטן פאַל, — מיטגייער, סימפּאַטיקער, אָבער נישט קיין בויער און שאַפער פון דער יידישער מלוכה. די יידישע קאָמוניסטן רעדן היינט זייער אַ סך וועגן דער הייליקייט פון דער יידישער מלוכה. דאַרף דאָך זיין קלאָר, אַז מ'דאַרף אַנערקענען די אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געהאָלפן די מלוכה צו שאַפן. צי אַנערקענען זיי דאָס? אין דעם זענען מיר נישט זיכער, ווייל אַנערקענען דאָס, הייסט אַנערקענען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווי די פּאָליטישע פירערין פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

די קאָמוניסטן זענען שטאָלץ מיט דעם ראַטנפאַרבאַנדס פאַרטיידיקן די יידישע מלוכה אין דער „אָנו". און מיר פרייען זיך אויך מיט דעם. צופיל שונאים האָבן מיר געהאַט אין אונזער גלות-לעבן. צופיל פיינט האָבן מיר נאָך היינט, אַפילו צווישן מענטשן, וואָס רופן זיך סאָציאַליסטן, אַז מיר זאָלן נישט וויסן ווי אָפּצושאַצן פריינט, וועלכע טרעטן אַרויס פאַר אונזער פאַרטיידיקונג. אָבער אָן דער ציוניסטישער אַרבעט, אָן חלוצישער קאָלאָניזאַציע און אָן דער שווערער מי און אַרבעט פון יידישן אַרבעטער-קלאַס, וואָס האָט אויסגעבויט א"י, וואָלטן קיין טויזנט דעקלאַראַציעס נישט געהאָלפן. און זיי וואָלטן אַפילו נישט נויטיק געווען, ווייל ווער וואָלט פאַר דעם געגאַנגען אין קאַמף? קיין שום רעזאָלוציע, ווי גוט זי זאָל נישט זיין, האָט נישט קיין שום ווערט, ווען ס'איז נישט דאָ ווער ס'זאָל זי אין לעבן דורכפירן. מוז מען דאָך אַנערקענען, אַז דער ציוניזם האָט מיט זיין פופציק-יעריקער אַרבעט געשאַפן דעם באָדן פאַר דער יידישער מלוכה, ד. ה. אַז ווער עס שטייט קאָנסעקווענט אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ יידישער מלוכה, מוז אַנערקענען דעם ציוניזם אַלס די פּאָליטישע פירערין פון יידישן פאָלק. אַנערקענען זיי דאָס? — אין דעם צווייפלען מיר. אויב זיי וואָלטן דאָס אַנערקענט, וואָלטן זיי דאָך געוואָרן מיטגלידער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

מיר פאַרשטייען, אַז די יידישע קאָמוניסטן האָבן אַ באַזונדערע טראַדיציע און אַ ספּעציעלן קוק אויף אַ גאַנצע רייע פּראָבלעמען. וואָלט זיי דאָך קיינער נישט געשטערט אריינצוטרעטן אַלס אַ באַזונדערע ריכטונג אין ציוניזם. איז דאָך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַ צונויפשטעל פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. מ'דאַרף זיך דאָך קלאָר מאַכן, וואָס אונזערע פּראָלעטאַרישע ציוניסטן

טיילט אָפּ פֿון בירגערלעכן ציוניזם און פֿונדעסטוועגן ארבעטן
מיר מיט אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און טוען
דאָרט אַ טאָפּלטע ארבעט: מיר גייען פֿאָרויס און וויקלען פֿאַנאַנ־
דער די רויטע פֿאָן פֿון סאָציאַליזם. פֿאַרוואָס זאָלן דאָס די יידי־
שע קאָמוניסטן נישט קאָנען טאָן? און ווי לאַנג זיי טוען דאָס
נישט, קאָן זייער ארבעט פֿאַר דער יידישער מלוכה נישט זיין עכט
און נישט גרינטלעך. און עס איז פֿאַראַן אַ מורא, אז ביי אן ענ־
דערונג פֿון דער פּאָליטיק פֿון די לאַנד־פּאַרטייען, זאָל זיך
אויך זייער באַציאונג צו דער יידישער מלוכה, בייטן. אַלס באַוויז
ווי פֿרעמד זיי זענען נאָך פֿאַר די אינטערעסן פֿון יידישן פּראָ־
לעטאַריאַט אין דער יידישער מלוכה, ווייזט ראַיסקיס באַגריסונג
צום „אירגון" און „שטערן". צי ווייסט נישט ראַיסקי, אז דער
מאַרקסיסטישער אוואַנגאַרד פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין א"י
(די פֿאַרייניקטע ארבעטער־פּאַרטיי אין א"י) האָט וועגן דעם אן
אַנדערע מיינונג? צי ווייסט ער נישט, אז דער „אירגון" האָט די
גאַנצע צייט געפֿירט אַ שטרייקברעכערישע ארבעט אין א"י? אז
ער איז שולדיק אין א סך בלוט־פֿאַרגיסונגען, אַ דאַנק זיין טע־
ראָר קעגן דער קלאַסן־באַוואוסטזיניקער ארבעטערשאַפֿט? אז פֿאַ־
ראַיאָרן, דעם ערשטן מאַי, האָבן זיי פֿאַרברענט די רויטע פֿענער
אין די איטאַליענישע לאַגערן? ראַיסקי וועט דאָך זיין איינ־
שטימיק מיט אונז, אז דער קיום פֿון דער יידישער מלוכה איז
אָפּהענגיק פֿון א ברודערלעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע
אַרבעטער־מאַסן. צי זענען אים נישט באַקאַנט די טעראָריסטישע
מאָרד־אַקטן פֿון דעם „אירגון" קעגן אומשולדיקע אַראַבער, וועלכע
האָבן ארויסגערופֿן דעם צאָרן פֿון גאַנצן יידישן ישוב? טאָ ווי
אזוי קאָן מען נעמען און פּשוט זיי באַגריסן? קיין איינער פֿון די
רעדנער פֿון די ציוניסטישע ריכטונגען האָט עס נישט געטאָן. דאָס
קאָן אים קיין כבוד נישט פֿאַרשאַפֿן?

איצט נאָך אַ זאַך. ראַיסקי רעדט כסדר וועגן ציוניזם און באַ־
מערקט נישט דעם קלאַסן־קאַמף אין ציוניסטישן לאַגער. ווי אזוי
קען עס מעגלעך זיין, אז אן ארבעטער־טוער זאָל דאָס פֿאַרזעען?
דורך דעם דאַכט זיך אונז אויס, אז די באַציאונג פֿון די יידישע
קאָמוניסטן צו דער יידישער מלוכה אין אן אויבערפֿלעכלעכע אוז
נישט גענוג ערנסטע. און מיר וואָלטן זיך עפּעס מער געוווּנטשן,
ווייל דער קאַמף פֿאַר דער יידישער מלוכה איז נאָך נישט פֿאַר־

ענדיקט, ער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און מ׳קאָן נישט פאָרויס־זעען די שוועריקייטן, וואָס וועלן נאָך זיין אויפן וועג. דערפאַר וואָלטן מיר געוואָלט האָבן אין זיי זיכערע, הונדערט פראָצענטיקע, פראָלעטארישע ציוניסטן. וועלן זיי דאָס ווערן? דאָס וועט די צו־קונפט באַווייזן. אָן דעם וועלן זיי, אין בעסטן פאַל, זיין מיט־גייער, סימפאַטיקער, אונטערשטיצער, אָבער נישט קיין מיטבויער.

וואָס שייך דעם „בונד", איז זיין פּאָזיציע באמת אַן אומ־גליקלעכע און פאַר אַלעם, פאַר אים גופא. קיין שום שונא וואָלט נישט געוועזן אימשטאַנד צו טאָן דעם „בונד" אַזוי פיל שלעכטס, ווי ער האָט זיך אַליין געטאָן די לעצטע צייט. מען האָט באַ־דאַרפט הערן די שמועסן פון די יידישע מאַסן בעת דער גרויסער פייערונג לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מלוכה, כדי מען זאָל פאַרשטיין דעם גרויסן האַס פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס דער „בונד" אַליין האָט געשאַפן.

נעמט, למשל, דעם מיטינג. אַזאַ יידישער מאַסן־מיטינג איז נאָך נישט געווען אין די גלות־לענדער. אַלע זענען דאָרט געווען. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון פּאַריז. נאָר די גרופּע בונדיסטן פון פּאַריז זענען דאָרט נישט געווען. ווי אַזוי קאָן שוין אויסזען אַ באַוועגונג, וואָס פעלט אוים דאָרטן וואו דאָס יידישע פאָלק לעבט דורך זיין גרויסע באַגייסטערונג. די בונדיסטן ווילן נישט פאַרשטיין, אַז בלייבן אויף די אַלטע פּאָזיציעס איז היינט אוממעגלעך. ווייל היינט גייט דאָך נישט דער טעאָרעטישער קאַמף צי די ציוניסטן ווילן שאַפן אַ יידישע מדינה אָדער נישט, היינט איז אַ פאַקט, אַז די מלוכה איז געשאַפן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, און היינט זיין אַנטי־ציוניסטיש הייסט זיך קעגנשטעלן דער יידישער מלוכה.

וועלן זיי זיך ווירקלעך שטעלן אין אַזאַ לאַגע, דווקא דעמלט, ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין אַנערקענט, אָדער האַלט ביים אַנערקענען די יידישע מלוכה, און ווען זי איז אַנערקענט געוואָרן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג? אפילו בעווין האָט דערקלערט: אַז ס׳קען זיין, אַז ענגלאַנד וועט זיין געצוואונגען צו אַנערקענען די יידישע מלוכה. יעדנפאַלס איז אַ פאַקט, אַז די לינקע עלעמענטן אין דער לייבאָר־פּאַרטיי פירן אַ העפטיקן קאַמף פאַר דער אַנערקענונג. שטענדיקע שונאים פון דער יידישער מלוכה, וואָס וועלן זי נישט וועלן אַנערקענען וועלן נאָר בלייבן די מופטי־

ליִיט. און אויב דער „בונד” וועט וועלן בלייבן אויף זיין פּרינ־ציפּיעלער פּאָזיציע ,וועט ער זיך געפינען איינער אליין אין דער געזעלשאפט פון די מופטי־לייט. דאָס איז נישט סתם עפּעס א פראזע אָדער א פּאָלעמישער אופן פון דיסקוטירן נאָר עס איז א פאקט, אז דער „בונד” אין פאריז פירט צו א שותפות מיט די מופטי־לייט אין קאמף קעגן דער אנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה. וועט ער ווירקלעך גיין אויף דעם וועג ? וועט ער מאכן א תל פון א רומפולער געשיכטע, וואָס דער „בונד” האָט אמאָל געשפּילט אויף דער יידישער ארבעטער־גאס און אוים שנאה צום ציוניזם, וועלן זיי די בונדישע געשיכטע מיט שאנד באדעקן ? דאָס וועט באווייזן די נאָענטסטע צוקונפט. מיר וואָלטן געוואָלט, אז דאָס זאָל זיין אנדערש. אז דער „בונד” זאָל ענדלעך אנערקענען די נייע לאגע און שליסן מיט אונז די רייען אין געמיינזאמען קאמף פאר א סאָציאליסטיש א”י.

II. וועגן קולטור-פּראָבלעמען

קעגן שטראָם

יעדער רעוואָלוציאָנערער יידישער ארבעטער מוז זיין טיף באַ־אומרואיקט צוליב דעם וואוקס פֿון די רעליגיעזע שטימונגען אין אונזער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. מיר פֿילן דעם אָנגריף פֿון די רע־ליגיעזע עלעמענטן נישט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער. מ׳קאָן זאָגן, אַז יעדנפֿאַלס אין אייראָפּע, גייט דער קלערי־קאַליזם מיט שנעלע טריט צו דער מאַכט אין אַ ריי לענדער. עס דאַכט זיך אויס, אַז דער טרוים פֿון קאַטוילישן קלער צו לייגן זיין שטעמפּל אויף די מלוכהשע אינסטיטוציעס פֿון די פֿעלקער קאָן זיך ענדיקן מיט אַ זיג.

מיר ווייסן די סיבות פֿון דעם וואוקס פֿון די רעליגיעזע שטי־מונגען און דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון קלער. נאָך אַ פּעריאָד פֿון אַ דרייסיק יאָריקן געראַנגל, ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אָט שטייען מיר שוין אויף דער שוועל פֿון סאָציאַליזם, האָט זיך די מענטשהייט איצט ארומגעזען, אַז זי געפֿינט זיך אין אַ טעמפּן ווינקל. דאָס האָט דער פּראָלעטאַריאַט געגעבן צייט דער בורזשואזיע צו שאַפֿן די אַטאָמישע באָמבע, וואָס שוועבט ווי אַ שרעקלעך גע־שפּענסט, און וואָס וואַרפֿט אָן אַ מורא אויף די פֿעלקער און ברענגט פֿאַרצווייפֿלונג און נישט־זיכערקייט. וויפֿל מאָל, האָט מען שוין געשמועסט, אַז היינט, מאָרגן קומט אַ מלחמה מיט די אטאָמישע באָמבעס און ס׳איז נישט געווען פֿאַרויסצוזען קיין שום מיטלען פֿון רעטונג. די אַנטוויקלונג פֿון טעכניק און ציוויליזאַציע, וואָס האָט באַדאַרפֿט פֿירן צו דער באַפֿרייאונג פֿון דער מענטשהייט האָט

געקענט דערפירן צו איר אונטערגאנג. אין אזא צייט, איז נאטירלעך, א גוטער באדן פאר דעם וואוקס פון די רעליגיעזע שטימונגען.

און עס איז נישט נאר היינט אזוי. ווען מיר באקענען זיך מיט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, זעען מיר, אז אין אזעלכע שווערע איבערברוך־מאמענטן, ווען דאס אלטע האט שוין אפגעלעבט אבער נאך נישט אונטערגעגאנגען, און דעם נייעם פעלט נאך אוים קראפט זיך דורכצוזעצן אין לעבן, קומט דער וואוקס פון רעליגיעזער מיסטיק. אזוי איז געווען אלעמאל און אזוי איז אויך היינט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס מיר פארשטייען די סי־בות, פון דעם וואוקס, מוזן מיר זיך מיט אלע מעגלעכקייטן אים אנטקעגנשטעלן, אויב מיר ווילן ארבעטן פאר דער רעוואלוציאנע־רער מאביליזאציע אין קאמף פארן סאציאליזם.

פונקט, ווי מיר זעען אין דער געשיכטע, אז אין שווערע מא־מענטן אין געזעלשאפטלעכן לעבן, ווערן מענטשן רעליגיעז און מיסטיש געשטימט, וואס דאס ווערט אויסגענוצט פון דער רעאקציע אין קאמף פאר איר הערשאפט, פונקט אזוי זעען מיר, אז אין מאמענט פון רעוואלוציאנערן אויפברויז, קערן זיך די פעלקער אפ פון דער רעליגיע און מיסטיציזם, און באנוצן זיך מיט דער מאטעריאליס־טישער פילאזאפיע, ווי א געצייג אין קאמף פאר זייער פרייהייט. אזוי איז עס געווען נאך טיף אין מיטלאלטער ביי די פויערן־בונטן, וועלכע האבן נאך, אמת, דעמלט געדענקט רעליגיעז, אבער האבן אלע רעליגיעזע באגריפן צוגעפאסט צו זייערע מאטעריעלע באַ־דערפענישן. נאך קלארער איז דאס געווען אין ענגלאנד, וואו די עמפירישע פילאזאפיע האט טעארעטיש צוגעגרייט די גרויסע רע־וואלוציע פון 17טן יארהונדערט אין ענגלאנד. די עמפירישע פי־לאזאפן זענען נאך אויך נישט געווען באפרייט פון רעליגיעזער מיס־טיק. זיי האבן נאך אויך געגלויבט אין א גאט, אבער דאס איז ביי זיי שוין געווען אן אבסטראקטער אידעאל, זיי האבן די גאטהייט פארטריבן פון געזעלשאפטלעכן לעבן, און געפרעדיקט, אז די מענטש־לעכע געזעלשאפט קאן זיך אין איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג שטיצן נאר אויף די מאטעריעלע דערפארונגען. נישט אומזיסט, האט זיי פרידריך ענגעלס אנגערופן „שעמעוודיקע מאטעריא־ליסטן", ד. ה. מאטעריאליסטן, וואס האבן נישט דעם מוט מודה צו זיין, אז זיי זענען דאס.

נאָך בולטער ווערט דאָס אין דער גרויסער בורזשואזער רעוואָלוציע. נאָך איידער די בורזשואזע רעוואָלוציע איז אויסגע־בראָכן האָט שוין די בורזשואזיע באַהערשט די עקאָנאָמישע שליסל־פּאָזיציעס פֿון לאַנד, און האָבנדיק הינטער זיך אַ פֿעסטן באָדן, האָט זי פֿון זיך אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי מאַטעריאַליסטישע פֿילאָ־זאָפֿן, וועלכע האָבן טעאָרעטיש און וויסנשאַפֿטלעך צוגעגרייט די רעוואָלוציע. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַלס בורזשואזע פֿילאָזאָפֿן האָבן זיי געהאַט אַ סך חסרונות און ווידערשפּרוכן, אָבער עס איז אָן שום צווייפֿל, אַז זיי זענען געווען דורכאויס רעוואָלוציאָנער און מאַטעריליסטיש.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אָנגעפֿירט מיט דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז עס נאָר געווען אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז געווען אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטיש, ד. ה. זי האָט זיך באַקענט צו דער לערע פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און האָט פֿאַר דער פֿי־לאָזאָפֿישער וועלט־אָנשויאונג געקעמפֿט אָן פּשרות. לעניס באַ־רימטע לאָזונג, אַז אָן רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, איז נישט דאָ קיין רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק, האָט באַדייט, אַז פּונקט ווי מ׳דאַרף אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם פֿירן אַן אומקאָמפּראָמיסלאָזן קלאַסן־קאַמף קעגן דער בורזשואזיע אויפֿן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט, פּונקט אַזוי דאַרף מען זיין אומברחמנותדיק און רעוואָלוציאָנער אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט. פּונקט אַזוי איז ער געווען קרי־געריש אין קאַמף פֿאַר דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַ־ליזם, און פֿון דעם דרינגט אַרויס, אַז אויב דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט וויל זיין פֿעאיק צו פֿירן רעוואָלוציאָנער זיין פּאָלי־טישן קאַמף פֿאַר דער מאַכט, מוז ער פֿאַרטיידיקן זיין רעוואָלוציאָ־נער־מאַטעריאַליסטישע אויפֿפֿאַסונג. ד. ה. ער מוז דערקלערן אַן אומפּשרותדיקן קאַמף אַלע רעליגיעזע שטימונגען און רעליגיעזע אידעאַלן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס קען מען נישט און מ׳טאָר עס נישט מאַכן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, רעליגיעזע מיסטיק וועט ענדגילטיק פֿאַרשווינדן ווערן אין דער סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפֿט, אָבער שוין היינט דאַרף מען קעגן איר פֿאַרשטאַרקן אונזער אידעאָלאָגישן קאַמף.

אויף דער יידישער גאַס זענען פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס טענהן אַז די יידישע רעליגיע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אויפֿ־

האַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק און דורך דעם זענען זיי גרייט צו קאַפּיטולירן פֿאַר דעם וואוקס פֿון רעליגיעזע שטימונגען אין דער יידישער גאַס, און אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען גרייט צו קאַפּיטולירן, געפֿינען זיך אין אַלע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק, אָנהויבנדיק פֿון עקסטרעמען רעאַקציאָנערן פֿליגל ביז קאָמוניסטן איינגעשלאָסן. האַלטן מיר, אַז די טענה פֿאַר נישט בארעכטיקט. מיר ווילן נישט לייקענען די גרויסע ראָל, וואָס די יידישע רעליגיע האָט געשפּילט פֿאַרן אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק, פּונקט ווי מיר ווען נישט לייקענען די גרויסע ראָל, וואָס די קריסטלעכע רעליגיע האָט געשפּילט ביים אויפֿהאַלטן די ציוויליזאַציע נאָכן פֿאַנאַנדערפֿאַלן זיך פֿון דער רוימישער אימפּעריע, — פֿונדעסטוועגן ווערן מיר אומרואיק, ווען מיר זעען אַז קריסטלעכע אַרבעטער ווילן זיך אָרגאַניזירן לויט די פּרינציפּן פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע. אין דער זעלבער צייט, קענען ביי אונז אויף גרעסערע פֿאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע אויפֿטרעטן מענטשן, וואָס רופֿן זיך סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, וועלכע פֿאַררופֿן זיך אויף די תנאים פֿון תלמוד. ביי אונזער גאַנצן דרך ארץ צו דער לערע פֿון תלמוד, שטעלן מיר אָבער פֿעסט, אַז דאָס הייסט אַ צוריקגאַנג אין מיטלאַלטער.

נאָך דער לערע פֿון העגעל, פֿייערבאַך און מאַרקס, נאָך דער לערע פֿון לענין, לוקסענבורג און באָראָכאָוו צוריקקערן זיך צו דער לערע פֿון תלמוד, הייסט אַ גוואַלטיקער צוריקגאַנג. און ס'איז אַ באַווייז פֿון פֿארלוירנקייט. אויב די יידישע רעליגיע האָט אַפֿילו געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק, איז דאָס געווען דערפֿאַר, וואָס אונז האָט אויסגעפֿעלט דאָס אייגענע מלוכה־לעבן. די רעליגיע האָט ביי אונז טיילווייז פֿאַרטראָטן די מלוכה־אינסטיטוציע. אָבער, היינט, ווען מיר האָבן אונזער אייגענע מלוכה, וועלכע האָט זיך שוין ארויסגעוויזן אַזוי אומבאַזיגבאַר, האָבן מיר שוין מיט דעם, אַ נאָרמאַלע באַזע פֿאַר אונזער פֿאָלקס־עקזיסטענץ. מיט דעם אַליין האָט די רעליגיע אַלס באַזע אויפֿצוהאַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק, איר ראָל אָפּגעשפּילט. היינט שטייט שוין נישט די פֿראַגע, אַז די יידישע רעליגיע זאָל זיין אַ פֿאַקטאָר אין אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק, נאָר פֿאַרקערט, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אויף זיין וועג צו פֿאַרוואַנדלען ישראל אין אַ סאָציאַליסטישער מדינה, מוז דערקלערן אַן אומבאַ־

רחמנותדיקן אידעאָלאָגישן קאַמף דער יידישער רעליגיע און דעם יידישן קלער. דער יידישער ארבעטער אין אלע לענדער וואו ער זאָל זיך נאָר נישט געפֿונען, מוז פֿארשטיין, אז דער זיג פֿון דער רעלי־גיע און קלער איז א טויט פֿארן סאָציאליזם. ס'איז געקומען די העכסטע צייט, ווייטער פֿונאַנדערצוּוויקלען די פֿאָן פֿון קעמפֿערישן היסטאָרישן מאַטעריאליזם.

א געפּערלעכע דיסקוסיע

אין דער יידישער פּרעסע האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע דיס־קוסיע ארום דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס אין אמעריקע. די דאָזיקע דיסקוסיע וואָלט מען באַדאַרפט באַגריסן: הלוואי וואָלט מען געקאָנט, ווענן אַלע פּראָבלעמען פירן א פריע דיסקוסיע. דער פּאָלי־טישער ניוואָ פון די דיסקוטאַנטן און פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָלט זיכער פון דעם געוואונען. אָבער די דיסקוסיע, וואָס קומט איצט פאָר, איז זייער א געפערלעכע און שעדלעכע, וואָרום איין צד באַנוצט זיך מיט ארגומענטן, וואָס זענען אָביעקטיוו נישט קיין ריכ־טיקע און קענען שלעכט אויסווירקן פאַרן קיום פונעם יידישן פאָלק.

אָט דער צד האָט איין טענה א ריכטיקע: הלמאי מ׳האָט אויס־געשלאָסן אים פון אָנטיילנעמען אין דעם קאָנגרעס. זענען מיר אין דעם פונקט מיט אים איינשטימיק און האַלטן אָט דעם אויסשלוס פאַר א גרויסן פעלער, וועלכן מ׳דאַרף פאַרריכטן און דאָס וועט דאַרפן זיין — לויט אונזער מיינונג — איינע פון די הויפּט־אויפ־גאַבן פון דער פאַריזער דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס.

דאָס אָבער גיט נאָך נישט דעם אויבנדערמאָנטן צד קיין רעכט אוועקצושטעלן דעם קאָנגרעס אין אַזא ליכט, וואָס שטימט נישט מיטן אמת.

איידער מיר גייען איבער פּאָלעמיזירן מיט די פאַלשע ארגו־מענטן, וואָס דער דאָזיקער צד רוקט ארויס, ווילן מיר צוערשט באַגרינדן אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צו דעם קאָנגרעס.

1) היסטאָריש גענומען האָט דאָס יידישע פאָלק זינט עס איז אוועק אין גלות, תמיד געהאַט קולטור־צענטרען, וואָס האָבן גייסטיק געשפּייזט די יידישע ישובים פון גאָר דער וועלט. דאָס איז א לאַנגע צייט געווען ארץ ישראל אליין, בבל, שפּאַניע, א געוויסע צייט פראַנקרייך און צולעצט פּוילן און רוסלאַנד.

ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעם אויפקום פון דער יידישער

ליטעראַטור אין אַמעריקע אָן דער טראַדיציע, וואָס זי האָט געצויגן פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן.

און איצט, ווען די אַלטע צענטערן זענען אַזוי שרעקלעך אומגעקומען, און ווען דאָס יידישע פֿאָלק אין אַלע לענדער איז קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו אַ סך שוואַכער ווי פֿריער, וואָלט עס געווען אַן אומפֿאַרציילעכער פֿעלער, ווען מיר וואָלטן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער שאַפֿונג פֿון אַ נייעם, יידישן קולטור־צענטער אין אַמעריקע. מיר האָבן נישט קיין ברירה, מיר קענען נישט אויסקלייבן, מיר מוזן נעמען דאָס, וואָס איז פֿאַראַן.

2) ביי אונז יידן האָט אַזאַ מין קולטור־צענטער אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי ביי אַנדערע פֿעלקער. ווייל אויב אין תוך האָט ביי אונז די קולטור די זעלביקע אויפֿגאַבע, וואָס ביי אַנדערע פֿעלקער, וואָס באַשטייט אין גייסטיקער באַפֿרידיקונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, איז אָבער די פֿראַגע פֿון אָרגאַניזירן די קולטור, ביי אונז אַ סך קאָמפּליצירטער ווי ביי אַנדערע פֿעלקער.

ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער, רייכערע און שטאַרקערע פֿאַר אונז, ווערט די קולטור אונטערגעשטיצט פֿון די מלוכהשע אינסטיטוציעס.

ס'איז נישט מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן קיין איין גוטן טעאַטער, מוזעאום, נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, הויך־שול, מיטל־שול און פֿאָלקס־שול, וואָס זאָל נישט געשטיצט און סובסידירט ווערן פֿון דער מלוכה אָדער פֿון די שטאָט־ראַטן. אַפֿילו די ערנסטע צייטונגען, און ווער שמועסט נאָך וויסנשאַפֿטלעכע זשורנאַלן, קענען נישט אויסקומען אָן די סובסידיעס.

און דאָרט, וואו קיין מלוכה־סובסידיע איז נישטאָ, קומען צו־הילף די טרעסטן און באַנק־געזעלשאַפֿטן, וועלכע זוכן אַזוי אַרום צו פֿאַרשפּרייטן זייער השפּעה. ביי אונז איז דאָס אַלץ נישטאָ. יעדנפֿאַלס פֿאַרמאָגן מיר עס נישט אין גלות. ווערט עס אַ פֿראַגע פֿון וואָלאָנטאַריזם, פֿון פֿרייער, געזעלשאַפֿטלעכער איניציאַטיוו. מוז אַלזאָ געשאַפֿן ווערן אַ יידישער צענטער, וואָס זאָל זיך דערמיט פֿאַרנעמען, וואָס זאָל אָרגאַניזירן און צענטראַליזירן, און צוועקמעסיק אוועקשטעלן יעדע זאַך אויף איר אָרט. נאָר אַזאַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, קאָן דערמעגלעכן די אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קולטור, קאָן אַרויסרופֿן באַגייסטערונג און העלפֿן אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פֿון די יידישע פֿאָלקס־

מאַסן אין גאַר דער וועלט. דער יעניקער, וואָס פאַרשטייט עס נישט, פאַרשטייט נישט די עלעמענטאַרסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור היינט צו טאָג. אמת, מיר שטייען איצט פאַר גרעסערע און וויכטיקערע געשעענישן, ווי דער קולטור־קאָנגרעס. דאָס איז דער אויפבוי פון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל, וואָס וועט מיט איר עקזיסטענץ גופא באַגייסטערן און צעמענטירן די יידישע קיבוצים פון גאַר דער וועלט און איינגלידערן זיי אין יידישן פאָלק.

מ׳דאַרף אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר דער יידישער קולטור קאָן דערגענצן דאָס ווערק פון דער יידישער מלוכה אין גייסט פון אויפהאַלטן און באַפעסטיקן די יידישע נאַציע.

לאָמיר איצט זען, וואָס עס טענהן אונזערע קעגנער:

אין אַמעריקע אַרבעט מען אויס אַ מאַרשאַל־פּלאַן, כדי עקאָנאָמיש צו פאַרשקלאַפן אַלע אייראָפּעאישע פעלקער און אָרגאַניזירן דעם פאַשיזם אין וועלט־מאַסשטאַב צום קאַמף מיטן ראַטנפאַרבאַנד. דער קולטור־קאָנגרעס דאַרף, אויף דער יידישער גאַס, דינען אָט דעם פּלאַן. דאָס הייסט, עס דאַרף זיין אַ יידישער מאַרשאַל־קולטור־קאָנגרעס. דאָס איז אַ פאַלשע און שעדלעכע טעות, ווייל אירע מחברים אליין באַהויפּטן דאָך, אַז דער מאַרשאַל־פּלאַן ווערט דיקטירט פון די אַמעריקאַנער טרעסטן און באַנקן; אָבער אַלע ווייסן דאָך, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור איז נישט בנמצא אָט דער עלעמענט. ווייל אויב ביי אַנדערע פעלקער, איז די ליטעראַטור אַנטשטאַנען אין די סאַלאָנען און פון דאָרט אַריבערגעגאַנגען אין פאָלק אַריין, איז ביים יידישן פאָלק אָט אַ דער פּראָצעס פאַרגעקומען אינגאַנצן פאַרקערט. די יידישע ליטעראַטור איז געקומען פונם פאָלק, נישט נאָר אָן דעם יידישן קאַפּיטאַליסט און באַנקיר, נאָר קעגן אים, אין קאַמף מיט אים. ווייל דער יידישער רייכער מענטש רעדט אומעטום אין דער לאַנדס־שפּראַך, איז אַסימילירט, האָט גערופן צו אַסימילאַציע און באַקעמפט די אַנטשטייאונג פון דער יידישער קולטור.

ווי זשע קאָן מען איצט וואַרפן אַזאַ בלבול אויף דער יידישער קולטור, אַז זי שטעלט זיך אין דינסט פונם מאַרשאַל־פּלאַן?

מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די יידישע שרייבער אין אַמעריקע, אויב זיי זענען אפילו אליין אין מאַידאַנעק און טרעב־

לינקע נישט געווען, האָבן זיי דאָך עמיצן פון זייערע נאָענטע דאָרט איבערגעלאָזט און די גאַנצע יידישע ליטעראַטור איז אונטערן צייכן פון חורבן אין אייראָפּע, פונקט ווי אירע טרעגער וואָלטן אים אליין איבערגעלעבט. און אונזער חורבן איז דאָך א פועל יוצא פון רעאַקציע, מלחמה און פאַשיזם.

מיר ווילן דערמיט נישט זאָגן, אַז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס וועט זיין ריין פון רעאַקציאָנערן, זיי וועלן אָבער דאָרט זיין ווייניקער, ווי ביי וועלכן ס'איז נישט אַנדערן פאָלק.

און נאָך עפּעס דאַרף מען געדענקען:

דער אמת איז אומטיילבאַר. האַלט מען טאַקע באמת, אַז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס וועט העלפן אָרגאַניזירן דעם פאַשיזם אין זיין מלחמה־פאַרמעסט קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, דאַרף מען עס זאָגן נישט נאָר ביי אונז, נאָר אויך ביי די פעלקער, וואָס זענען פון אָט דעם פאַשיזם אַמשטאַרקסטן באַדראָט: ראַטן־פאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע א. אַ. וו.

נו, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, ווען זיי וואָלטן דערין געגלויבט, וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד און די מזרח־מלוכות וואָלטן דערפון געצויגן און מיט געוויסע רעכט.

ס'וועט דעמלט נישט העלפן צו טענה'ן, אַז דער פּראָגרעסיווער טייל פון יידישן פאָלק איז אין אָט דעם קאָנגרעס נישט פאַרטראָטן, ווייל ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז דאָרט וועלן זיין ניין צענטל פון די יידישע קולטור־טוער.

מיר האַלטן דעריבער, אַז די דאָזיקע טענע, און אַזא דיסקוסיע אַרום דעם קולטור־קאָנגרעס, אַלס זייער שעדלעך.

וועגן קולטור־קאָנגרעס

דעם 16טן סעפּטעמבער עפֿנט זיך אין ניו־יאָרק דער אַלוועלט־לעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס. זיין פּראָגראַם איז אַ ברייט פֿאַרצווייגטער, ער נעמט אַרום אַלע געביטן פֿון יידישער קולטור־שאַפֿונג. מ׳קאָן באמת זאָגן, אַז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס שטעלט זיך ריזיקע אויפֿגאַבן, וואָס פּאַסן פֿאַר מלוכהשע אינסטאַנצן. שטעלט זיך אַ פֿראַגע, איז דאָס מעגלעך? צי קען אַ פּריוואַטע אָר־גאַניזאַציע פֿאַרטרעטן אַ מלוכהשע אינסטיטוציע? מיר ווייסן נישט ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, נאָר ביי אונז יידן האָט עס אַ זינען. אונזער גאַנצע גלות־געשיכטע זאָגט עדות דערויף, אַז דאָס יידישע פֿאָלק איז געוווינט צו פֿרייוויליקער אָנשטרענגונג, פֿאַרבונדן מיט דער גרעסטער אַפּוערוויליקייט פֿון די יידישע מאַסן, אויף צו דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום.

מיר וועלן נישט אויסרעכענען די באַזונדערע פּונקטן פֿון פּראָג־ראַם, מיר וועלן נאָר פֿעסטשטעלן, אַז אויב נאָר אַ טייל פֿון דעם פּראָגראַם, זאָל אַדורכגעפֿירט ווערן, וועט עס זיין אַ ריזיקע דער־גרייכונג פֿאַר דער יידישער קולטור. מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג, פֿון די גרויסע אָביעקטיווע שוועריקייטן, וואָס וועלן זיך שאַפֿן במשך פֿון דעם אדורכפֿירן די פּלענער, דערפֿאַר האַלטן מיר נאַקע, אַז מ׳דאַרף באַזייטיקן די שוועריקייטן, וואָס לאָזן זיך באַ־זייטיקן, ד. ה., אַז מ׳דאַרף זאָרגן פֿאַר דעם, אַז די אַלע לעבעדיקע כוחות פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס ווילן אָנטיילנעמען, זאָלן דאָרט זיין פֿאַרטרעטן. צוליב דעם האַלטן מיר פֿאַר נישט ריכטיק און שעדלעך, דאָס אויסשליסן די יידישע קאָמוניסטן. מיר ווילן נישט ווערן קיין היסטאָרישע ריכטער און משפּטן, ווער ס׳איז באַגאַנגען די ערשטע זינד פֿון שפּאַלטן. פֿאַר אונז געניגנט איין זאַך, אַז די, וואָס ווילן אָנטיילנעמען אין דער בויאונג פֿון דער יידישער קולטור, דאַרפֿן האָבן די מעגלעכקייטן פֿאַר צוזאַמענאַרבעטן. אונז ווייזט זיך אַרויס פֿאַר נישט באַגרינדעט די טענה, אַז מיט יידישע קאָמוניסטן קאָן

מען נישט מיטאַרבעטן, ווייל זיי ווילן אַלץ מאָנאָפּאָליזירן און אויב דאָס גיט זיך זיי נישט איין — צעברעכן. קיין שום געריכט האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרמשפּט מענטשן, ווייל זיי וואָלטן באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, ווען זיי וואָלטן געקענט. מען משפּט אַלעמאָל לויט פּראַקטישע טאַטן. טאָ לאָמיר די יידישע קאָמוניסטן געבן אַ מעגלעכקייט פון צוזאַמענאַרבעטן און משפּטן לויט זייער ארבעט. דאָס איז ערלעך און דאָס איז לאָיאַל. דאָס אָנהויבן דעם קאָנגרעס באַלד מיט אויסשליסן באַשטימטע שיכטן, איז נישט־געזונט און קאָן ברענגען שאָדן אונזער קולטור־אַרבעט, יעדנפאַלס דאָ, ביי אונז אין מערב־אייראָפּע.

דעם שטאַנדפּונקט וועלן מיר דעצידירנדיק און ענערגיש פאַרטיידיקן אויפן קולטור־קאָנגרעס. פאַרשטענדלעך, אָפּגרענעצנדיק זיך פון דער שמוץ־ און רכילות־קאַמפּאַניע. מיר ווילן אונזער שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקן ערלעך און אָפן, ווי עס פּאַסט פאַר יידישע פּראָלעטאַריער. מיר ווילן אויך זאָרגן דערפאַר, אַז די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קולטור זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט. עס זאָלן געשאַפן ווערן אין אַלע צענטערן פון דער וועלט אינסטאַנצן, וואָס זאָלן זיין באַרופן אָנצופירן מיט דער יידישער קולטור־אַרבעט אויף די ערטער. און די אינסטאַנצן זאָלן ווערן אָרגאַניזירט אויף אַן אמת דעמאָקראַטישן אופן. מיר וועלן אויך פירן אַן אידעאָלאָגישן קאַמף אויף דעם קולטור־קאָנגרעס. אונז דאַכט זיך, אַז געוויסע פירער פון יידישן קולטור־קאָנגרעס זענען נאָך ביז היינט באַהערשט פון אַ פאַלשער אידייע, וואָס זיי ווילן אַריינברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז די משיחישע מיסיע פון יידישן פאָלק. די דאָזיקע אידייע האָט אונז שוין טייער געקאָסט. מען פּרעדיקט זי שוין צוויי טויזנט יאָר. און דאָס האָט קיינעם נישט געשטערט, דאָס אַזוי גערופענע משיח־פאָלק, אַזוי שרעקלעך צו פאַרטיליקן. מיר האַלטן די אידייע פאַר שעדלעך צוליב דעם, ווייל זי פּרעדיקט, אַז מיר זענען אַ פאָלק, וואָס דאַרף נאָר גייסטיק ווירקן און לייגט ווייניק אַכט אויף דעם קאַמפס־מאָמענט, און דאָס איז באַזונדערס שעדלעך איצט, ווען מיר שטייען אין אַזאַ רעצידירנדיקן קאַמף פאַר דעם גורל פון יידישן פאָלק.

אָט די פאַלשע איינשטעלונג דערפירט צו דעם, אַז די יידישע ליטעראַטור איז ווייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט. מיר וועלן ברענגען צוויי פאַקטן: ערשטנס, די געשיכטע מיט דעם „עקזאָדוס",

מיט וועלכער עס איז געווען פֿול די גאַנצע וועלט־פּרעסע. און ווירקלעך איז דאָס געווען אַ לעגענדאַרער קאַמף פֿון יידישע העלדן ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען, ארומגערינגלט פֿון אַ שרעקלעכן, בלוטיקן שונא, האָבן אָט די אומבאַוואָפֿנטע מענטשן געפֿירט זייער קאַמף און זייער ציל דערגרייכט. זיי זענען נישט אַראָפּ אין פֿראַנקרייך אָדער אין אַנדערע לענדער, וואו דער שונא האָט זיי געוואָלט פֿאַרנאַרן, און זיי געפֿינען זיך דאָרט, וואו זיי האָבן געוואָלט — אין זייער פֿאָטערלאַנד.

פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ אָפּשפּיגלונג האָט דאָס געפֿונען אין דער יידישער ליטעראַטור? וואו זענען די לידער, פּאָעמעס, שילדערונגען, וואָס זאָלן שילדערן אָט די גרויסע עפּאָפּייע פֿון יידישן קאַמף? אַזעלכע זענען ביז איצט כמעט נישט געשאַפֿן געוואָרן. און מיר האַלטן, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיך דערפֿאַר שעמען. איצט אַ צווייטער פֿאַקט: נאָך אַכצן הונדערט יאָר פֿון קנעכטשאַפֿט איז דאָס יידישע פֿאָלק אַרויס ווייטער אין אַ באַוואָפֿנטן קאַמף פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטשטענדיקייט פֿון יידישן פֿאָלק. די גאַנצע וועלט באַוואונדערט זייער גבורה. אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס פֿון אָט דעם קאַמף געפֿינען זיך קינדער, וואָס זענען נעכטן געווען אין מאַידאַנעק און אין טרעבלינקי. דאָרט האָט היטלער געוואָלט דערשלאָגן ביי זיי יעדעס מענטשלעכע געפֿיל און מענטשלעכע ווירדע. און אָט זענען איצט די קינדער אין אייגענעם לאַנד אויסגעוואַקסן צו העלדישע קעמפֿער. פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר זיין ערגער ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער? ביי די פּאָלאַקן, למשל, האָט די פּוילישע ליטעראַטור, במשך פֿון הונדערט יאָר צייט, פֿון מיצקעוויטשן ביז זשעראָמסקין, באַוואונדערט די העלדישע קאַמפֿן פֿון פּוילישן פֿאָלק פֿאַר דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. אויך ביי די רוסן איז פֿאָרגעקומען דאָס זעלבע, כאָטש אונטער אַנדערע אומשטענדן. די רוסישע ליטעראַטור האָט העכער הונדערט יאָר צייט, פֿון פּושקינען ביז מאַקסים גאָרקין, געדינט דעם פֿרייהייטס־קאַמף פֿון רוסישן פֿאָלק קעגן צאַריזם, און דאָס איז געווען זייער גרויסקייט. דורך דעם, האָבן זיי באַהערשט די מוחות און די הערצער פֿון די פֿעלקער. און אויב פּרץ האָט צוגעגעבן, אַז די פּאָלאַקן האָבן געהאַט האַלבע נביאים, האָט ער דאָס נישט נאָר געמיינט פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פֿון קאַמפֿס־כאַראַקטער, וואָס די קינסטלער האָבן אַריינגעטראָגן אין זייערע שאַפֿונגען. ס'וואָלט

געוועז זייער טרויעריק, ווען ביי אונז זאָל זיין אַנדערש, אז ביי אונז זאָל די יידישע ליטעראטור שטיין פון דער ווייטנס פון יידישן נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן מיר גאָרנישט קעגן דעם, אז די יידישע ליטעראטור זאָל זיך פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען פון לעבן פון די יידישע מאַסן אין די גלות־לענדער. זי דאַרף און מוז דאָס טאָן, אויב מ'וויל האָבן א יידיש־נאַציאָנאַל לעבן אין גלות. נאָר דער הויפּט־צענטער, וואָס מוז באַווירקן דאָס יידישע שאַפן, דאַרף זיין דאָס לאַנד אין וועלכן ס'קומט צום אויסדרוק די יידישע גבורה. די גבורה איבערטראָגן אין גלות, הייסט באַווירקן מיליאָנען יידן פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן אויפקום און דאָס וועט שאַפן א פעסטע מאַסן־באַזע פאַר יידישער קולטור־שאַפונג.

אויב דער יידישער קולטור־קאָנגרעס וועט דאָס נישט פאַרשטיין, וועט ער אליין, ביז א מינימום רעדוצירן די מעגלעכקייטן פון דער יידישער קולטור־שאַפונג. אָט פאַרוואָס מיר וועלן קעמפן אויפן קול־טור־קאָנגרעס פאַר ענגער פאַרבינדונג צווישן דער יידישער קולטור מיט דער יידישער מדינה. מיר קומען דורך דעם אויפן קולטור־קאָנגרעס מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאָלאָגישע פּלע־נער. פאַר זיי וועלן מיר קעמפן ווי יידישע שרייבער און ווי פּראָ־לעטאַרישע ציוניסטן.

III. אויף יידיש-מארקסיסטישע טעמעס

גלות-פילאָזאָפיע

מיר האָבן שוין, אין אונזערע צוויי ארטיקלען, וועגן די „נישט-ציוניסטן" אָנגעוויזן, אז דער אנטי-ציוניסטישער לאגער, איז נישט קיין איינהייטלעכער. אָבער, אין אן עיקר-פּרט גייען זיי זיך ביידע צונויף: ביידע זענען אַנטי-ציוניסטיש, סיי די יידישע קאָמוניסטן און סיי דער „בונד".

מיר מוזן אנערקענען די גרויסע פאַרדינסטן פון די יידישע קאָמוניסטן פאַר זייער ארבעט לטובת דער מדינת ישראל. אָבער, ווען מיר טראכטן זיך אריין, באמערקן מיר, אז דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן פאַר דעם קאַמף אין שפּאַניע. זיי וואָלטן דאָס זעלבע געטאָן אויך פאַר אן אנדער פאָלק, ווען דאָס אַנטשפּרעכט זייער פּארטיי-ליניע. זיי קעמפן פאַר ישראל, ווי פאַר א לאנד, וואו עס געפינט זיך אַ געוויסע צאָל יידן, פאַרבינדן אָבער נישט ישראל, מיט דער גורל-לאגע פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט.

מיט דעם גייען זיי זיך צונויף מיטן „בונד". אמת, דער שטאַנדפּונקט פונם „בונד" איז נאָך וויניקער אויסגעהאַלטן און אפילו לעכערלעכער. זיי טענה'ן, אז די איצטיקע ציוניסטישע שטי-מונגען פון דעם יידישן פאָלק אין גאַר דער וועלט, זענען אַ פּראָ-דוקט פון ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס איז פאַרשטענדלעך — לעכערלעך. ווייל אויב אַנדערע פעלקער, ווערן אמאל פאַרכאַפּט פון פאַלשע אידייען, איז דאָס נישט בלויז צוליב דער פּראָפּאַגאַנדע,

וואָס ווערט געמאַכט, נאָר אויך צוליב די צוואַנגס־מיטלען וואָס די הערשנדיקע קלאַסן באַזיצן צו צווינגען די פעלקער אזוי צו טראַכטן.

ביים יידישן פאָלק, זענען אזעלכע צוואַנגס־מיטלען נישט פאַראַנען. הייסט עס, אז אין דעם פאַל האָט בלויז געזיגט די אידעאָלאָגישע זייט פון דער פּראָפּאַגאַנדע! איז דאָס, דאָס געזונדסטע, וואָס עס קאָן געשען ביי פעלקער און ביי קלאַסן! עס איז אַן אידעאָלאָגישער זיג: די יידישע מאַסן האָבן זיך, אָן צוואַנג, פרייוויליק, זיך באַקערט צום ציוניזם.

פאַרשטענדלעך, אז עס איז נישט קיין צופאַל, און עס קען נישט זיין קיין צופאַל! און אונז דאַכט זיך אויס, אז אומזיסט איז דאָס ווארטן פון די בונדיסטן אויף אַן ענדערונג אין די שטימונגען.

לאָמיר אָננעמען אויף איין מינוט, אז די בונדיסטן זענען גערעכט אין באַצוג צו דער יידישער גאַס, אז „די יידישע מאַסן זענען צייטוויליק באַהערשט געוואָרן פון „ציוניסטישער אוטאָפּיע". וואָס וועלן זיי אָבער זאָגן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז אויך „באַהערשט פון דער ציוניסטישער אוטאָפּיע? ניין, דאָס קאָן נישט זיין קיין רייד פון ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע; דאָ האָבן געווירקט סאָציאַליסטישע גרונט־פּרינציפּן, פאַר וועלכע דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם האָט אַלעמאָל געקעמפּט, איז אָבער נישט אַלע מאָל פאַרשטאַנען געוואָרן. צום באַדויערן, האָט געמוזט קומען אונזער גרויסע טראַגעדיע, כדי דעם אמת קלאָר צו מאַכן.

מען מוז פעסטשטעלן, אז נישט אַלע מאָל האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם פאַרשטאַנען די יידישע נאַציאָנאַלע פּראַגע. און מיר וועלן גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אז די נאַציאָנאַלע פּראַגע בכלל, איז געווען דאָס איינציקע פּראָבלעם, ארום וועלכן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט געבלאָנדזשעט. און נאָכמער, עס איז וועגן דער פּראַגע, בכלל קיין איינהייטלעכע שטעלונג נישט געווען.

מען קען אין קוק פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אויף דער פּראַגע געפינען דריי ריכטונגען: איינע, וועלכע איז רעפּרעזענטירט געוואָרן פון ראָזא לוקסעמבורג און אירע אָנהענגער, וועלכע האָבן, אמת, נישט נעגירט די נאַציאָנאַלע פּראַגע, אַנערקענט אין פּרינציפּ, די רעכט פון יעדער נאַציע אויף זעלבסט־באַשטימונג,

אין דער זעלבער צייט אָבער אויך אָנערקענט, אז די פֿראגע אין אומ־מעגלעך צו לייזן אין די ראמען פֿון קאפּיטאַליזם און אז דאָס נאַ־ציאָנאַלע פּראָבלעם קאָן געלייזט ווערן נאָר נאָכן זיג פֿון סאָציאַליזם.

דאָס אוועקשטעלן אזוי די פֿראגע איז א פֿעלער, ווייל פֿון דעם וואָלט מען געקאָנט ארויסציען די מסקנה, אז עס איז אוממעגלעך צו פֿירן א קאמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג פֿון שוואכע נאַציעס.

די צווייטע שיטה איז געווען פֿארטרעטן פֿון אָטאָ באוער און די נאָענט צו אים שטייענדיקע, רוסישע מענשעוויקעס, וועלכע האָבן געוואָלט שאפֿן א קינסטלעכע געביידע, וואו דער אימפּעריאַליזם זאָל בלייבן אומבאשעדיקט, און די נאַציאָנאַלע פֿראָגע זאָל טייל־ווייז דאָ געלייזט ווערן. דאָס איז געווען די טעאָריע, פֿון נאַציאָ־נאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ד. ה. א סיסטעם וואו פֿארשיידענע פֿעלקער זענען צונויפֿגעבונדן אין איין לאַנד, און פֿארשטענדלעך, אונטערגעוואָרפֿן דער עקאָנאָמישער הערשאפֿט פֿון דער שטאַרקע־רער נאַציע, נאָר אויפֿן געביט פֿון קולטור זאָלן זיי האָבן זייער נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. מיט דעם אליין, האָבן זיי פֿארלייקנט די־רעכט אויף א פֿרייער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט.

איינער פֿון די גרינדער פֿון דעם רוסישן מענשעוויזם און פֿון „בונד" אבראַמאָוויטש, באַהויפּטעט אין „סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק", אין זיין ארטיקל פֿון 30טן יולי 1948, אונטערן קעפּל: „די נאַציאָנאַלע פֿראגע און די סאָציאַל־דעמאָקראטיע", אז די טע־אָריע פֿון אָטאָ באוער איז אויף אייביק באַנקראָט, אז זי וועט שוין מער קיין תחית־המתים, נישט אויפֿשטיין. אָט גיט אבראַ־מאָוויטש אליין ארויס א טויט־אורטייל איבער דער טעאָריע פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

הייסט עס, אז סיי די שיטה פֿון ראָזא לוקסעמבורג און סיי די שיטה פֿון אָטאָ באוער, האָבן קיין ענטפֿער אויף דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם נישט געגעבן. און במילא, האָבן זיי קיין ענטפֿער אויך נישט געקענט געבן אויף דעם יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

די דריטע שיטה, דאָס איז דער רוסישער באָלשעוויזם, מיט לע־נינען בראש. עס איז צו באַוואונדערן, אז אזא מענטש ווי לענין, וועלכער האָט געפֿיידיקט דעם אומברחמנותדיקן קלאסן־קאמף, און דעם בירגער־קריג קעגן די הערשנדיקע קאפּיטאַליסטישע קלאסן,

האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. און נישט נאָר פּרינציפּיעל, האָט לענין פאַרטיידיקט דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, נאָר האָט קאָנקרעט געפירט א טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר דעם, אז די פעלקער, וואָס ווערן פאַרשקלאַפּט פון רוסישן צאַריזם, זאָלן האָבן א רעכט זיך אָפּצורייסן פון דער רוסישער אימפעריע און בילדן זייערע זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע מדינות. לענין האָט געהאַלטן פאַר זיין נאַציאָנאַלן חוב, אלס גרויס־רוס, און אלס אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער, נישט צו אָרגאַניזירן די אונטערדריקטע פעלקער צום קאַמף פאַר זייער פרייהייט, נאָר פאַר אַלעם ערשטן, ד'עם רוסישן פּראָלעטאַריאַט צו קעמפן פאַר די אויפגאַבן.

קיין ווידערשפּרוך צווישן אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלן פּראָבלעם איז נישט פאַראַן. דער קאַמף פאַר פרייהייט איז אומטיילבאַר. ווער עס וויל מכלומרשט קעמפן קעגן קלאַסן־אונטערדריקונג, און גלייכצייטיק נישט פירן קיין קאַמף קעגן זיין אייגענער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, וואָס דריקט אונטער אַנדערע שוואַכערע פעלקער, דער איז א סאָציאַל־אימפּעריאַליסט, און נישט קיין פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער.

און דער פּראָבלעם איז נישט נאָר טעאָרעטיש ריכטיק, נאָר די פּראַקטיק האָט עס אויך באַוויזן. ווייל צי קען מען זיך פאָרשטעלן דעם זיג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אָן דעם אוממיטלבארן אָנטייל פון די, דורכן רוסישן צאַריזם אונטערדריקטע פעלקער? און נישט נאָר, וואָס מען קען זיך עס נישט פאָרשטעלן, נאָר מען מוז פעסטשטעלן, אז עס איז אוממעגלעך דער זיג פונם סאָציאַליזם אין אייראָפּע, אָן דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פאַר זייער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט.

אַזוי אַרום, איז א דאַנק לענינען, דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונגס־קאַמף געוועזן אומטיילבאַר! (דאָס זענען אויך די גרונט־פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם).

און טראָץ דעם, וואָס לענין האָט אַזוי ריכטיק פאַרשטאַנען די נאַציאָנאַלע פראַגע, אלס רעוואָלוציאָנערן פאַקטאָר פון פּראָלעטאַרישן באַפרייאונגס־קאַמף, האָט ער דאָך נישט פאַרשטאַנען די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע, בעסער געזאָגט — זי שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט יידן, ווי קיין נאַציע, נישט אַנערקענט.

אלזאָ זעען מיר: אז טראָץ די בלאָדזשענישן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאלן סאָציאַליזם אין דער נאַציאָנאלער פֿראַגע בכלל, און פֿון דער יידישער בפֿרט, האָט זיך דאָך, דאָס יידישע נאַציאָנאלע פּראָבלעם, אין פֿאַרבינדונג מיט דער מדינה ישראל, אזוי שאַרף אוועקגעשטעלט. הייסט דאָס, אז עפּעס איז געשען, עפּעס איז קלאָר געוואָרן.

דער קאַמף פאַר מאַכט

מיר האָבן אין פֿאָריקן קאַפּיטל געפּרוווט פֿעסטשטעלן, אַז עפּעס איז געשען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיי באַוואויגן צו פֿאַרשטיין דעם באַפֿרייאונגס־כאַראַקטער פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. שטעלט זיך די פֿראַגע, וואָס אַזוינס איז געשען?

דאָ מוזן מיר זיך אומקערן צו אונזערע מאַרקסיסטישע גרונט־פּרינציפּן, וואָס לערנען אונז, אַז יעדער קלאַסן־קאַמף, איז אַ קאַמף פֿאַר מאַכט, אַז דער קאַמף פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט פֿאַר זיין ענד־ציל, צו צעשמעטערן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה און אויפֿצובויען זיין אייגענע קלאַסן־מלוכה. די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־מלוכה פֿון איר זייט, האָט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע איבערצובויען די געזעלשאַפֿט אויף סאָציאַליסטישע יסודות און דערמיט אַליין שטאַרבט אויך אָפּ די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־מלוכה, ווייל די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט איז אַ פֿרייוויליקער פֿאַרבאַנד פֿון פֿרייע מענטשן.

ק. קאַוטסקי האָט אין זיין פֿאָררעדע צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט, אַמבעסטן פֿעסטגעשטעלט, די ראָל פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם: ער ווייזט מיט רעכט אָן, אַז די געשיכטע פֿון סאָציאַליזם איז עלטער פֿון דער געשיכטע פֿון מאַרקסיזם, סאָציאַליסטישע באַוועגונגען האָבן מיר געהאַט אין דער געשיכטע, פֿון דער צייט אָן, זייט די מענטשהייט האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערטיילן אויף אָרעם און רייך. נאָר דער אונטערשייד פֿון דעם פֿאָרמאַרקסיסטישן סאָציאַליזם ביז דעם מאַרקסיסטישן באַשטייט אין דעם, וואָס מאַרקס האָט קאָנקרעט אָנגעוויזן, ביי וועלכע באַדינגונגען דער סאָציאַליזם קאָן אַנטשטיין, דאָס הייסט, ביי באַדינגונגען פֿון אַ הויך־אַנטוויקלטער ווירטשאַפֿט, וואָס שאַפֿט אַ מאַטעריעלע באַזע פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, און דאָס אַנטשטיין פֿון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז באַרופֿן צו זיין דער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַ־

ליזם, ווייל דאָס ווערט אים דיקטירט דורך זיין עקאָנאָמישער לאַגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

איצט שטעלט זיך אַ פֿראַגע: ווי אַזוי פּאַסט מען צו, אָט די מאַרקסיסטישע לערע צו דער יידישער ווירקלעכקייט? צי איז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין די גלות־לענדער, ביכולת אויסצופֿירן אָט די גרויסע אויפֿגאַבן, וואָס מאַרקס שטעלט פֿאַר אים אַוועק ד. ה. צו ווערן דער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם אין דער יידישער סביבה?

אונז דאַכט, אַז נישט! אַז אין די גלות־לענדער איז ער עס נישט ביכולת, און נישט נאָר איצט, נאָר אויך נישט פֿריער פֿאַר אונזער אומקום. אודאי, האָט דער אומקום פֿון זעקס מיליאָן יידן געווירקט אויף די סענטימענטן און מוחות פֿון די סאָציאַליסטן. אָבער אָט דער אומקום האָט נאָר אויפֿגעדעקט אונזער טראַגעדיע און אונזער באָדנלאָזיקייט.

שוין פֿאַר דעם אומקום, צווישן דעם ערשטן און צווייטן וועלט־קריג, איז פֿאַר יידישע אַרבעטער־טוער, קלאָר געוואָרן דער אָפּגרונט צו וועלכן מיר דערנענטערן זיך. אַזוי צום ביישפּיל, איז אין פּוילן, אין דעם גרעסטן און אַממערסטן איינגעוואָרצלטן יידישן ישוב, פֿאָרגעקומען אַ געוויסע ווירטשאַפֿטלעכע דעגענערירונג, פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן. יידישע אַרבעטער זענען געוואָרן אַרויסגעשטויסן פֿון די גרויסע און קלענערע פֿאַבריקן. די אַרבעטער פֿון די קלענערע פֿאַבריקן זענען געוואָרן כאַלופּניקעס, די כאַלופּניקעס, ליידער, זענען געוואָרן רואינירט דורך די צעבן־געזעצן. דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. די עמיגראַציע־טענדענצן האָבן זיך אָן אַ שיעור פֿאַרשטאַרקט, עס איז געוואַלטיק אויסגעוואַקסן די נויט און די עלנט פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן. עס איז דערגאַנגען צו אַזאַ אַבסורד, אַז דער „בונד", וואָס איז אויסגעוואַקסן אַלס מאַסן־פּאַרטיי פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט געמוזט אום כדי צו דערהאַלטן זיין מאַסן־באַזע, אָנהויבן אָרגאַניזירן די יידישע האַנטווערקער, ביי וועלכע עס זענען געווען באַשעפֿטיקט דער רוב מנין ובנין פֿון די יידישע אַרבעטער, און מען האָט שוין דאַן אָפֿטמאָל נישט געקאָנט ווּיסן, וועמען דער „בונד" פֿאַרטיידיקט, צי דעם יידישן האַנטווערקער אָדער דעם יידישן אַרבעטער.

אָט די עקאָנאָמישע שוואַכקייט, האָט זיך געמוזט אויך אָפּ־

שפיגלען אויף דעם פּאָליטישן לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער אין פּוילן. דער רעוואָלוציאָנערער זעלבסט־געפיל פון דעם יידישן אַר־בעטער איז שטאַרק געפאַלן. לאָמיר ברענגען עטלעכע פאַקטן: די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט אין דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג אין פּוילן, אין די פּאָליטישע אַקציעס, גע־נעראַל־שטרייקן, אין מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, האָבן זיי גענומען דעם גרעסטן אָנטייל. איז נישט קיין וואונדער, וואָס זיי האָבן גע־האַט דעם גרעסטן פּראָצענט פון פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַלע טורמעס. און דאָך, האָבן זיי געמוזט אויף יעדער פּאַרטיי־באַראַ־טונג אויסהערן ביטערע אמתן, וואָס האָבן שמערצלעך פאַרוואונ־דעט דעם שטאָלץ פון דעם יידישן רעוואָלוציאָנער. צום ביישפּיל, די טענות, אַז מען טאָר נישט לאָזן „פאַריידישן" די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַז איין פּוילישער אַרבעטער פון דער שווער־אינדוסטריע איז וויכטיקער ווי הונדערט יידישע אַרבעטער פון דער ליכט־אינדוסטריע, און כדי, נישט צו געבן קיין געווער אין דער האַנט דעם אַנטיסעמיטיזם, האָט מען געמוזט זאָרגן דערפאַר, אַז די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זאָלן זיין באַזעצט דורך פּוילישע עלעמענטן, און מיר געדענקען נאָך די גרויסע טראַגעדיע, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, ווען אין 1931 איז געקומען דער צירקולאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַז אַלע יידישע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן מוזן באַזייטיקט ווערן און אויף זייער אָרט מוזן באַשטימט ווערן פּוילישע. (אַ חוץ ביי ספּעציעלע יידישע פראַגן, וואו די יידישע פונקציאָנאַרן זענען געבליבן), און מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל די יידישע אַרבעטער זענען געווען אַ מינדערהייט אין דער לאַנד־פּאַרטיי.

נישט בעסער, איז אויך געווען ביים „בונד". אָפּטמאָל, ווען די רעאַקציע פלעגט אָנגרייפן די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, און באַזונדערס, ספּעציעל אין איר פּאָגראָם־פּאָליטיק לגבי די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָבן די בונדישע אַרבעטער, אויף פּאַר־טיי־פאַרזאַמלונגען, געפאָדערט פון זייערע פירער, מאַסן־אַק־ציעס. דעמלט פלעגט אַרויסטרעטן וויקטאָר אַלטער און איינ־טענה'ן מיט זיינע חברים, אַז אַזעלכע אַקציעס, זענען אוממעגלעך, ווייל אָן פּ. פּ. ס. קען מען עס נישט. עס פלעגט זיין אַ רחמנות צו־צוקוקן, ווי אַלטער פלעגט זיך באַמיען צו באַווייזן, אַז אַ גענעראַל־

שטרייק אין פוילן בלויז פון יידישע ארבעטער, וואָלט געווען אַ הוזק אין לאַנד, ווייל קיינער וואָלט עס נישט געפילט. אזוי איז אויסגעקומען, אז אויף צו פירן מאסן־אַקציעס איז דער יידישער ארבעטער נישט אָפּהענגיק געווען פונעם אייגענעם ווילן, נאָר פונעם ווילן פון פּ. פּ. ס., וועלכע, איז געווען קעגן אזעלכע אַקציעס. אָן שום צווייפל, האָט וויקטאָל אַלטער אזעלכע אַקציעס יאָ געוואָלט, נאָר ער איז נישט בכוח געווען זיי דורכצופירן. וואָס זשע הייסט דאָס? דאָס הייסט, אז ביי דעם יידישן ארבעטער אין פוילן איז אַטראָפירט געוואָרן די זעלבסט־ווירדע. אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט מען די קרבנות פון דעם יידישן ארבעטער דערקלערט פאַר מינדערווערטיק. דער „בונד", אלס ספּעציעלע יידישע ארבעטער פּאַרטיי, איז געווען אוממעכטיק. דאָס האָט געשאַפן אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט.

איצט שטעלט זיך די פראַגע: צי קען זיין אַ רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאזם ביי אַ שיכט, ביי וועמען עס שאַפט זיך אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט? דאָס איז אוממעגלעך סיי פון מאָראַלישן, סיי פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. מאָראַליש, צוליב דעם, ווייל אַ רעוואָלוציאָנער מוז שטענדיק זיין גרייט אויף קרבנות, און אָפטמאָל אויך אוועקצוגעבן דאָס לעבן (און אַ סך האָבן אוועקגעגעבן!), און כדי דאָס זאָל זיין מעגלעך, מוז דער יידישער ארבעטער האָבן זיין אינערלעכן שטאָלץ, ער מוז האָבן דעם באוואוסטזיין, אז די קרבנות, וואָס ער גיט אין קאַמף, זענען גלייכווערטיק ווי די קרבנות פון אַנדערע, אָן דעם זעלבסט־געפיל קאָן מען קיין שטאָלצער רעוואָלוציאָנער נישט זיין.

עס איז נישט מעגלעך פּאָליטיש. ווייל כדי צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף פאַר דער מאַכט, דאַרף מען באַזיצן די עקאָנאָמישע באַזע, וואָס מאַכט מעגלעך פאַר אָט אַזאַ מאַכט צו קעמפן. און ווי מיר ווייסן, האָט אָט די עקאָנאָמישע באַזע דעם יידישן ארבעטער געפעלט. דאָס פעלן פון אָט דער עקאָנאָמישער באַזע פון איין זייט און חוץ דעם, דאָס נישט קאָנען פירן קיין זעלבסטשטענדיקן קאַמף, — אָט דער קאָמפּלעקס פון באַדינגונגען האָבן דערפירט צו דעם, אז דער יידישער ארבעטער, זייענדיק צעשפּרייט און באַדנלאָז און אין אַ קליינער מינדערהייט אין אַלע לענדער, האָט נישט געקענט אוועקשטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע צו קעמפן פאַר זיין

מאכט. ער האָט אמהעכסטנס געקענט צוהעלפֿן, ווען דאָס האָט גע־
טאָן די לאַנד־פּארטיי.

אלזאָ, דער מארקסיזם מיט זיין לערע וועגן קלאסן־קאמף פֿאר
מאכט, איז נישט געווען צוגעפּאסט צו די באַדינגונגען פֿון דעם
יידישן ארבעטער אין גלות־לעבן, אָבער אונזערע קעגנער באמיען
זיך אמווייניקסטן צו רעדן וועגן מאַרקסיזם און רעדן א סך וועגן
יידישן נאַציאָנאלן פּראָבלעם, וועגן אויפֿהאלטן די יידישע נאציע.

באראכאוו און די יידיש־נאציאנאלע פראגע

די נאציאנאלע קאמפן אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, גייען האנט אין האנט מיטן קלאסן־קאמף. די זעלבע עקאנאמישע סיבות, וואס באווירקן די קלאסן־קאמפן, באווירקן אויך די נאציאנאלע קאמפן. דאס איז שטענדיק געווען די גרונט־לערע פונם מארקסיזם. מארקס האט אויפגעוויזן דעם דואליזם פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. פון איין זייט ווערט די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט א וועלט־ווירטשאפט, עס קאן קיין קאפיטאליסטיש לאנד עקאנאמיש נישט זיין פארמאכט אין אירע גרעניצן. עס פארברויכט רוי־שטאפן פון איין עק וועלט, און מוז האבן אפזאץ־מערק אין א צווייטן עק. פון דעם האבן א סך מענטשן, וועלכע האבן שלעכט פארשטאנען מארקסן געוואלט ארויסדרינגען, אז דאס קאפיטאליסטישע סיסטעם פירט צו א הארמאנישן צוזאמענלעבן צווישן די פעלקער. באזונדערס קומט דאס אמבולטסטן צום אויסדרוק ביים רעכטן רעפארמיסטישן פליגל פון דער ארבעטער־באוועגונג. דאס קומט צום אויסדרוק דורך דעם, וואס זיי שאפן א גאנצע ריי ליגעס און געזעלשאפטן, כדי אזא הארמאניש צוזאמענלעבן צווישן די פעלקער צו ארגאניזירן.

נישט אומזיסט, ווייזט אויס, האט מארקס געווארנט די פראפעסארן פון עקאנאמיע, דאס הייסט די פראפעסארן, וועלכע האבן נישט קיין דיאלעקטישן צוגאנג צו די עקאנאמישע פראבלעמען, אז זיי זאלן זיין „קאפיטאל” נישט לייענען, ווייל זיי וועלן אים סיי ווי סיי נישט פארשטיין.

אין דער אמתן האט מארקס אויפגעוויזן די גרויסע ווידערשפרוכן, וואס געפינען זיך אין דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. וועלכע שטרעבט צו ווערן א וועלט־ווירטשאפט.

ערשטנס, נעמט די קאפיטאליסטישע וועלט־ווירטשאפט אן

אין יעדן לאַנד באַזונדערע פֿאָרמען, צוגעפּאַסט צו דעם היסטאָרישן לעבנס־ניוואָ פֿון געגעבענעם פֿאָלק. מען קאָן אין קיין פֿאַל נישט פֿאַרגלייכן די פֿאָרמען און אָרגאַניזאַציע פֿונם קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע מיט טערקיי.

צווייטנס, נישט נאָר דאָס, וואָס אין פֿאַרשיידענע לענדער נעמט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿט אָן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, נאָר פֿאַרשיידענע לענדער פֿירן אויך אַ קאַמף פֿאַר זייער העגעמאָניע איבער דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפֿט. און מאַרקס גיט צו, אַז נאָר נאָכן פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליסטישן הערשאַפֿטס־סיסטעם, וועט די טענדענץ פֿון אַנטוויקלונג פֿון אַן איינהייטלעכער וועלט־ווירטשאַפֿט, באַקומען איר פֿולן אויסדרוק אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, וועלכע וועט זיין אַ געזעלשאַפֿט נישט פֿון קאָנקורענץ און קאַמף, נאָר אַ געזעלשאַפֿט פֿון קעגנזייטיקער פּראָדוקטן־אויסטויש. דערפֿון דרינגט אַרויס, אַז כל זמן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם עקזיסטירט, איז דער קאַמף פֿאַר וועלט־העגעמאָניע אומפֿאַרמיידלעך.

ביי דער גאַנצער גרויסקייט פֿון אָט דעם מאַרקסיסטישן אַנאַליז, וועלכער איז געוואָרן דער טעסטאַמענט פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, מוזן מיר אָבער מודה זיין, אַז ער איז נישט פֿולקאָם.

עס קאָן זיין, ווייל די טעאָרעטיקער פֿונם מאַרקסיזם, וועלכע האָבן פֿאַרטרעטן פֿעלקער, אָרגאַניזירטע אין מלוכהשע פֿאָרמען האָבן צוליב דעם נישט געקענט זיך ווייטער פֿאַרטראַכטן. די אויפֿגאַבע, צו דערגענצן דעם מאַרקסיזם אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע איז אויסגעפֿאַלן אויף בער באָראָכאָוון, אפֿשר טאַקע דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַ מאַרקסיסט, וואָס שטאַמט פֿון אַ פֿאָלק, וועמען עס האָט געפֿעלט די מלוכהשע באַזע.

פֿאַר אונז יידישע מאַרקסיסטן זענען בער באָראָכאָווס אויסבעסערונגען, באַזונדערס וויכטיק. זיי האָבן אונז געגעבן אַ שליסל צו לייזן ראַדיקאַל די יידישע פֿראַגע אין מאַרקסיסטישן גייסט. אין וואָס באַשטייען זיינע אויסבעסערונגען?

— באָראָכאָוו האָט אָנגעוויזן, אַז דער קאַמף פֿאַר העגעמאָניע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפֿט, קומט פֿאָר נישט בלויז צווישן לענדער, נאָר אויך צווישן פֿעלקער אין איין לאַנד גופֿא, וואו פֿאַרשטענדלעך, די הערשנדיקע נאַציע פֿונעם געגעבענעם

לאַנד,, באַמיט זיך אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע נאַציעס צו פֿאַר־שטאַרקן אירע מאַכט־פּאָזיציעס. דאָס איז די סיבה פֿון נאַציאָנאַלן קאַמף, נאַציאָנאַלן האַס און אַנטיסעמיטיזם.

מיר האָבן אין די פֿאַריקע אַרטיקלען אויפֿגעוויזן, ווי אַזוי פֿעלקער, וועלכע זענען צוזאַמען געווען אָרגאַניזירט אין איין מלו־כה־סיסטעם, האָבן באַוויזן אָפּצוטיילן זיך פֿון די לענדער און שאַפֿן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכות. אַנדערש, נאַטירלעך, איז עס געווען מיטן יידישן פֿאָלק. יידן ווי אַ פֿאָלק אָן טעריטאָריע, האָבן נישט געקענט שאַפֿן זייער אייגענע מלוכה אָן דער קאָנצענטרירונג פֿון דער יידישער פֿאָלקס־עמיגראַציע קיין ארץ ישראל. בלייבן ווייטער די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אַ געציייג אין די הענט פֿון די רע־אַקציאָנערע כוחות צו פֿירן זייער ווילדע און אַנטיסעמיטישע העצע.

אויב פֿריער, פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז עס געווען, שעדלעך פֿאַרן קיום פֿון דעם יידישן פֿאָלק, ווייל דאָס האָט געשאַפֿן שותּפֿים פֿאַר היטלערן אין אַלע לענדער צו יידן־אויסראָטונג, איז עס היינט נאָך מער שעדלעכער. ווייל אויב דעמלט זענען מיר נאָך געווען אין גרויסע מאַסן, אין גרויסע לענדער, בילדן מיר היינט נאָר קליינע גרופּן אין אַלע לענדער. און די לאַגע קאָן נישט גע־ענדערט ווערן ביים קאַפּיטאַליזם, ווייל מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פֿון פּערמאַנענטע מלחמות און מלחמה־צוגרייטונגען. איינע פֿון די הויפּט בלי־זין פֿון די הערשנדיקע קלאַסן צוצוגרייטן די מלחמות אין די הערצער פֿון די פֿאָלקס־מאַסן צו די נייע שחיטות, איז — זייער נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. און מיר האָבן נישט קיין גרונט צו מיינען, אַז דער האַס וועט אונז אויסמיידן. פֿאַרקערט, פֿון די פֿריערדיקע דערפֿאַרונגען ווייסן מיר, אַז אונז ווי די שוואַכסטע, באַדנלאָזע, טרעפֿן אומגליקן אַמשאַרפֿסטן און אַמשטאַרקסטן. און דאָס וועט אַזוי לאַנג דויערן, ווי לאַנג עס וועט עקזיסטירן דער קאַפּיטאַליזם. קיין שום דעמאָקראַטישע, הומאַניטאַרע אילוזיעס וועלן די לאַגע נישט ענדערן, ווייל קיין אמתע דעמאָקראַטיע און אמתער הומאַניזם קאָן ביים קאַפּיטאַליזם נישט זיין.

שטעלט זיך די פֿראַגע: צי זענען גערעכט, אונזערע גלות־סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן אונז איינרעדן, אַז נאָכן זיג פֿונם סאָ־ציאַליזם, וועט זיך די לאַגע ראַדיקאַל ענדערן, און מיר וועלן ווערן אַ נאַציע גלייך ווי אַלע אַנדערע נאַציעס.

מיר מיינען, אַז דאָס איז דורכאויס פֿאַלש.

כדי אויפֿצוהאַלטן אַ נאַציע זענען נויטיק דריי באַדינגונגען: ערשטנס, איז נויטיק אַן עקאָנאָמישע באַזע, וואו די נאַציע זאָל קאָנען פֿריי אַנטוויקלען אירע מאַטעריעלע כוחות; צווייטנס, די פֿאָלקס־מאַסן פֿון דער געגעבענער נאַציע, זאָלן זיך קאָנען פֿריי און קולטורעלער אויסלעבן; און דריטנס, דאַרף זיין אַ נאַציאָנאַלע פּער־ספּעקטיוו, ווייל אָן דעם לעצטן ווערן די ערשטע צוויי פּונקטן, אויך טויטע בוכשטאַבן.

לאָמיר זיך איצט פֿאַרטראַכטן, ווי אַזוי קאָן אויסזען די לאַגע פֿון יידישן פֿאָלק אין די גלות־לענדער, אַפֿילו נאָך דעם זיג פֿונם סאָציאַליזם? — וועגן אַן אייגענער עקאָנאָמישער באַזע פֿאַרן יידישן פֿאָלק נאָכן זיג פֿונם סאָציאַליזם אין די גלות־לענדער, קאָן אַפֿילו קיין רייד נישט זיין. נאָר פֿעלקער, וועלכע באַוואוינען אַ אייגענע טעריטאָריע, קענען אַנטוויקלען זייער אייגענע עקאָנאָמישע ווירטשאַפֿט און דורכדעם באַפֿעסטיקן זייער אייגענע קולטור, און האָבן אַ נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוו. די סאָציאַליסטישע פֿעלקער פֿון אייראָפּע, וועלן פֿאַר אַלעם ערשטן טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן צוועקמעסיק זייער ווירטשאַפֿט, איינטיילן די אַרבעטס־פּלעצער, און ווען די יידישע אַרבעטער וועלן האָבן אַ פֿרייען צוטריט צו די אינ־דוסטריע־צווייגן, וועלכע זיי האָבן נאָך נישט היינט, וועלן זיי נאָך מער צעשפּליטערט ווערן, פֿאַרשווינדן זיי צווישן די אַרומיקע. היינט לעבן זיי נאָך אין קאָמפּאַקטע מאַסן, זענען באַגרע־נעצט צו באַשטימטע פֿאַכן. יידישע אַרבעטער וואוינען נאָר אין באַשטימטע שטעט און אָפּטמאָל, אויך אין באַשטימטע קוואַרטאַלן, דאָס וועט אויפֿהערן, וועלן זיך די קליינע יידישע ישובים נאָכמער פֿאַנאַנדערפֿאַלן. אַלס מענטשן וועלן מיר געראַטעוועט ווערן, אַלס יידן — וועלן מיר פֿאַרלוירן גיין! אָט דאָס איז דער נאַקעטער אמת!

איצט, ווי אַזוי וועלן מיר זיך קולטורעל אויסלעבן? ווי אַזוי וועלן מיר קענען קאָנקורירן מיט אַנדערע? די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט שאַפֿט דאָך נישט אָפּ יעדע קאָנקורענץ בכלל, זי שאַפֿט נאָר אָפּ די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ, וואָס פֿאַרשקלאַפֿט די מענטשן. אָבער ווען דער מענטש וועט זיין עקאָנאָמיש פֿריי און גלייך פֿאַר־זיכערט, וועט יעדער איינער אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע און קול־טורעלע אייגנשאַפֿטן, וואָס וועט אָן אַ שיעור באַרייכערן די נאַציאָ־נאַלע קולטור פֿון פֿאָלק. אויב מיר ווילן נישט באַנוצן דאָס וואָרט „קאָנקורענץ", וועלכער איז פֿאַרבונדן מיט אַ קאַפּיטאַליסטישן באַ־

גריף, וועט זיכער פאַרקומען אַ „סאָצ.־געוועט” אויפן געביט פון קולטורעלן שאַפן.

די נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פעלקער וועלן זיך ראַש אַנט־וויקלען, מיט וואָס וועלן מיר דאַן אין גלות קאָנקורירן, און וואָס וועלן מיר אַנטקעגנשטעלן? מיר צעשאָטענע, צעוואָרפענע אין קליי־נע גרופן אין פאַרשיידענע שטעט?

לאָמיר אָננעמען, אַז די סאָציאַליסטישע פעלקער וועלן אונז געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, און אַפילו סובסידירן איר, וואָס פאַר אַ האָפט און קראַפט וועט עס האָבן? ביי די גרעסטע אָנשטרענגונגען וועלן מיר בלייבן ביי אַ פרימיטיווער מדרגה פון צוגאָב־שולן און אָוונט־קורסן.

אָבער יעדער יידישער באַוואוסטזיניקער מענטש (און אַזעל־כער וועט אויך געווים יעדערער זיין אין יענע צייטן), וואָס וועט זיך וועלן פאַראינטערעסירן מיט פאַרשיידענע העכערע פּראָבלע־מען, וועט מוזן אַנטלויפן צו דער רייכער לאַנד־קולטור, און מאַכנ־דיק אַ פאַרגלייך צווישן דער יידישער קולטור־אָרימקייט, און דער רייכקייט פון דער פרעמדער, וועט ער אַוועקלויפן אין דער פרעמד, עס וועט זיין פאַרלוירן די נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוו.

עס איז קלאָר, אַז די יידישע מאַסן וועלן אין דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט אין די גלות־לענדער — זיך אויפהערן צו פילן אַלס יידן. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון טעאָריע. מיר האָבן עס געזען אין דער פּראַקטיק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיר שטעלן זיך היינט די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס ביי היינט צו טאָג, איז נישטאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד קיין יידישע טאָג־צייטונג און קיין יידישע שולן„? פאַרשידענע קאָנען זיין די סיבות, אָבער אָנגעהויבן האָט עס זיך שוין אין אָנפאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, נישט קוקנדיק אויף דעם בעסטן ווילן פון אַלע סאָוויעטישע טוער צו געבן די יידן די בעסטע מעגלעכקייטן פאַר אַ פרייער קולטורעלער שאַפונג.

אָנגעהויבן האָט עס זיך גאָר פּשוט. די יידישע ארבעטער־מאַסן, וועלכע זענען אריינגעצויגן געוואָרן אין פּראָצעס פון דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע, האָבן זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אַלע פּראָבלעמען פון לאַנד, מיט פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער פּאָליטיק. מען האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרלאַנגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַז זי זאָל שאַפן אַ יידישן לענין, וואָס זאָל אין יידיש באַהאַנדלען די אַלע פּראָבלעמען פון דער אָקטאָבער־

רעוואָלוציע. די יידישע מאַסן האָבן נישט געקאָנט וואַרטן, ביז וואַנען מען וועט דאָס אַלץ איבערזעצן אין יידיש, און נישט אַלץ איז איבערזעצט ביז היינט צו טאָג. צי קאָן מען פֿאַרלאַנגען פֿון די יידישע מאַסן, אַז זיי זאָלן זיצן און וואַרטן אַ פּאָר צענדליק יאָר, ביז וואַנען זיי וועלן אין יידיש קאָנען דערוויסן זיך, וואָס עס האָבן געטראַכט די פֿירער פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ?

פֿאַרשטענדלעך, האָט קיינער נישט געקאָנט פֿאַרלאַנגען, און במילא איז שטאַרק געוואָרן ביי די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, דער דראַנג צו באַהערשן די רוסישע שפּראַך. מען האָט אָפּטמאָל יידישע טוער געמוזט אוועקשטעלן אויף ספּעציעלע רוסישע אַרבעטן : אָט, דאָס ווערן אַריינגעצויגן אין דער רוסישער רעוואָלוציע, דאָס באַהערשן די רוסישע שפּראַך, דאָס אוועקגיין אויף רוסישער אַרבעט, האָבן פֿרעמד געמאַכט דעם יידישן אינטעליגענט פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נאַטירלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס. דערמיט ווילן מיר נישט זאָגן, אַז עס האָט געמוזט דערפֿירן צו דעם, אַז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד זאָל קיין איין יידישע טאָג־צייטונג און קיין יידישע שולן נישט זיין. מיר ווילן נאָר פֿעסטשטעלן, אַז דער נאַטירלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן שוין זייט דעם יאָר 1917.

דערפֿון דרינגט אַרויס : אַז אויך אין דער עפּאָכע פֿון סאָציאַליזם, האָבן מיר נישט קיין נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון. און גערעכט איז געווען באָראָכאָוו, וואָס האָט רעקאָמענדירט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו זיין דער אַוואַנגאַרד אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף, וואָס דריקט זיך אויס אין דער שאַפֿונג פֿון אַן אייגענער יידישער מדינה. ווייל דאָרטן וועלן פֿאַרשוואונדן די אַלע געפֿאַרן, וואָס מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט. עס שאַפֿט זיך אַ געזונטע מאַטעריעלע באַזע פֿאַר אונזער פֿאָלקס־לעבן און געזונטע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון פֿאַרן קיום פֿון אונזער פֿאָלק, און פֿאַרזיכערט דעם זיג פֿון סאָציאַליזם.

אַ געפֿערלעכער מאָמענט

מיר האָבן שוין פֿריער געזען, אַז בײַ סאָציאַליסטן — אַנטי־ציוניסטן, שאַפֿט זיך אַ קעגנזאַץ צווישן נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און סאָציאַליזם. דאָס נישט אַנערקענען די ציוניסטישע ליזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע, מוז אין ענדגילטיקן סך הכל דערפֿירן צו אַ נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג. דערמיט שלעפּן די אַנטי־ציוניסטן אויף צוריק נישט נאָר דעם יידישן סאָציאַליזם, נאָר אויך די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, ווײַל מיר האָבן שוין געזען, וואָס פֿאַר אַ לאַנגע צייט, עס האָט געדויערט, און וויפֿל עס האָט געקאָסט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג זאָל אַנערקענען די ריכטיקע ליזונג פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער פֿראַגע.

עס איז אונזער שטאָלץ, דער שטאָלץ פֿון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וואָס מיר האָבן באַלד אין אָנהויב פֿון איר אַנטשטייאונג, פֿאָרמולירט די יידישע נאַציאָנאַלע פֿראַגע אַזוי, ווי זי איז היינט אַנערקענט געוואָרן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, ד. ה. פֿאַרבינדן די יידישע נאַציאָנאַלע פֿראַגע מיטן קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע אַנטי־ציוניסטן מיינען, אַז איבערהזרנדיק די אַלטע פֿראַזע, אַז ציוניזם איז אַן אַנטי־טעזע צום סאָציאַליזם, אַז באַקעמפֿנדיק דעם ציוניזם, היטן זיי אָפּ דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, — באַגייען זיי, אין אמתן, די גרעסטע זינד קעגן דעם סאָציאַליזם. נישט נאָר, וואָס זיי פֿאַרשטייען נישט, די גרויסע באַדייטונג פֿון דעם שאַפֿן אַ טעריטאָריאַלן צענטער פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק, וואו דער יידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט דאָס ערשטע מאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר, אַ לאַנדעס־פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט די מעגלעכקייט, ווי דער פּראָלעטאַריאַט פֿון אַנדערע פֿעלקער, צו פֿירן אַ זעלבסטשטענדיקן קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם, נאָר נאָכמער — זיי פֿאַרשטייען נישט די וויכטיקע באַדייטונג פֿון שאַפֿן רעזערוון בײַ די יידישע פֿאָלקס־מאַסן,

וועלכע זאָלן צוהעלפֿן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם.

די ביז־אהעריקע דערפֿארונג, ביי אַלע, אָן אויסנאַם פֿעלקער, האָט באַוויזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אַליין, ווי גרויס און שטאַרק ער זאָל נישט זיין, איז נישט אימשטאַנד אדורכצופֿירן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, אויב ער פֿאַרוואַנדלט איר נישט אין אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציע. און כדי צו פֿאַרוואַנדלען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציע, מוז דער פּראָלעטאַריאַט פֿירן נאָך זיך די גרויסע שיכטן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, וואָס שטייען נאָענט צו אים.

עס איז געווען לעינינס גרויסער פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָרגאַניזירן נישט נאָר זיין אייגענע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, נאָר אַלע באַוואָלהטע און אונטער־דריקטע דורכן קאַפּיטאַליזם, אָנהויבנדיק פֿון די נאַציאָנאַל אונ־טערדריקטע פֿעלקער — ביז דעם לעצטן פֿאַרברעכער, וואָס ווערט צו זיין פֿאַרברעכן געצוואונגען אַ דאַנק דעם קאַפּיטאַליסטישן סיס־טעם. פֿון דעם ווערט קלאָר, וואָסערע גרויסע רעזערוון דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן געווינען צווישן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, ווען ער וועט פֿאַרבונדן דעם קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם מיטן קאַמף פֿאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. באַזונדערס איז דאָס וויכ־טיק ביי אונז, ביי דעם יידישן פֿאָלק, וואָס לײַדט אַמלענגסטן און אַמשווערסטן פֿון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, און אויב דער יידישער נאַציאָנאַל־אונטערגעדריקטער מענטש וועט זיך איבערצייגן אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז אויפֿן וועג צו זיין סאָציאַלער באַפֿרייאונג. — אויך דער אוואַנגאַרד פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג — שאַפֿט זיך ביי דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַ פֿיל גרעסערע מעגלעכקייט ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער, צו געווינען גרוי־סע, נישט־פּראָלעטאַרישע רעזערוון, אַלס שותּפֿים צום קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם.

אויב ביי די הערשנדיקע נאַציעס, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט צו־העלפֿן די — דורך זייער בורזשואַזיע — אונטערדריקטע פֿעלקער אין קאַמף פֿאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, דאַרף דער פּראָלע־טאַריאַט פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער קענען פֿירן נאָך זיך, גרויסע טיילן פֿון נאַציאָנאַל־געשטימטע מענטשן אין קאַמף פֿאַרן סאָציא־ליזם. דאָס איז אַ קאָנקרעטער דיאַליעקטיש־מאַרקסיסטישער צוגאַנג

צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. ווער עס פֿאַרשטייט דאָס נישט, דער וועט קיינמאָל דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם נישט פֿאַרשטיין.

אַלס ביישפּיל, אַז מיר זענען געקומען גערעכט, קאָן דינען נישט נאָר ספּעציעל די יידישע לאַגע, נאָר אויך די לאַגע ביי אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער. מיר ווייסן, וואָס פֿאַר אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערן דאָס איטאַליענישע פֿאָלק האָט אַרויסגעגעבן, אין מאָמענט פֿון זייער נאַציאָנאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף. מיר ווייסן וועגן זייער גרויסן אָנטייל אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. מיר ווייסן אויך, אַז אויף די באַריקאַדן פֿון דער פּאַריזער קאָמונע, האָבן זיך פֿאַרן קאָמוניזם געשלאָגן פּוילישע נאַציאָנאַל־דענקענדע מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפֿט פֿאַר פּוילנס נאַציאָנאַלער פֿרייהייט. און דאָס איז פֿאַרשטענדלעך. דאָס איז נישט געווען קיין צופֿאַל. די בורזשואַזיע, אין אַלגעמיין, פֿון יענער צייט, האָט שוין געהאַט פֿאַרענדיקט איר רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע, און איז געוואָרן קאָנטער־רעוואָלוציאָנער קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, און במילא האָבן די רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַל געשטימטע עלעמענטן, געמוזט פֿאַרבינדן דעם גורל פֿון זייער רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף מיט דעם רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטישן קאַמף פֿונם פּראָלעטאַריאַט.

מיר זעען אַלזאָ, אַז דאָס צוזאַמענבינדן דעם נאַציאָנאַלן מיט דעם סאָציאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף איז נישט נאָר קיין ספּעציעל יידישער ענין. דער פּראָבלעם שטעלט זיך ביי אַלע אָן אויסנאַם, אונטערגעדריקטע פֿעלקער.

די סאָציאַליסטן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן ציוניזם, ברענגען דערמיט אַ גרויסן שאָדן דער זאַך פֿון סאָציאַליזם, ווייל לאָמיר אויף איין מינוט אָנערקענען, אַז עס זיגט דער סאָציאַליסטישער אַנטי־ציוניזם, וואָס באַקומט זיך דאַן ? ערשטנס, וועלן אַ סך נאַציאָנאַל־געשטימטע מענטשן, וועמען עס איז טייער דער גורל פֿון זייער נאַציע, זיך אַנטוישן אין סאָציאַליזם. נישט נאָר, וואָס זיי וועלן אויפֿהערן צו זיין פּראָלעטאַרישע רעזערוון אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם, נאָר פֿאַרקערט, אויס מורא, אַז דער סאָציאַליזם זאָל נישט פֿאַרניכטן זייער נאַציאָנאַלן קיום — און אַזאַ געפֿאַר איז דאָ פֿאַר די יידן אין די גלות־לענדער — קאָנען זיי זיך וואַרפֿן אין די אָרעמס פֿון נאַציאָנאַל־שאָוויניזם און רעאַקציע און אָנשטאָט צו ווערן אַ פּראָלעטאַרישער רעזערוו, קאָנען זיי ווערן אַ רעזערוו פֿון דער רעאַקציע, קעגן פּראָלעטאַריאַט. און פֿון דער צווייטער זייט, וועלן די

סאָציאַליסטן, וואָס וועלן זיך אַנטוויקלען אין דער נאַציאָנאַלער פּערספּעקטיוו פֿון דעם יידישן פֿאָלק, וועלן זוכן שנעלער אַ וועג צו אסימילירן, און דעמלט וועלן זיי — עס קאָן זיין — קעמפֿן פֿאַרן סאָציאַליזם, אָבער שוין נישט אין דער יידישער, נאַציאָנאַלער סביבה, נישט פֿאַרן זיג פֿון יידישן סאָציאַליזם. אַלזאָ, זעען מיר ווי שעדלעך דער אַנטי־ציוניזם ווירקט זיך אויס סיי אין אונזער קאַמף פֿאַר אונזער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, און סיי אין אונזער קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. דאָס פֿאַרשטייען נישט די אַנטי־ציוניסטן, אָבער דאָס, האָט שוין אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט.

דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם האָט זינט 40 יאָר געקעמפֿט פֿאַר אָט די געמיינזאַמע באַפֿרייאונגס־אידעאַלן, צענדליקער יאָרן איז ער געווען אין אַ קליינער מינדערהייט. עס האָט באַדאַרפֿט קומען אונזער גרויסע טראַגעדיע, אַז עס זאָל קלאָר ווערן אונזער אמת.

אויף וואָס וואַרטן נאָך איצט די אַנטי־ציוניסטן, אויף נאָך אַ גרעסערער טראַגעדיע, ווען די רעשטלעך פֿון דעם יידישן פֿאָלק וועלן פֿאַרניכטעט ווערן? אָבער דעמלט וועט דאָס קומען צום שכל שוין זיין צו שפּעט! די זאַך וועט זיין פֿאַרענדיקט, און עס וועט שוין נישט זיין וועמען צו באַפֿרייען! און פּונקט ווי פֿריער, פֿאַר דעם גרויסן אומקום, וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען מיליאָנען יידן, ווען דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, וואָלט געמיינזאַם צוגעטרעטן צו דער ציוניסטישער ארבעט, פּונקט אזוי איצט קאָן מען צורופֿן: ווילט איר ראַטעווען דאָס יידישע פֿאָלק פֿון אונטערגאַנג? ווילט איר, אַז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל זיין אַ פֿריי סאָציאַליסטיש פֿאָלק און עס זאָל דערלעבן די פֿריידיקע שעה פֿון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־אָרדנונג? — שליסט זיך אָן אין אונזער ציוניסטישער אויפֿבוי־אַרבעט! פֿאַראייניקט דעם יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף דורך דעם אויפֿבוי פֿון מדינת־ישראל! און זאָל די מדינה ישראל ווערן דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק!

די מדינה ישראל

מיר האָבן אין פֿאַריקן אַרטיקל געזען, ווי די טעאָריעס פֿון די סאָציאַליסטן — אַנטי־ציוניסטן, זענען אין קעגנזאַץ צום יידיש־נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף, און ווי אַנטי־נאַציאָנאַל, און אַנטי־סאָציאַליסטיש דאָס איז. אָבער, אָט דער קעגנזאַץ פֿאַרשווינדט גלייך, ווי נאָר מיר ווענדן אונזערע פּערספּעקטיוון צו דער מדינה ישראל. דאָרטן קאָן דער יידישער אַרבעטער נישט אויסקעמפֿן דעם סאָציאַליזם, אויב די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט איז נישט פֿאַרזיכערט. ער קאָן נישט פֿאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, אויב ער פֿירט נישט קיין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. דער זעלבער וועלט־אימפּעריאַליזם, וואָס פֿירט זיין קאַמף קעגן זיג פֿונם סאָציאַליזם, זוכט אויך צו פֿאַרניכטן די זעלבסטשטענדיקייט פֿון די קליינע פֿעלקער און במילא, סיי אין זיין נאַציאָנאַלן, ווי אויך אין זיין סאָציאַלן קאַמף, שטויסט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אָן אויף דעם זעלבן שונא.

די אַנטי־ציוניסטן שטעלן אַרויס קעגן ציוניזם צוויי טענות: ערשטנס, אַז ישראל לייזט נישט דאָס יידישע פּראָבלעם, ווייל די מערהייט בלייבט נאָך אין גלות און צווייטנס, אַז די יידישע ווירטשאַפֿט אין לאַנד איז נאָך אַ קליינע און פּרימיטיווע, און עס דראָט איר איינגעשלינגען צו ווערן פֿון די עקאָנאָמיש מער אַנטוויקלטע פֿעלקער.

די טענות האָבן נאָר פֿון אויבנאויף אַ שיין פֿון אמת. טראַכט מען זיך אָבער אַריין טיפֿער, דערזעט מען די פֿאַלשקייט פֿון אָט די טענות: עס איז וואָר, אַז די יידישע מלוכה, וואָס ציילט היינט 700.000 יידן וועט אין פֿאַרלויף פֿון א צוויי צענדליק יאָר קאָנען אַריינעמען צוויי מיליאָן יידן, ד. ה. מער יידן, וויפֿל עס געפֿינען זיך אין גאַנץ אייראָפּע (חוץ דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד). דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס וועט האָבן א מלוכה פֿון דריי מיליאָן נפֿשות, וועט

דערמלט אין זייער צאָל זיך אויסגלייכן מיט די באַלטישע מלוכות, און א טייל פון זיי — אפילו אריבערשטייגן! און קיינער האָט דאָך קיינמאָל נישט געצווייפלט, אין דעם בארעכטיקטן שטרעבן פון עסטאָניע, ליטע, און לעטלאַנד, צו האָבן זייערע אייגענע זעלבסט־שטענדיקע מלוכות, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט גרויס אין צאָל. פאַרוואָס זשע זאָל מען באצווייפלען די רעכט פון דעם יידישן פאָלק צו אן אייגענער מלוכה? און אויב עס וועלן דערמלט דאָך, נאָך בלייבן גרויסע יידישע מאסן חוץ לארץ, — צי געפינען זיך דען נישט די מערהייט פון גריכישן פאָלק אויף עמיגראציע? זענען דען נישטאָ צענדליקער מיליאָנען איטאליענער אויף עמיגראציע? און ווער באצווייפלט זייערע רעכט אויף נאציאָנאלע־זעלבסטשטענדיקייט? איז פאַרוואָס זאָל מען באצווייפלען די יידישע רעכט?

די צווייטע טענה, אז די יידישע ווירטשאַפט איז אן אָרעמע, און אז זי גיט נישט קיין באַזע פאַר עקזיסטענץ דעם יידישן פאָלק, איז אויך אזוי פאַלש ווי די ערשטע. ווייל עס איז נישט דענקבאַר, אז אין דער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג, מוזן אלע מלוכות זיין גלייך אנטוויקלט. עס זענען פאַראַנען גאָר אָרעמע מלוכות און גאָר רייכע, און דאָך, איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן צו זאָגן, אז די אָרעמע מלוכות מוזן פאַרשווונדן!

מיר האָבן שוין אין ישראל באַוויזן, ווי אזוי מיר קאָנען ארבעטן. אויף וואָס פאַר א וויסטן באָדן, מיר האָבן שטעט אויפגעבויט און גערטנער פאַרפלאַנצט.

אין דער לאַנדווירטשאַפט אנטוויקלט זיך ישראל אויפן וועג פון זעלבסטבאַשפייזונג; אין דער אינדוסטריע האָבן מיר גרויסע פערספּעקטיוון אויסצונוצן די נאַטירלעכע אוצרות פון לאַנד און צו אנטוויקלען דעם טראַנספּאָרט. אזוי, אז גאָר אין קורצן וועלן מיר האָבן א סך מער ווי מיר האָבן היינט. און חוץ דעם, נעמען די אנטי־ציוניסטן נישט אין אַכט, דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, ווען קוואַנטיטעט פאַרוואַנדלט זיך אין קוואַליטעט, — א יידיש פאָלק אָרגאַניזירט אין אן אייגן לאַנד, מיט אייגענער ווירטשאַפט, מיט זיין זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאלער געזעצגעבונג, מעג עס אפילו אויסמאַכן א קלענערן טייל, ווי די יידן אין די גלות־לענדער, וועט דאָך אין קוואַליטעט — זיי אריבערשטייגן. עס וועט מער דעצידירן אפילו וועגן נאַציאָנאלן קיום פון יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער ווי די

באָדנלאָזע, קליינע און שוואַכע יידישע ישובים צווישן פרעמדע.

די אויפריכטונג פון דער מדינה ישראל, איז נישט נאָר א רע־וואָלוציע אין יידישן לעבן, עס באַדייט א רעוואָלוציאָניזירונג פון דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, און דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל מיר ווילן זיין רעוואָלוציאָנערן־מיסיאָנערן, כאָטש אויך דאָס דאַרפן מיר טאָן, נאָר פשוט, די אַנטוויקלונג פון דער יידישער ווירטשאַפט אין ישראל, מוז מיט זיך ארויסרופן אן עקאָנאָמישע קאָנקורענץ פון די אַראַבישע לענדער, און במילא וועלן זיי אויך מוזן אָרגאַ־ניזירן און קולטיווירן זייער פּראָדוקציע־שאַפונג, און דאָס וועט במילא דערפירן צו א פאַנאַנדערפאַלונג פון די פּריצישע און פאַשיס־טישע קליקעס, עס וועט זיך האַסטיק אַנטוויקלען אן אַראַבישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט ווערן א נאַטירלעכער שותּף פון דעם יידישן ארבעטער־קלאַס אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. און דאָס וועט ענדערן אויף א רעוואָלוציאָנערן אופן דאָס פּנים פונם גאַנצן מזרח.

עס איז נאָך נישט געווען קיין איין גרויסע און אמתדיקע רעוואָלוציע (און אזא איז די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל), וואָס זאָל נישט אויסברייטערן איר השפעה אויסער אירע גרענעצן, און אויך די יידישע פאָלקס־רעוואָלוציע קאָן דאָ אויך נישט זיין קיין אויסנאַם. און, דאָס איז טאַקע די סיבה פון דעם, וואָס אַלע אימפּעריאַליסטישע און פינצטערע כוחות פון דער וועלט, שטעלן זיך אַנטקעגן, דאָס אויפבויען פון דער יידישער מדינה! שטעלן זיך אַנטקעגן, אפילו דורך פּראָוואָצירן א מלחמה אויפן נאָ־ענטן מזרח.

ס'איז אומפאַראַנטוואָרטלעך פון מענטשן צו קומען מיט טענות, אז דאָס איז דער ציוניזם שולדיק אין דער מלחמה, און דערמיט באַ־גייען זיי א באַוואוסטזיניקע פעלשונג. עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען, ווען א פאָלק דעראָבערט א לאַנד אָן מלחמה, נאָר דורך ארבעט.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיין אייגן לאַנד צוריק דעראָבערט א דאַנק צענדליקער יאָרן פון חלוצישער ארבעט און קיינע פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, חוץ די רעוויזיאָניסטן, האָבן די אַנטשטיי־אונג צו שאַפן איצט א יידישע מלוכה, נישט צוגעאיילט. מען האָט געוואָלט ווייטער אָנגיין מיט פרידלעכער ארבעט דורך פאַרגרעסערן די עליה און דורך אויפבויען דאָס לאַנד, און במילא, וואָלט דאָס

מלוכה סיסטעם פון זיך אליין רייף געוואָרן. נאָר אין דעם האָט אונז די רויבערישע מאַנדאַטן־מאַכט געשטערט, זעענדיק אין דעם א סכנה פאַר אירע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן און אין שותפות מיטן אַראַבישן פאַשיזם, — אָנגעוואָרפן א קריג. פירן מיר א געצוואונגענע מלחמה, און במילא — אן עכטע רעוואָלוציאָנערע מלחמה.

מיר פירן א מלחמה נישט כדי דאָס לאַנד צו דעראָבערן, דאָס האָבן מיר שוין טיילווייז דערגרייכט, נאָר מיר פירן א מלחמה, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס מיר האָבן מיט אונזער בלוט און שוויים אויפגעבויט. די גערעכטיקייט פון אונזער קאַמף איז היינט קלאָר פאַר יעדן פּראָגרעסיוון מענטש, אָבער אין די טרויעריקע צייטן פון קאַמף האָבן מיר שוין ליכטיקע מאָמענטן. מיר האָבן שוין דעמאָנסטרירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מיר קאָנען אַרבעטן און קענען קעמפן. אַרבעטנדיק און קעמפנדיק פאַרפעסטיקן מיר אונזער אייגענע מדינה, וועלכע האָט אין זיך אַלע עלעמענטן צו פאַרוואַנדלען זיך אין א סאָציאַליסטישער.

לאָמיר־זשע רעזומירן, וואָס באַדייט פאַר דעם יידישן פאָלק די מדינה ישראל?

עס באַדייט, קודם כל, אַז דאָרטן פאַרבינדט דער יידישער אַרבעטער זיין נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, ד. ה. ער פאַרווירקלעכט די גרונט־פּרינציפּן, וואָס דרינגען אַרויס פון דער מאַרקסיסטישער לערע. צווייטנס, אַז דער יידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונגס־קאַמף, וועט געבן א גרויסן צושטייער פאַרן זיג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, דורך זיין קאַמף קעגן דעם אַלטוועלטלעכן אימפּעריאַליזם און קעגן אַראַבישן פּריצישן פאַשיזם, ד. ה. אַז פאַרווירקלעכנדיק זיין גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידייע, ווערט דער יידישער אַרבעטער אן אמתער רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַלער מאַרקסיסטישער פאַקטאָר. עס פאַלן אַוועק אין יידישן לעבן אַלע שוואַכקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונזער גלות־געשיכטע. מיר ווערן אויף אַלע געביטן גלייכע מיט גלייכע. עס איז אונז א גרויסער שאָד, וואָס נאָך נישט אַלע, פאַרשטייען דעם גרויסן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אמת. עס איז אונז א שאָד, נישט נאָר פאַר דעם שאָדן, וואָס דאָס ברענגט דעם יידישן פאָלק און דער זאַך פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

עס איז אונז פֿאר אַלעם, אַ שאָד פֿאר זיי אַליין, פֿארוואָס זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן מיטצולעבן מיט אונזער גרויסן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, מיט דער גרויסער נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג פֿון דעם יידישן פֿאָלק פֿון גאָר דער וועלט; פֿארוואָס זיי האָבן נישט די זכיה צו נעמען אַן אָנטייל אין אָט דער גרויסער, הייליקער ארבעט.

IV. אַן ענטפער אונזערע קריטיקער

אַן אָפּקלאַנג פון אַ דיסקוסיע

מיר שרייבן וועגן אַן אָפּקלאַנג פון אַ דיסקוסיע, ווייל אונז איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַט די דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף די שפּאַלטן פון „אונזער שטימע" אַרום דער פראַגע פון דער יידישער מדינה זאָל קאָנען ווירקלעך אָנגערופן ווערן „אַ בונדישע דיסקוסיע". דער „בונד" האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אָריגינעלע טעאָרעטיקער פון מאַרקסיסטישן געדאַנק, ער האָט אָבער געהאַט אַ גאַנצע גאַלעריע פון אויסגעצייכנטע, און ערשטקלאַסיקע פּאָליטישע פּובליציסטן, וועלכע האָבן מיט זייער פאַרנעם גאַנץ ווייט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פון „בונד".

די בונדישע פירער פלעגן זיך אָפּשטעלן הויפּטזעכלעך אויף פיר מאָמענטן. 1) די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־לאַגע ; 2) די לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ; 3) די ראָל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג ; 4) די ראָל פון „בונד" אַלס פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, זענען אַ סך אָפּשאַצונגען געווען גרינטלעך פאַלש, אָבער קיינער וועט נישט פאַרלייקענען, אַז עס איז געווען אַ מאַרקסיסטישער פּרוּוו צו אַנאַליזירן אַלע גרונט־פּראָבלעמען. אין די היינטיקע דיסקוסיעס איז פון דעם אַלעם קיין סך נישט געבליבן. די אַלע טענות, וואָס זענען דיסקוטירט געוואָרן, זענען פון זייער אַ נידעריקן ניווא, און דער עיקר, זיי האָבן אַליין אַ תל געמאַכט

פון דער בונדישער וועלט־אנשויאונג, נישט וויסנדיק אליין, וואס זיי טוען.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו באטראכטן די טענות פון דער מערהייט, ווען מיר זאגן עטלעכע ווערטער וועגן די אזוי גערופענע „רעוויזיאניסטן" אין „בונד". צו זיי האט מען טענות פון צוויי זייטן: פון ציוניסטישן לאגער, אז זיי זענען נישט גענוג קאנסע־קווענט; פון דער בונדישער מערהייט — אז זיי זענען רעוויזיא־ניסטן. אן שום צווייפל, האבן די טענות פון די אזוי גערופענע רע־וויזיאניסטן געהאט א גאנצע רייע פעלערן, ווידערשפרוכן, אבער מיר האלטן אז מ'דארף אין זייער גארטן קיין שטיינער נישט ווארפן, ווייל פאר אונז איז קלאר, אז האבנדיק הינטער זיך א 50 יאריקע פארטיי־טראדיציע, קען מען נישט פארלאנגען פון זיי, אז זיי זאלן איבערנאכט ווערן ציוניסטן. ווען דאס וואלט אזוי געשען, וואלט עס ארויסגערופן א פארדאכט, פון נישט ערלעכקייט און נישט ערנסטקייט. פאר אונז איז דער עיקר, אז זיי האבן זיך פארטראכט, עפעס וואס פארשטאנען און פירן אויף זייער אופן א קאמף פאר דער אנערקענונג פון ישראל. מיר זענען זיכער, אז דאס לעבן וועט זיי ווייטער לערנען און זיי וועלן דערגיין ביז צום סוף. וועלן מיר היינט נאר פאלעמיזירן מיט די פיר הויפט־טענות פון דער מער־הייט פון „בונד". דאס ערשטע, די באציאונג צו דער יידישער מדי־נה. די בונדיסטן, וואס רעדן וועגן דער שעדלעכקייט פון דער יידישער מדינה, מיינען אז זיי פארטרעטן די אלטע שטעלונג פון „בונד". אויב זיי מיינען ווירקלעך אזוי, ווייזט זיך אויס, אז זיי קענען נישט זייער אייגענע געשיכטע. אלע טעארעטיקער פון „בונד" אנהויבנדיק פון קאסאווסקי און פארענדיקנדיק מיט ערליכן און אלטערן האבן קיינמאל נישט ארויסגערוקט אין זייער פראפאגאנדע דעם געדאנק, אז א יידישע מלוכה איז שעדלעך, ווייל דאס איז דאך נישט מער, ווי אנארכיסטישער קוואטש, ווייל אויב א יידישע מלוכה איז שעדלעך, פארוואס איז נישט שעדלעך די עקזיסטענץ פון אנדערע מלוכות? אויב די יידישע מלוכה איז פארבונדן מיט געפאר פון מלחמות, — וועלכע מלוכה איז ניט פארבונדן מיט געפאר פון מלחמות אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט? ניין! אזא וואולגארע, אנארכיסטישע טעאריע איז געווען ווייט פון די בונ־דישע פירער. אויב זיי האבן יא באקעמפט דעם ציוניזם, איז עס געווען דערפאר, ווייל זיי האבן געהאלטן, אז א יידישע מלוכה איז

אוממעגלעך צו שאַפֿן ביי די איצטיקע באַדינגונגען און ווייל דאָס איז אוממעגלעך האָבן זיי געהאַלטן דעם ציוניזם פֿאַר א רעאַק־ציאָנערע אוטאָפּיע, וועלכע ציט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די גרויסע יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פֿון זייער קאַמף פֿאַרן סאָ־ציאַליזם דאָ אויפֿן אָרט. און איצט, ווען אַט די גרויסע יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן, דער איינציקער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם אין דער יידישער סביבה, איז מער נישטאָ, — ניט וויכטיק אין דעם פֿאַל, צי מ׳האָט עס פֿאָרויסגעזען אָדער נישט, וויכטיק איז דאָ דער פֿאַקט, אז די מאַסן עקזיסטירן נישט מער — דאַקעגן איז געוואָרן געשאַפֿן א יידישע מדינה. שטעלט זיך א פֿראַגע, ווי, וואָלט געווען די שטעלונג פֿון די בונדישע פֿירער, ווען זיי וואָלטן היינט געלעבט? מיר ווילן נישט זאָגן קיין נביאות, אָבער מיר זענען זיכער, אז זיי וואָלטן צו דעם אבסורד פֿון די פּאַריזער בונ־דיסטן נישט דערגאַנגען, זיי וואָלטן נישט פֿאַרטיידיקט א טעאָריע, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט מאַסן, וואָס זענען שוין מער נישטאָ און וואָלטן נישט באַקעמפֿט די יידישע מדינה, וועלכע איז שוין יאָ פֿאַראַן.

איצט, די צווייטע טעזע, וועגן אַלוועלטלעכקייט פֿון יידישן פֿאָלק: אויב אין באַצוג צו דער יידישער מדינה פֿאַרטרעטן נישט די פּאַריזער בונדיסטן די טראַדיציע פֿון „בונד", איז אין די פֿראַגן וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פֿון יידישן פֿאָלק, גראָבן זיי אליין אונטער די גרונט־יסודות פֿון אַלטן „בונד". דאָס כאַ־ראַקטעריסטישע דערביי איז, אז דער פּונקט איז ביי זיי געוואָרן דער הויפּט־עיקר אין קאַמף קעגן ציוניזם. דעם שאַרפֿסטן און פּרינ־ציפּיעלסטן קאַמף האָבן אַלע בונדישע פֿירער אין אַלע צייטן, אונטער אַלע באַדינגונגען געפֿירט קעגן דער טעאָריע וועגן אַלוועלטלעכקייט פֿון יידישן פֿאָלק. פֿאַר זיי האָבן נאָר עקזיסטירט יידישע פֿעלקער אין פֿאַרשיידענע לענדער, וועלכע האָבן צווישן זיך קיין שום גע־מיינזאַמעס נישט, ווייל יעדעס יידישע פֿאָלק איז אָפּהענגיק פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פֿון דעם לאַנד אין וועלכן עס לעבט. נאָר די באַדינגונגען זענען איינציק און אליין דע־צידירנדיק פֿאַר יעדן יידיש פֿאָלק אין דעם לאַנד, אין וועלכן ער לעבט. און דורך דעם האָט דער „בונד" פֿון פּוילן קיינמאָל נישט באַמיט זיך צוצוהעלפֿן שאַפֿן בונדישע פּאַרטייען אין אַנדערע לענ־דער. אפֿילו, אין דעם איינציקן לאַנד, אין רומעניען, וואו ס׳האָט

געפּרוווט זיך שאַפֿן אַ „בונד", איז דאָך קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאַרבינדונג נישט איינגעשטעלט געוואָרן און עס האָט נישט געקאָנט איינגעשטעלט ווערן, ווייל יעדער פּרווו פֿון „בונד" ארויסצוגיין פֿון די גרענעצן פֿון דעם לאַנד אין וועלכן ער איז טעטיק איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ געפֿאַר פֿון באַנקראָט פֿון דער בונדישער גרונט־אידייע. היינט קומען צו גיין בונדישע חכמים און מאַכן דאָס אַלוועלטלעכקייט פֿון יידישן פֿאָלק פֿאַר זייער טעאָריע און מיינען, אַז מיט דעם פֿאַרטיידיקן זיי די אַלטע טראַדיציע פֿון „בונד". ווי אַזוי זאָל מען דאָס פֿאַרשטיין? איז דאָס זעלבסט־אָפּנאַרעריי, אָדער אַ פּרווו אָפּצונאַרן אַנדערע, און אפשר ביידע צוזאַמען. יעדנפֿאַלס, איז איין זאַך קלאָר, אַז מיט זייער נייער טעאָריע וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פֿון יידישן פֿאָלק גיבן די מכלומרשט טראַדיציאָנעלע בונדיסטן, אַ טויט־קלאַפּ די געשיכטע פֿון „בונד".

און איצט דער דריטער פּונקט: דאָס איז דאָס באַזירן זיך וויי־טער אויף דער נאַציאָנאַלער קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿון יידישן פֿאָלק אין די גלות־לענדער אלס די איינציקע באַזע פֿון אונזער נאַציאָנאַלן קיום. ד. ה. אַז די בונדיסטן האַלטן, אַז מ'קען דורך נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אָרגאַניזירן און אויפֿהאַלטן דאָס יידישע פֿאָלק. מיר האָבן שוין ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו רעדן וועגן דעם פּראָבלעם. מיר האָבן געפּרוווט אויפֿצווייזן די פֿאַלשע טעאָריע, אַז מ'קאָן דורך נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק; אַז אָט די טעאָריע האָט נאָר געקאָנט אַנטשטיין אין אַ קאָמפּאַקטער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס האָט געציילט מיליאָנען מיטגלידער, און ווען די מיליאָנען זענען נישטאָ, האָט די טעאָריע פֿאַרלוירן איר גאַנצן זינען.

איצט ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ צווייטער זייט פֿון דעם פּראָבלעם. דער לאָזונג פֿון נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז אַלע מאָל ביים „בונד" געווען אַ קאַמפּס־לאָזונג, וועלכע איז געווען פֿאַרבונדן מיטן זיג פֿון דער דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. אָט דעם לאָזונג האָבן ספּעציעל יידישע מאַסן געדאַרפֿט אויסקעמפֿן און איצט פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע:

צי וועלן די בונדיסטן פּרווון צו אָרגאַניזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף פֿאַר דער לאָזונג אין די מערב־לענדער? דאַכט זיך, אַז ס'איז גענוג צו שטעלן די פֿראַגע, מען זאָל דערזען דעם טעמפּן ווינקל

אין וועלכן די בונדיסטן זענען פֿארקראָכן. מיר דאכט זיך, אז קיי־נער פֿון זיי טראכט נישט, אז דאָס איז מעגלעך. די בונדיסטן רוקן די לאָזונג אליין נישט ארויס אין די מערב־לענדער. ער ווערט נאָר ווי אן אבסטראקטער געדאנק באַנוצט אין קאמף קעגן ציו־ניזם. און די בונדיסטן טוען גוט, וואָס זיי רוקן דעם לאָזונג נישט ארויס אין די מערב־לענדער, ווייל זיי וואָלטן זיך נאָך מער לעכ־ערלעך געמאכט, אָבער עס איז אן אייגנארטיקייט איצט פֿון „בונד" אין פּאריז ארויסצורוקן א לאָזונג פֿאר וועלכן זיי אליין האָבן נישט בדעה צו קעמפֿן. זיי קעמפֿן אָבער יאָ קעגן די מדינה ישראל, וואָס האָט לויט זיי נישט קיין עקזיסטענץ בארעכטיקונג, אָבער וועלכע עקזיסטירט שוין.

דער „בונד" האַלט זיך ווייזט אויס, ביי דעם געדאנק, אז אויב די פֿאקטן זענען קעגן מיר — איז ווי צו די פֿאקטן.

איצט, די לעצטע טעזע פֿון די בונדיסטן, אז דער סאָציאליזם וועט לייזן אלע פּראָבלעמען. מיר האָבן שוין נישט איינמאָל אָנ־געוויזן וועגן דעם, אז דער סאָציאליזם קען זיגן און וועט זיכער זיגן, אפֿילו דאָ, ווען ס'זאָלן שוין קיין יידן מער נישט זיין. און מיר ווילן אלץ טאָן, אז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל ווערן א גלייכבאַ־רעכטיקט פֿאָלק אין דער סאָציאליסטישער פֿעלקער משפּחה.

דאָ וועלן מיר באריר־ן א צווייטע זייט פֿון דער פֿראַגע. די אלטע בונדישע טעאָרעטיקער האָבן זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגע־שטעלט, אז דער סאָציאליזם וועט זיגן און דאָס יידישע פֿאָלק וועט געראטעוועט ווערן. אזוי וואולגאר זענען זיי נישט געוועזן, פֿאר־קערט, זיי האָבן אלע מאָל שטאָלצירט מיט דעם, אז אויב די יידישע בורזשואזיע האָט באקומען גלייכבארעכטיקונג ווי א מתנה, א דאנק דעם זיג פֿון דער גרויסער פֿראנצויזישער רעוואָלוציע, וועט דער יידישער ארבעטער ביים זיג פֿון סאָציאליזם אזא מתנה נישט באַ־קומען, ווייל דעם סאָציאליזם וועט דער יידישער ארבעטער גלייך מיט אנדערע אויסקעמפֿן און דער „בונד" האָט אָנגעוויזן די הונ־דערטער טויזנטער יידישע ארבעטער, וואָס זענען גרייט אויף זיין רוף צו גיין אין קאמף פֿארן סאָציאליזם. נו, איצט, ווי קענען די פּאריזער בונדיסטן חלומען וועגן דעם? ביי זיי האָט זיך דער סאָ־ציאליזם פֿארוואנדלט אין א געדאנק פֿון פֿילאנטראָפּיע, אז נאָכן זיג פֿון סאָציאליזם וועלן זיי אויך באקומען א סאָציאליסטישע מתנה. זיי פֿארשטייען נישט, — און דאָס איז זייער אומגליק —

אַז מען מוז איבערבויען ראַדיקאַל דאָס יידישע לעבן, וואו ס'זאָל זיך קענען פֿריי אַנטוויקלען דער יידישער פּראָלעטאַרישער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. ווייל אָן דעם וועלן די בונדיסטן בלייבן אַזוי אָרעם און קליין (אויב זיי וועלן איבערהויפּט בלייבן) ביים סאָציאַליזם, אַזוי ווי זיי זענען איצט.

צוויי פֿייערונגען

דאָס יידישע פֿאָלק אין גאָר דער וועלט האָט אין די לעצטע עטלעכע וואָכן געהאַט צוויי פֿייערונגען, וועלכע האָבן צו זיך צוגעשמידט די מוחות און די הערצער פֿון די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט.ביידע פֿייערונגען האָבן אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג, כאָטש אויבנאויפֿיק ווייזן זיי זיך אויס קעגנזעצלעך איינע צו דער צווייטער. איך מיין די פֿייערונגען לכבוד דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און די פֿייערונגען לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער יידישער מלוכה.

אויב די פֿייערונג לכבוד דעם שאַפֿן פֿון אַ יידישער מדינה עפֿנט אויף אַ נײַ בלאַט אין דער יידישער געשיכטע, און זאָגט אָן דעם נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פֿון יידישן פֿאָלק, איז די פֿייערונג פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אַן עדות פֿון אַן אונטערגייענדיקער עפּאָכע, די העכסטע טראַגעדיע פֿון אונזער גלות־לעבן.

לאָמיר אביסל נענטער עקזאַמינירן, וואָס די צוויי פֿייערונגען האָבן געמיינזאַמעס און וואָס להיפּוכדיקעס. דאָס געמיינזאַמע פֿון די ביידע קאַמפֿן, פֿון אויפֿשטאַנד אין געטאָ און דעם באַפֿרייאונגס־קאַמף אין ארץ ישראל, באַשטייט אין דעם, וואָס ביידע קאַמפֿן זענען געפֿירט פֿאַרן אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק, פֿאַר דער דערהויבונג פֿון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלער זעלבסשטענדיקייט, אָבער דער אופֿן ווי אזוי די קאַמפֿן זענען פֿאָרגעקומען און דער רעזולטאַט פֿון אָט די קאַמפֿן זענען אין גאַנצן קעגנזעצלעכע.

מיר ווילן זיך דאָ נישט אריינלאָזן אין אַ פּאָלעמיק מיט די פֿעלשער פֿון דער געשיכטע פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס ווילן דווקא באַווייזן, אז די קאַמפֿן זענען געווען אַ פּראָדוקט, וואָס די יידישע מאַסן האָבן זיך געלאָזט אינספּירירן פֿון אַנדערע, פֿון דרויסן, און טיילווייז אפֿילו פֿון דרויסן אָנגעפֿירט, מיר ווילן נאָר פֿעסטשטעלן, וועלכע פּראָצעסן אין דער געשיכטע פֿון יידישן

פֿאָלק האָבן מעגלעך געמאַכט אַזאַ זאַך, ווי דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָס יידישע פֿאָלק האָט במשך דער גאַנצער צוויי טויזנט יאָריקער גלות־תקופֿה געפֿירט אַ קאַמף פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דער קאַמף איז פֿאָרגעקומען אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען און געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי ביי אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פֿעלקער. יעדעס פֿאָלק אין אייראָפּע האָט צו פֿאַרצייכענען שוואַרצע טעג אין זיין געשיכטע, ווען עס איז געווען באַהערשט און אונטערדריקט פֿון פֿרעמדע. אָבער די אונטערדריקער איז נישט איינגעפֿאַלן די פֿעלקער פֿון זייערע וואוינערטער צו פֿאַריאָגן. מען האָט זיך באַגנוגנט זיי צו באַרויבן און צווינגען צו דינען דעם אָקופּאַנט. דאָס פֿאַרבלייבן פֿון די פֿעלקער אויף די ערטער האָט פֿאַרלייכטערט זייער קאַמף פֿאַר פֿרייהייט. זיי האָבן נאָר אַלעמאָל באַדאַרפֿט אָפּוואַרטן אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט, ווען דער אונטערדריקער איז אריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קאָנפֿליקט מיט אַ צווייטער מלוכה, דעמלט איז זיי לייכט געווען אויסצונוצן די געלעגנהייט און קעמפֿנדיק, צוריק דעראָבערן זייער פֿאַרלוירענע פֿרייהייט. אַנדערש איז דאָס פֿאָרגעקומען ביים יידישן פֿאָלק. מיר זענען פֿון אונזער לאַנד געוואַלטיק פֿאַרטריבן געוואָרן, מיר זענען געוואָרן אַ צעזייט און צעשפּרייט פֿאָלק צווישן אַנדערע. קיין שום אינטערנאַציאָנאַלער קריזיס האָט אונז נישט געקענט געבן די געלעגנהייט אויף צוריק צו באַקומען אונזער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, ביז וואַנען אין ארץ ישראל איז נישט צוריק אַנטשטאַנען אַזאַ יידישער כוח, וואָס זאָל אים מעגלעך מאַכן דאָס לאַנד צוריק אויסצוקעמפֿן. אָט דער כוח האָט זיך איצטער אַנטוויקלט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן. דער קאַמף פֿון יידישן פֿאָלק האָט דעריבער געמוזט אָננעמען גאַנץ אַנדערע פֿאָרמען ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער, וואָס זענען געווען אונטערדריקט, אָבער זענען געבליבן אין זייער גרויסער מערהייט וואוינען אין זייערע לענדער. דער קידוש־השם איז געוואָרן די פֿאָרם פֿון נאַציאָנאַלן יידישן קאַמף. אָבער דער כאַראַקטער פֿון קידוש־השם־קאַמף איז אויך אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי ביי די איבעריקע פֿעלקער, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר זייער נאַציאָנאַלער פֿרייהייט.

אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד? ביי אַלע פֿעלקער איז אין דירעקטן קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, אַממייסטן ארויס־

געטרעטן בלויז א מינדערהייט פֿון פֿאָלק און זיי האָבן געקאָנט זיגן נאָר, ווען די סימפּאַטיע פֿון די איבעריקע פֿאָלקס־טיילן איז געווען אויף זייער זייט, אָבער אין דירעקטן קאַמף איז געווען באַטייליקט בלויז דער קעמפֿערישער טייל פֿון פֿאָלק. אַנדערש איז דער קידוש־השם־קאַמף געווען ביי יידן. אמת, דאָ האָט דאָס יידישע פֿאָלק גע־קעמפֿט פּאַסיוו, קיין שום אַנדערע פֿאָרמען פֿון קאַמף זענען נישט מעגלעך געווען, אָבער דערפֿאַר האָט געקעמפֿט דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, נישט קיין מיעוט איז געגאַנגען אויף קידוש־השם, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, אַלע זיינע שיכטן: דער רב ווי דער בעל־עגלה, דער רייכער ווי דער אָרימער, קליינע קינדער ווי אַלטע לייט. גאַנצע ישובים זענען פֿאַרניכטעט געוואָרן. אַזאַ טאָטאַלן אומקום, כדי צו דערהאַלטן די אידייען פֿון נאַציאָנאַלן קיום, ווייס נישט קיין אַנ־דער פֿאָלק.

און נישט בלויז די באַדינגונגען און דער כאַראַקטער פֿון יידישן קאַמף פֿאַרן קיום איז געווען אַנדערש ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, נאָר אויך די קאָנקרעטע פּערספּעקטיוון זענען געווען גאַנץ פֿאַרשידנאַרטיקע. און דאָס איז אפֿשר דאָס וויכטיקסטע.

ווען אַנדערע פֿעלקער זענען ארויס אין קאַמף פֿאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, האָבן זיי געהאַט אַ קאָנקרעטע פּערספּעקטיוו. עס האָט זיך קיינמאָל קיין פֿאָלק צום געווער נישט גענומען, ביז עס האָט נישט געוואוסט, אַז עס קאָן זיגן. נישט אַלעמאָל האָט מען געזיגט, אָבער די פּערספּעקטיוון האָבן אַלעמאָל די קעמפֿנ־דיקע פֿעלקער, אַנטקעגנגעלויכטן, אָן דעם וואָלטן זיי אין קאַמף נישט ארויס.

אַנדערש איז דאָס געווען מיטן יידישן פֿאָלק. דאָ זענען די פּערספּעקטיוון נישט געלעגן אויף דער האַנט. העכסטנס, זענען זיי געווען פֿאַרבינדן מיט אַ גאַנץ ווייטער צוקונפֿט, און אָט פֿאַר דער ווייטער צוקונפֿט האָט עס זיין לעבן אָפּגעגעבן. אונז דוכט זיך אויס, אַז אויב מען פֿאַרשטייט דאָס, האָט מען דעם שליסל צו פֿאַרשטיין די טרייב־כוחות, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם געטאָ־אויפֿ־שטאַנד. אמת, אין געטאָ האָבן געווירקט נאָך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן דעם יידישן קאַמף צוגעגעבן אַנדערע פֿאָרמען, ווי קידוש־השם קאַמפֿן. דאָ האָבן געווירקט, די אַנטוויקלונג פֿון סאָציאַלן און נאַ־ציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין די לעצטע פֿופֿציק יאָר, די פֿאַרגאַנגענע רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿן פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער גרוי־

סער יידישער אויפבוי אין ארץ ישראל, וואס האט אנגעזאגט די אויס־לייזונג. דאס אלץ, האט געווירקט, אז די יידישע פאלקס־מאסן זאלן זיין גרייט צום רעוואלוציאנערן אומקום און נישט צום פאסיוון. אבער, די ווארשעווער יידן האבן אויפגעהויבן די פאן פון אויפשטאנד, גייענדיק אויף א זיכערן טויט, נישט האבנדיק קיין שום רעאלע פערספעקטיוו אויף א באלדיקן זיג, נאר בלויז האבנדיק די איבערצייגונג, אז דערמיט דינען זיי דער צוקונפט פון זייער פאלק. אזוי איז דער פינאל פון אונזער גלות־טראגעדיע געווען א העלדישער און א טראגישער. העלדיש, ווייל אזעלכע קאמפן, אונטער אזעלכע באדינגונגען, קען נישט די געשיכטע פון די פעלקער; טראגיש, דערפאר, ווייל דער גורל פון די אנשטרענגונגען, דער אויסגאנג פון די קאמפן איז פון פאראויס געווען א באשטימטער.

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא האט געשטעלט א דענקמאל, א הערלעכן דענקמאל, אבער דאך א דענקמאל פון א פארשוואונדענעם לעבן, פון א לעבן, וואס איז געווען, איז שוין נישטא און וועט שוין קיינמאל נישט זיין.

אזוי איז דער טאטאלער אומקום פון די קעמפער פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד געווען דער לעצטער גאנג אויפן מארטירערישן גלות־וועג. ווייטער אזוי גיין איז שוין נישטא וואו, דא שטעלט זיך שוין דער אלטערנאטיוו: אנדערש גיין, אדער אונטערגיין.

***

א גאנץ אנדערן כאראקטער האבן די איצטיקע קאמפן אין ארץ ישראל. דא ווערט נישט פארמאכט דאס לעצטע בלעטל, נאר דא עפנט מען דאס ערשטע, ווייל ווען די קאמפן וועלן זיך ענדיקן און אונזערע קעמפער וועלן קאנען צוריקקומען צו פרידלעכער ארבעט, וועט זיך אנהויבן א ניי און באפרייט לעבן. דארט ווערט דאס יידישע פאלק אויפסניי געבוירן, נישט ווייל מיר קעמפן דארטן אזוי העלדיש, נאר ווייל מיר בויען דארט העלדיש, מיט מסירות־נפש.

כדי א פאלק זאל קאנען נארמאל עקזיסטירן איז נישט גענוג, אז עס זאל העלדיש קעמפן. מען האט שוין אין דער געשיכטע פון פעלקער געזען, אז פעלקער וואס קעמפן אפילו העלדיש, אבער וואס זענען נישט פעאיק צו פרידלעכער ארבעט און געזעלשאפטלעכער צוזאמענארבעט, זענען אומגעקומען. מיר קעמפן דארט העלדיש, אונזערע קאמפן דארטן האבן צו זיך נישט קיין שום פארגלייך מיט אנדערע קאמפן פון אונזער גלות־געשיכטע. עס מאכט דעם איינ־

דיוק, אז מיר פֿלעכטן ווייטער די גאָלדענע קאַמפּס־קייט פֿון די חשמונאים און בר־כוכבא, וואָס איז אכצן הונדערט יאָר, געווען אַזוי טראַגיש איבערגעריסן. אָבער נישט דער קאַמף איז איצט דער־צײַדירנדיק. עס דערצידירן איצט נאָך גאַנץ אַנדערע מאָמענטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווי שוואַך עס זאָלן נאָך דערווײַל זײַן אונזערע פֿרידלעכע כוחות אין ארץ ישראל, האָבן מיר שוין פֿונ־דעסטוועגן באַוויזן צו שאַפֿן אַן עקאָנאָמישע איינהייט ד. ה. אַ יידי־שע ווירטשאַפֿט, וואָס אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פֿון יידישן פֿאָלק אין ארץ ישראל. מיר האָבן בויענדיק געקעמפֿט און איצט בויען מיר, קעמפֿנדיק. אַפֿילו דאָס געווער, מיט וועלכן אונזערע קעמפֿער באַנוצן זיך איז פֿון יידישער פּראָדוקציע. אויב מען קאָן בויען, אין מאָמענט פֿון די שאַרפֿסטע קאַמפֿן, ווי וועט שוין אויסזען אונזער פֿרידלעכע בויאונג, ווען מיר וועלן קענען וואַרפֿן אויפֿן פֿראָנט פֿון פֿרידלעכער אַרבעט אַלע אונזערע כוחות.

דאָס איז נישט אַ סתם השערה. דאָס אַנערקענט שוין איצט די גאַנצע וועלט. פּונקט ווי פֿאַר זיי איז געווען אַן איבעראַשונג אונזער קאַמפּס־פֿעאיקייט, פּונקט אַזוי באַוואונדערן זיי אויך אונ־זער אַרבעטזאַמקייט.

נאָך מער, קרוב צוויי טויזנט יאָר זענען מיר געווען אָפּגעריסן פֿון אַ מלוכה־לעבן. די יידן, וואָס האָבן גענומען אַנטייל אין דער מלוכה־פֿירונג פֿון אַנדערע פֿעלקער האָבן מיטן יידישן פֿאָלק געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך געקאָנט אויסדרוקן, אַז ביי אונז האָט געקענט פֿאַרלוירן גיין די פֿעאיקייט צו פֿאַרוואַלטן מיט אַ מלוכה, און דאָס, וואָס די אַנדערע מלוכות האָבן אונז אַזוי געפּייניקט און געדריקט האָט ווירקלעך ביי אונז געקענט אָפּטויטן יעדע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר מלוכהשקייט. און דאָך באַוואונדערט איצט די גאַנצע וועלט, דאָס וואָס מיר האָבן באַ־וויזן אויפֿן געביט פֿון מלוכהשער אָרגאַניזאַציע. אַפֿילו אונזער טויט־פֿיינט, בעווין, האָט געמוזט מודה זײַן, אַז די יידן פֿאַרמאָגן אַלע מלוכהשע אָרגאַניזמען, וואָס מאַכן מעגלעך פֿאַר זיי איבערצו־גיין צו אַ נאָרמאַלער, מלוכהשער טעטיקייט.

דאָס, וואָס עס האָבן נישט באַוויזן די אַראַבער פֿון ארץ ישראל, האָבנדיק די שטיצע פֿון אַלע אַראַבישע שכנותדיקע מלוכות און די פֿולסטע אונטערשטיצונג פֿון ענגלאַנד, האָבן די יידן באַוויזן.

מיטן טאָן דאָרט אַ דרייפאַכע אַרבעט. מיר שלאָגן זיך און שלאָגן זיך העלדיש. מיר בויען, און בויען אויסגעצייכנט. מיר האָבן אָר־גאַניזירט אַ מלוכהשן אַפּאַראַט, און מיר זענען זיכער, אַז אויך דאָס וועט זיין גוט געמאַכט.

אונז שיינט, אַז מיר האָבן גענוג באַוויזן, דעם אונטערשיד פון אַ פאָלק, וואָס קעמפט אין זיין אייגן לאַנד און באַזונדערס, וואָס עס הייסט פאַרן יידישן פאָלק זיין קאַמף אין ארץ ישראל, וואו ער הויבט אָן אויפסניי, אויף אַלע געביטן; וואו ער עפנט אַ גאַנץ ניי בלעטל אין זיין רומפולער געשיכטע.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט באַצייכנט אַ פינאַל פון דער גלות־טראַגעדיע, די קאַמפן אין ארץ ישראל באַצייכענען אָן אָנהויב פון אַ באַנייט און פריי יידיש לעבן.

דער באַנייטער וויכוח

מיט דריי יאָר צוריק האָט ה' ראַיסקי אויף א זיצונג פֿון איינ־הייטס־קאָמיטעט געמאַכט אן אָפֿיציעלע דערקלערונג, אז דער קאַמף קעגן ציוניזם אינם ארבעטער־לאַגער הערט אויף. אמת איז, אז ראַיסקיס אָפּשטעלן דעם קאַמף קעגן ציוניזם האָט ארויסגערופֿן א ביי־געשמאַק ביי יעדן פּראָלעטאַרישן ציוניסט, ווייל עס איז ביי אים דערגאַנגען ביז צו דער אידעאַליזירונג פֿון פֿאַשיזם, דורך שיקן באַגריסונגען דעם אירגון און אוועקשטעלן אין איין ריי די „הגנה" מיט די אירגון־באַנדעס.

אין משך פֿון דריי יאָר זענען אין יידישן לעבן פֿאָרגעקומען גרויסע געשעענישן. עס האָט זיך געשאַפֿן די יידישע מלוכה, וואָס איר רעגירונג באַשטייט דורכווים פֿון ציוניסטישע גרופּירונגען. די רעגירונג האָט שוין באַליינגט איר עקזאַמען. מען קען און מען דאַרף האָבן טענות צו די בירגערלעכע ציוניסטישע ריכטונגען, ווי אויך צו מפּא"י צוליב זייערע וואַקלונגען אין א גאַנצע ריי גרונט־פּראָבלעמען. איין זאַך מוז מען אָבער פֿעסטשטעלן, אז אָט די ציוני־סטישע רעגירונג אין ישראל האָט דורכגעפֿירט צוויי זאַכן, וועלכע וועלן האָבן א היסטאָרישע באַדייטונג פֿאַרן יידישן פֿאָלק. זי האָט צעקלאַפּט די רעאַקציאָנערע חיילות פֿון 7 אַראַבישע לענדער און דערמיט צונישט געמאַכט דעם בייזן ווילן פֿון ענגלישן אימפּעריאַ־ליזם. און דאָס צווייטע — זי רופֿט צונויף די גרינדונגס־פֿאַרזאַמ־לונג פֿון יידישן פֿאָלק.

די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג ווערט צונויפֿגערופֿן אויף די ברייט־סטע דעמאָקראַטישסטע יסודות, וועלכע זענען זעלטן אין אַנדערע לענדער. דוכט זיך, אז אָט די גרויסע אויפֿטוען האָבן נישט געגעבן קיין סיבות צו ענדערן די באַציאונג צום ציוניזם. הייסט עס, אז נישט אין די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פֿון ציוניזם, איז געווען די סיבה צו ענדערן די באַציאונג. דאָ האָבן געווירקט אַנדערע מאָטיוון. מען

מוז באלד זאָגן אָפן — מאָטיוון פון דרויסן. ווען ערנבורג האָט אָנגעשריבן זיין בארימטן ארטיקל אין דער „פראוודא", איז שוין פאר יעדן געווען קלאָר, אז די יידישע קאָמוניסטן אין דער גאנצער וועלט, וועלן זיך צו זיין גערדאנקן־גאנג מוזן צופאסן, אז פריער אָדער שפעטער וועט מוזן באנייט ווערן דער קאמף קעגן ציוניזם.

און זעלבסטפארשטענדלעך, אז ווען לענדיק געבן א קלאפ דעם ציוניזם, מוז מען קודם כל אטאקירן דעם פראָלעטארישן ציוניזם. ווייל דער פראָלעטארישער ציוניזם איז נישט נאָר דער אוואנגארד אין קאמף פארן סאָציאליזם אין דער יידישער סביבה, נאָר איז אויך דער אוואנגארד פון פארווירקלעכן די ציוניסטישע אידייע.

מען קען קיינעם נישט אוועקנעמען די רעכט פון קריטיק. אויב איס געפעלן נישט די ציוניסטישע אידעאלן. מיר האלטן אז פאָר־לעמיק ארום גרונט־פראָבלעמען איז א נאטירלעכע זאך אין געזעל־שאפטלעכן לעבן. מיר האלטן אָבער, אז פאָלעמיק דארף געפירט ווערן נישט בייזוויליק, און אָן רליכות, איבערהויפט אָן פעלשונגען. וואָס עס קאָן נישט געזאָגט ווערן וועגן ראַיסקים ארטיקל אין „די יידישע וואָך" נומער 6.

לאָמיר זען, וואָס ראיסקי ווארפט פאָר דעם מפ"ם: „די מפ"ם שטעלט פעסט אין איר פלאטפאָרם, אז זי איז פאראייניקט אין איר בליק אויפן ציוניזם אלס לייזונג פון דער יידן־פראגע". דאָס רופט ארויס דעם צאָרן פון ה' ראיסקי. שטעלט זיך א פראגע: ווען האָבן די מארקסיסטישע ציוניסטן אנדערש געטראכט אָדער אנדערש פאָרמולירט? וואָס־זשע וואָלט ראיסקי געוואָלט, אז מיר זאָלן זיך אָפזאָגן פון דער איצטיקער מאסן־עליה און זיך באגרע־נעצן מיט 700 טויזט יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט? דאָס וואָלט דאָך פשוט געווען א זעלבסטמאָרד פון דער יידישער מדינה. דער ציוניזם האָט דאָך, דורך זיינע עליות צוגעגרייט דעם באָדן פאר דער יידישער מדינה, דורך זיינע כסדרדיקע ארבעטן פאר דער עליה פון די יידן אין דער גאנצער וועלט, באקרעפטיקט און פארשטאַקט די עקזיסטענץ פון דער יידישער מלוכה. וואָס וויל ראיסקי? אז אנשטאָט דעם ציוניזם זאָל מען די יידישע מלוכה אָנטרויען מיקו־ניסן, וועלכער האָט א חודש פאר גראָמיקאָס דערקלערונג אין דער „אָנו" אפגעגעבן א דערקלערונג פאר דער „אָנו"־קאָמיסיע, אז מען דארף פארבאָטן די יידישע עמיגראציע קיין ישראל (א חוץ קרובים), אז די עמיגראציע דארף ווערן קאָנטראָלירט דורך די אראבער.

צי האלט ער באמת, אז דער ישוב קאן אזוי שנעל פארגעסן די דאזיקע דערקלערונג, און אנשטאט דעם ציוניזם אנטרויען זיין גורל אזעלכע מענטשן, וואס זענען נאך מיט 15 חדשים צוריק געווען אייניק מיט די אראבער אין פרט פון פארבאטן די יידישע עמיגראציע קיין ישראל?

קאמיש זעען אויס ראיסקים ווערטער, אז מפ״ם גרעניצט זיך נישט אפ פון די רעוויזיאניסטן. מיר געדענקען נאך די פלאמיקע באגריסונג פון ח׳ ראיסקי פאר דעם אירגון אויף דעם פייערלעכן מיטינג לכבוד דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מדינה. נאך איצט, דעם 14טן יולי ה. י. האט ער אונז געוואלט פארבאטן צו טראגן לאזונגען קעגן דעם אירגון. איצט ווארפט ראיסקי פאר דער מפ״ם, וועלכע האט תמיד געפאדערט דעם ענערגישסטן קאמף קעגן דעם אירגון און רעוויזיאניסטן, אז זי שטעלט זיך אויף דעם זעלבן שטאנדפונקט, וואס די רעוויזיאניסטן.

דעם דריטן חטא, וועלכן ראיסקי ווארפט פאר דער מפ״ם איז — אז אין איר פלאטפארם איז נישט דא קיין שום רייד וועגן דעם קאמף קעגן דער יידישער רעאקציע און עס רעדט זיך נישט וועגן סאציאליזם אין ארץ ישראל. ס׳איז בנאמנות נישט פארשטענדלעך, ווי אזוי ראיסקי האט געקענט אזעלכעס שרייבן, ווען אין דער אמתן רעדט זיך אין דער פלאטפארם וועגן דעם גאנץ קלאר. דארט ווערט געזאגט: „די פארטיי איז פאראייניקט אין איר בליק אויף די היסטארישע אויפגאבן פון רעוואלוציאנערן קלאסן קאמף און אויפשטעלן די ארבעטער־הערשאפט, צו ליקווידירן דעם קאפיטאליזם און סאציאלער פארשקלאפונג, כדי אויפצוריכטן א סאציאליסטישע ווירטשאפט״. קלאר, אז מפ״ם שטרעבט צו דיקטאטור פון פראלעטאריאט אויפן וועג פון סאציאליזם. דאס איז דאך דער גרונט־פרינציפ פון מארקס קאמוניסטישן מאניפעסט און פון דער לערע פון לענינען.

און ביי ראיסקין הייסט עס, אז די מפ״ם האט פארגעסן דעם סאציאליזם.

ראיסקי — ווי געזאגט — האלט, אז די פארטיי רעדט גארנישט וועגן קאמף קעגן דער רעאקציע.

אין דער פאראייניקטער פארטיי־פלאטפארם אויף דער זייט נומ. 78 שטייט קלאר און דייטשלעך: „די פארטיי וועט קעמפן קעגן דער רעאקציע און אנגרייפנדיקן קלעריקאליזם, אויסצורוימען

דעם פּאַשיזם אין אַלע זיינע אויסערונגען פאַר דער פאַרווירקלע־כונג פון סאָציאַליזם". נו, פרעגט זיך א פראגע: ווער האָט קאַפּי־טולירט פאַר דער יידישער רעאַקציע? ראַיסקי, וואָס האָט אַזוי פלאַמיק באַגריסט דעם אירגון אין זיין צייטונג, וועלכע האָט גע־געבן אַזעלכע אידילישע בילדער פון יידן, וואָס גייען יום־כפור אין דער שול־אַריין דאַווענען, צי די מפ"ם, וואָס שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע אויסצוראָטן די רעאַקציע און דעם קלעריקאַליזם?

ראַיסקי ציטירט די פּאַרטיי־פּלאַטפאָרם אין וועלכער עס זאָגט זיך: „אַז די פּאַרטיי וועט באַזירן איר אַרבעט אין דער דערציאונג און אויפקלערונג אויף דער וועלט־אַנשויאונג פון קלאַסן־קאַמף — שיטה פון מאַרקסיזם".

לויט דער מיינונג פון ח' ראַיסקי שטעלט זיך די פּאַרטיי פאַר אַן אויפגאַבע צו פירן בלויז אַ דערציערישע און אויפקלערערישע אַרבעט פאַרן סאָציאַליזם, און זאָגט זיך אָפּ פון אַקטיוון קאַמף. פון די ציטאַטן, וואָס מיר האָבן שוין געברענגט, איז קלאָר פאַר יעדן איינציקן, אַז די פּאַרטיי רעדט וועגן רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער מאַכט אויפן וועג צום סאָציאַליזם. ס'איז אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער פּלאַטפאָרם געפינט זיך אַ ספּעציעל קאַפּיטל וועגן דערציאונג, און דאָרט ווערט פאַרגעלייגט צו דערציען די יוגנט אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף און מאַרקסיזם.

ראַיסקי מאַכט אַ „קליינע" פעלשונג, לויט וועלכער עס קומט אויס, אַז די פּאַרטיי האָט נישט קיין אַנדערן וועג צום סאָציאַליזם ווי נאָר דורך דערציאונג.

ראַיסקי שרייבט אין זיין אַרטיקל, אַז דער זיגרייכער אומ־אָפּהענגיקייטס־קאַמף פון די יידישע מאַסן אין ישראל, איז מעג־לעך געוואָרן אַ דאַנק דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַז דער זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט צום קאַמף די פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע פעלקער און צוגעגעבן מוט די יידישע מאַסן אין קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלער און סאָ־ציאַלער באַפרייאונג. אין דעם זענען מיר איינשטימיק.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז פאַרגעקומען מיט 30 יאָר צו־ריק, און די לינקע פּראָלעטאַרישע ציוניסטן האָבן שוין דעמלט פעסטגעשטעלט, אַז דער זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דער־נענטערט דעם זיג פון דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַפרייאונגס־קאַמף פון דער יידישער נאַציע. אָבער ראַיסקי און זיינע חברים האָבן

29 יאָר אין משך פֿון דעם דריי יאָר צענדליק, אין דעם געלייקנט און די אידייע פֿון א יידישער מדינה באַקעמפֿט. ווען דעם, אז די אַנטשטייאונג פֿון דער מדינת ישראל טראָגט אַ פּראָגרעסיוון כאַראַקטער זענען זיי געוואָר געוואָרן פֿון גראַמיקאָס רעדע אין דער אָנו, און איצט קומט ראיסקי צו גיין און אַנטדעקט פֿאַר אונז, אַז מיט 30 יאָר צוריק זענען געשאַפֿן געוואָרן די באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטשטייאונג פֿון א יידישער מדינה.

און אָט נאָך איין פּונקט, וואָס דעקט אויף דעם כאַראַקטער פֿון ראיסקים ארטיקל. אין זיין ארטיקל שרייבט ער, אז דאָס, וואָס ווערט געזאָגט אין דער פּלאַטפֿאָרם וועגן ראַטן־פֿאַרבאַנד איז נישט גענוגנד. אין דער ווענדונג צום ראַטן־פֿאַרבאַנד זאָגט זיך: העלפֿנדיק אונז, וועט איר העלפֿן זיך אליין. מ'קען האָבן פֿאַרשיידענע טענות צו דער פֿאָרמולירונג, אָבער איין זאַך איז קלאָר, און דאָס מוז זיין קלאָר פֿאַר יעדן ערלעכן און אויפֿריכטיקן מענטש, אַז דער־מיט האָט די מפּ"ם אידענטיפֿיצירט איר קאַמף מיטן קאַמף, וואָס עס פֿירט דער ראַטן־פֿאַרבאַנד.

מיר וואָלטן געקאָנט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ברענגען נאָך ציטאַטן און אויפֿווייזן די נישט ריכטיקייט פֿון ראיסקים קריטיק. אָבער אָן דעם איז אויך אַלץ קלאָר.

ראיסקים קריטיק איבער דער מפּ"ם באַזירט זיך אויף אַ נישט ריכטיק וועלן איבערגעבן און פֿאַרשטיין אונזער פּלאַטפֿאָרם.

ציוניזם און מדינת ישראל

די יידישע קאָמוניסטן פֿון דער גאַנצער וועלט, האָבן באַנייט זייער אַטאַקע קעגן ציוניזם. דאָס, וואָס די אַטאַקע קומט פֿאָר אין „גענעראַלן" מאַסשטאַב באַווייזט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דערשיינונג פֿון נישט צופֿעליקן כאַראַקטער.

דער איצטיקער קאַמף ווערט געפֿירט אונטער אַ נייער לאָזונג: קאַמף קעגן ציוניזם און פֿאַרטיידיקן די מדינה ישראל.

לאָמיר זען, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די דאָזיקע לאָזונג?

וואָס וואָלטן די קאָמוניסטן געזאָגט, ווען מען וואָלט צ"ב געשריבן, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען פּראָגרעסיוו, אָבער די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אָט די רעוואָלוציע געמאַכט איז געווען רעאַקציאָנער און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער? קלאָר, אַז זיי וואָלטן געהאַלטן די דאָזיקע רייד פֿאַר ווילדע און זיי וואָלטן געווען גערעכט, ווייל ווי קען מען אָפּטיילן די אָקטאָבער רעוואָלוציע פֿון דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג?

ווייל באַלד ביי דער אַנטשטייאונג פֿון דער באָלשעוויסטישער פֿראַקציע, האָט לענין טעאָרעטיש, פּראָפּאַגאַנדיסטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל צוגעגרייט דעם רוסישן אַרבעטער צום קאַמף פֿאַר דער מאַכט, און די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פֿון דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ווער האָט געוואָלט אָפּטיילן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי? שונאים פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. דאָס האָבן אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע כוחות זיך פֿאַראייניקט אין מאָמענט פֿון קראָנשטאַטער אויפֿשטאַנד און געוואָרפֿן דעם לאָזונג: „ראַטן־פֿאַרבאַנד אָן קאָמוניסטן!" און אַנטוויקלט די זעלבע טעאָריע וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס ראַיסקי אַנטוויקלט היינט בנוגע דעם ציוניזם. ד. ה. אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַליין, פֿאַר זיך, איז געווען

פּראָגרעסיוו, נאָר די באָלשעוויקעס זענען רעאַקציאָנער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

איז טאַקע דאָן פֿאַר יעדן געווען קלאָר, אַז דאָס איז דער ערשטער עטאַפּ פֿון וועלן פֿאַרניכטן די ראַטן־מאַכט, ווייל, ווי קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן די ראַטן־מאַכט אָן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי? די באָלשעוויקעס האָבן זי דערגרייכט, אָרגאַניזירט, דורכגעפֿירט און שפּעטער פֿאַרטיידיקט.

און דאָס זעלבע, איז דאָך אויך מיטן ציוניזם. מען דאַרף פֿאַרלירן דעם מינדעסטן געפֿיל פֿאַר היסטאָרישע פֿאַקטן, אום נישט צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אין פֿאַרלויף פֿון זיבן צענדליק יאָר, צוגעגרייט די אַנטשטייאונג פֿון דער יידישער מדינה — צוגעגרייט איינע אליין, האָבנדיק קעגן זיך אַ וועלט מיט קעגנער. קעגן אים, איז געווען דער יידישער גרויס־קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט זיך געוואָלט צופּאַסן צו די אַרומיקע באַדינגונגען, כדי צו קאָנען, וואָס שנעלער רייך ווערן, און גע־שטרעבט צו אסימילאַציע; קעגן זענען געווען גרויסע טיילן פֿון קליינבירגערטום, וועלכע האָבן אין ציוניזם געזען אַ באַוועגונג, ויעלכע דערוויטערט פֿון דער יידישער רעליגיע. קעגן איז אויך געווען דער רוב מנין און בנין פֿון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, אָנגעפֿירט דורכן „בונד”, און שפּעטער אויך פֿון די טיילן, וועלכע זענען אָנגעפֿירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די ציוניסטישע באַוועגונג איז אויך נישט פֿאַרשטאַנען געוואָרן אויף דער נישט־יידישער גאַס, און שאַרף באַקעמפֿט געוואָרן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. זייענדיק דורכגעדרונגען מיט דער היסטאָרישער מיסיע פֿון ראַטעווען דעם קיום פֿונעם יידישן פֿאָלק, האָט דער ציוניזם איינער אליין אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די גרויסע פּיאָנערישע אַרבעט (פּונקט ווי די באָלשעוויקעס ביי דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע) פֿון צוגרייטן, אָרגאַניזירן און דורכפֿירן די גרויסע יידישע פֿאָלקס־רעוואָלוציע. איצט פֿאַרטיידיקן זיי זי קעגן אַלע שונאים, וועלכע פֿאַלן אָן אָדער זענען גרייט אין דער צוקונפֿט אויף איר אָנצופֿאַלן. ווי אַזוי קאָן מען דאָן אָפּטיילן דעם ציוניזם פֿון מדינת ישראל? ווייל מדינת ישראל, אָן ציוניזם, איז פּונקט דאָס זעלבע, ווי ראַטן־מאַכט אָן באָלשעוויקעס, ווייל דאָס הייסט אַ פֿאַרניכטונג פֿון מדינת ישראל. צי ווילן

די יידישע קאָמוניסטן גייען אויף דעם וועג, און צי האָבן זיי זיך וועגן דעם פאַרטראַכט?

און נאָך א זאך:

מיר האָבן שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער יידישער פאָלקס־רעוואָלוציע און די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס פון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס ביי אַלע אַנדערע פעלקער, ווען זיי מאַכן זייער נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, געפינען זיי זיך אין זייער לאַנד, און קענען גלייך אויסבילדן זייער נאָרמאַלן מלוכהשן סיסטעם, אַנדערש אָבער איז ביי אונז יידן. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה זענען נאָך דאָרט גאַנץ ווייט נישטאָ די אַלע יידן, וועלכע ווילן אהין קומען.

מען דאַרף זיי ערשט דאָרטן אריינברענגען, אָן דער מאַסן־עליה וועט דער נגב בלייבן אויף ווייטער א וויסטעניש. און אָן ווירטשאַפטלעכער אויפבויאונג פון דעם נגב, האָט די יידישע מדינה ביי די איצטיקע גרענעצן קיין האַפט נישט. און נישט נאָר, וואָס מען דאַרף זאָרגן פאַר דער מאַסן־עליה, נאָר אויך פאַר די געלט־מיטלען, וועלכע וועלן מעגלעך מאַכן דעם נגב צו באַארבעטן.

מיר מוזן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט פעסטשטעלן, אז די ציוניסטישע באַוועגונג, האָט נאָך איר היסטאָרישע שליחות נישט פאַרענדיקט מיט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, אז זי וועט נאָך לאַנגע צייטן שפּילן א פּאָזיטיווע ראָל פון זאַמלען די יידישע מאַסן און די מאַטעריעלע מיטלען פאַר דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

און באַזונדערס דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם, וועלכער קעמפט פאַרן פאַרוואַנדלען די מדינה ישראל אין א סאָציאַליסטיש לאַנד, פאַר די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער־מאַסן.

דאָס יידישע פאָלק און די יידישע פאָלקס־רעוואָלוציע

דאָס יידישע פאָלק מאַכט איצט אַדורך זיין דעמאָקראַטישע פאָלקס־רעוואָלוציע. עס קלינגט ווי א לעגענדע, נאָר עס איז דאָך א פאַקט, אז נאָך אכצן הונדערט יאָר פון אוממעכטיקייט פון מאַכט־לאָזיקייט, האָט דאָס יידישע פאָלק צוריק געפונען אין זיך דעם כוח מיט וואָפן אין די הענט צו קעמפן פאַר זיין אומאָפהענגיקייט. עס קלינגט היינט נאַריש און לעכערלעך די בבא־מעשה, וואָס די אַנטי־ציוניסטן פלעגן פאַרשפּרייטן, אז דער ציוניזם איז אן אגענטור פון א פרעמדן אימפּעריאַליזם. דאָס יידישע פאָלק קעמפט היינט אויס זיין פרייהייט קעגן דעם ווילן פון אלע אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

די יידישע פאָלקס־רעוואָלוציע, וואָס מיר לעבן איצט איבער, האָט אין גרונט גענומען די זעלבע אויפגאַבן, וואָס אלע פאָלקס־רעוואָלוציעס ביי אלע אַנדערע פעלקער, נאָר די פּראָבלעמען ווערן געשטעלט אויף אן אייגנאַרטיקן ספּעציעלן יידישן אופן.

די פאָלקס־רעוואָלוציעס ביי אלע אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער האָבן געהאַט די אויפגאַבע אָרגאַניזירן די נאַציע. ביז די אייראָפּעאישע פאָלקס־רעוואָלוציע, איז אין אייראָפּע וועגן א נאַציע געווען שווער צו רעדן, ווייל יעדער פּריץ איז געווען באַלעבאָס אויף זיינע לייב־אייגענע; יערער פירשט איבער זיין געגנט; דער קעניג איבערן פאָלק. די קירך האָט געהאַט אירע אייגענע פּריווילעגיעס און געזעצן, אזוי, אז דאָס פאָלק איז געווען צעשפּליטערט און וועגן אן איינהייטלעכן פאָלקס־אָרגאַניזם, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. די גרויסע בירגערלעכע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס האָבן אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס פון פּריצים, און קירכע, פאַרניכטעט די אליינהערשאַפט פון קעניג און אָרגאַניזירט די פרייע נאַציע, וועלכע האָט געשאַפן די איינהייטלעך־נאַציאָנאַלע פּאַרלאַמענ־

טארישע אינסטיטוציע. אמת, מארקס האָט שוין אָנגעוויזן, אַז פֿרייהייט פֿון פֿאָלק דורך דעם בורזשואזן פּאַרלאַמענטאַריזם, איז נאָר א פֿאָרמעלע און נישט קיין פֿאַקטישע, ווייל די הערשנדיקע קלאַסן זענען ווייטער געבליבן די באַלעבאַטים איבער די מאַטעריעלע רייכטימער, און דער פּראָלעטאַריאַט בארויבט פֿון יעדער מעגלעכקייט אויף אייגנטום, אָבער טראָץ דעם, וואָס דער בורזשואזער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט נאָר געגעבן פֿאָרמעלע פֿרייהייט די פֿאָלקספֿעלקער, ווייל ער האָט קאָנסטיטואירט און אָרגאַניזירט די אייני־הייט פֿון דער נאַציע.

די יידישע פֿאָלקס־רעוואָלוציע האָט אויך די זעלבע אויפֿגאַבן. זי דאַרף אָרגאַניזירן די יידישע נאַציע אין די ראַמען פֿון א יידישער מלוכה, אָבער אירע וועגן זענען פֿיל שווערער און פֿאַרפּלאָנטערטער, ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער. ווייל ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער איז געווען גענוג א געזעץ אָפּצושאַפֿן די פּריווילעגיעס פֿון די פּריצים, קירכע און קעניג און דורך וואַלן צונויפֿרופֿן א נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט, איז שוין דער ענין פֿון אָרגאַניזירן די נאַציע געווען דערליידיקט, ווייל די פֿאָלקס־מאַסן האָבן געלעבט אויף די ערטער אין לאַנד. מ'האָט נאָר גדאַרפֿט אָפּשאַפֿן די גרענעצן צווישן שטאָט און שטאָט, און צווישן שטאָט און דאָרף, — און די נאַציע איז שוין געווען צונויפֿגעזאַמלט. אַנדערש איז ביים יידישן פֿאָלק. היינט ווען מיר האָבן שוין פּראָקלאַמירט די עקזיסטענץ פֿון דער יידישער מלוכה און געשאַפֿן אונזער יידישע רעגירונג, שטייען מיר דאָך פֿאַר א פּראָבלעם, וואָס קיין שום פֿאָלק האָט נישט באַדאַרפֿט לייזן. דאָס איז דער פּראָבלעם פֿון צונויפֿזאַמלען דאָס יידישע פֿאָלק פֿון אַלע לענדער אין זיין אייגן לאַנד און אזוי ארום אָרגאַניזירן די יידישע נאַציע.

דער פּראָבלעם איז אומבאַדינגט א שווערער, ווייל מ'קאָן נישט בעגירן די געוווינהייטן, וואָס האָבן זיך געשאַפֿן ביי די יידישע מאַסן און וואָס בינדט זיי צו צו די ערטער וואו זיי לעבן; לעבן ווי שטיף־קינדער, ווי האַלבע אָדער גאַנצע פֿרעמדע, באַדראָט דורך פֿיזישער אויסראָטונג און גייסטיקער אסימילאַציע, — וועט די יידישע מלוכה האָבן א ריזיקע ארבעט ביים צונויפֿזאַמלען אָט די מאַסן. דורך דעם איז די באַדייטונג פֿון דער יידישער פֿאָלקס־רעוואָלוציע א פֿיל גרעסערע און טיפֿערע ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער. דער פּראָצעס פֿון אָרגאַניזירן די יידישע נאַציע א פֿיל לאַנג־דויערנדיקע

ווי ביי אלע אנדערע, אָבער דאָס גיט צו אונזער מלוכה אַ פֿיל פּראָגרעסיווערן כאַראַקטער ווי ביי אלע אנדערע פֿעלקער. די דעמאָקראַטישע פֿאָלקס־רעוואָלוציעס ביי אלע אנדערע פֿעלקער, וואָס האָבן אָפּגעשאַפֿט די פּריווילעגיעס פֿון די פֿריערדיקע קלאַסן, האָבן דאָך נישט באַוויזן זיי איינגאַנצן צו פֿאַרניכטן, געוויסע רעכטן פֿון דער קירכע און פֿון די פּריצים, ווי אויך אַ טייל לענדער פֿון דער מאָנאַרכיע, זענען דאָך געבליבן עקזיסטירן. מיר האָבן נישט קיין איין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד אין אייראָפּע, וואו דאָס פֿאָלק זאָל נישט דאַרפֿן צאָלן רענטע פֿריערדיקע פּריווילעגירטע קלאַסן. די יידישע מלוכה וועט זיין ריין פֿון אָט די פּאַראַזיטישע קלאַסן און שיכטן (פּריצים, קירכע און קעניג). דאָס יידישע פֿאָלק קומט קיין ארץ־ישראל, און בויט אויף דאָס לאַנד וואו קיין פּריצים און קיין קעניג זענען נישטאָ און ס'קאָן נישט זיין. די געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אמעריקע האָט באַוויזן, אַז איינער פֿון די הויפּט־סיבות, וואָס אמעריקע איז אזוי שנעל רייך געוואָרן, באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע קאָלאָניזאַטאָרן האָבן דאָרט אויך נישט געהאַט קעגן זיך קיין פּריווילעגירטע קלאַסן, וועלכע פּאַראַזיטעווען און פֿאַרשווענדן אַ גרויסע טייל פֿון פֿאָלקס־אַרבעט.

און נאָך אַ זאַך: טראַכט דעם, וואָס קיין ארץ ישראל קומען נישט נאָר ארבעטער און פּויערים נאָר אויך בירגערלעכע שיכטן, וואָס ווילן זוכן צו עקספּלאָאַטירן דעם ארבעטער און פּויער, זענען זיי דאָך נישט פֿון אַזאַ אָרגאַניזירטער קראַפֿט, ווי דאָס זענען די טרעסטן און מאָנאָפּאָל־געזעלשאַפֿטן, ווי דאָס איז אין אנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אזוי אַז אין ארץ ישראל, האָבן מיר באַלד פֿון דער ערשטער מינוט, אַ שוואַכער אָרגאַניזירטע בורזשואַזיע און דעם בעסטן אָרגאַניזירטן ארבעטער־קלאַס אין דער וועלט, וועלכער איז ענג פֿאַרבונדן מיט אַ קאָמוניסטיש פּויערטום, און ביי דעם פֿעלן פֿון רעאַקציאָנער־פּריצישע שיכטן, וועט די יידישע מלוכה באַקומען אַ באַשטימטן פּראָגרעסיוון פּנים, פּראָגרעסיווער ווי אלע אנדערע דעמאָקראַטישע לענדער אין דער וועלט. מ'דאַרף נאָך אַ זאַך נעמען אין אכט, אַז די יידישע מלוכה ווערט אויסגעקעמפֿט קעגן דעם ווילן פֿון אימפּעריאַליזם, און אַז דער אַוואַנגאַרד אין דעם קאַמף איז דער יידישער ארבעטער־קלאַס, וועלכער האָט די הויפּט־שטיצע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט; מיט דעם ווילן זיך די יידישע בירגערלעכע

שיכטן אין ארץ ישראל מוזן רעכענען, ווייל מ׳דארף גערענקען, אז זיי אליין זענען געקומען קיין א״י, זיך ראטעווענדיק פון דער פיזישער אויסראטונג אין די גלות־לענדער. דאס אלץ, זאגט אונז עדות, אז די יידישע מלוכה וועט נישט נאר זיין די פראגרעסיווסטע אין דער וועלט, נאר אז די העגעמאניע פון פאליטישן לעבן אין לאנד וועט געהערן צום פראלעטאריאט, און דאס וועט אונז מאכן לייכטער א שנעלן איבערגאנג צום סאציאליזם. וועגן דער פראגרעסיווקייט פון דער יידישער מלוכה זאגט עדות די דעקלאראציע פון דער ערשטער יידישער רעגירונג, וועלכע שטעלט פעסט, די פולקאמע נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג פון די אראבישע מאסן, אז ס׳ווערט איר געגעבן א רעכט אפילו אנטיילצונעמען אין דער רעגירונג. אזא פרייהייטס־אקט האט נאך קיין שום פאלק נישט געשאפן אפילו אין מאמענט פון גרעסטן רעוואלוציאנערן אויפברויז.

מיר האבן ביז איצט נאר גערעדט וועגן דעם, אז די יידישע מלוכה ארגאניזירט די יידישע נאציע אין אייגענעם לאנד, אבער מיר וויסן, אז נאך נישט אזוי שנעל, וועלן אלע יידן זיין צונויפגעזאמלט אין מדינת ישראל און פון דעם האבן די אנטי־ציוניסטן געשאפן זייער טעאריע, אז דער ציוניזם לייזט נישט דאס יידישע פראבלעם, נאר פארקערט, אז די יידן אין ארץ ישראל טיילן זיך אפ פון די יידן אין די גלות־לענדער. די לעצטע געשעענישן האבן אבער באוויזן דעם באנקראט פון די אנטי־ציוניסטישע טעאריעס. מען האט באדארפט צו זיין אויף די לעצטע מאסן־מיטינגען לכבוד דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מלוכה און זען, וואס פאר א באגייסטערונג דאס האט ארויסגערופן ביי די יידישע מאסן, ביי יידישע מענטשן, וואס רעדן אויף פארשיידענע שפראכן, וואס זענען שוין פון דורות אן צוגעבונדן צו די קולטורן פון די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן. און אט די מענטשן האבן זיך איצט דערפילט אלס יידן, און עס איז קלאר, אז זיי זענען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות פאר דעם זיג פון מדינת ישראל, מיט וועלכע זיי פארבינדן זייער נאציאנאלן באוואוסטזיין און נאציאנאלע צוגעבונדנקייט. אין דער גאנצער געשיכטע פון צוויי טויזנט יאריקן גלות, איז נאך נישט געווען אזא דערשיינונג, וואס זאל אזוי וועקן דעם נאציאנאלן באוואוסטזיין פון די יידן אין דער גאנצער וועלט און צוגעבונדן זיין צום יידישן פאלק, ווי דאס איז איצט דורך דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מלוכה. מדינת ישראל שאפט נישט נאר א גע־

זונטן באָדן פֿאַר א נאָרמאַלן לעבן פֿון יידישן פֿאָלק אין ארץ ישראל, נאָך פֿאַראייניקט די יידישע נאַציע פֿון דער גאַנצער וועלט, וועקט זייער באַוואוסטזיין, אָרגאַניזירט זיי און בינדט זיי צו צום יידישן פֿאָלק, באַגייסטערט זיי צום קאַמף פֿאַר אונזער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, אָט אין דעם באַשטייט טאַקע די גרויסע היסטאָרישע שליחות פֿון מדינת ישראל.

נאַציע, מלוכה און קלאַס

דער פּרינציפּיעלער צוגאַנג פון מאַרקסן און פון די מאַרקסיסטן צו די אַלע פּראָבלעמען: נאַציע, מלוכה און קלאַס איז לכתחילה געווען זייער אַ קלאָרער. עס האָט געהייסן, אַז מיטן מאָמענט, ווען עס וועט אויפהערן צו עקזיסטירן דאָס פּריוואַט־אייגנטום, וואָס האָט גורם געווען צו דער פאַרמערונג פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, וועט פאַרשווינדן דער קלאַסן־קאַמף און במילא אויך די קלאַסן־אַליין. צוזאַמען מיט די קלאַסן, וועט אויך אויפהערן צו עקזיסטירן די מלוכה, וועלכע איז דאָך געשאַפן געוואָרן, כדי אָפּצוהיטן די פּריווילעגיעס פון די העכערע קלאַסן. די מלוכה איז, לויט מאַרקסן, דער עקזעקוטיוו־אָרגאַן פון די הערשנדיקע קלאַסן, איר אויפגאַבע איז פּאָליציייאיש און מיליטעריש אונטערצודריקן די באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די פאַרקנעכטעטע קלאַסן. עס איז קלאָר, אַז מיטן פאַרשווינדן פון די קלאַסן, ווערט די מלוכה־אינסטיטוציע איבעריק און מוז אָפּשטאַרבן. בלייבן וועלן דעמלט פרייע סאָציאַליסטישע נאַציעס, וועלכע וועלן זיך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב פאַר־אייניקן אין אַ פאַרבאַנד פון פרייע סאָציאַליסטישע פעלקער.

דער דאָזיקער פּרינציפּיעלער צוגאַנג פון מאַרקסיזם צו די אַלע דריי פּראָבלעמען איז נישט אַלעמאָל קלאָר פאָרמולירט געוואָרן דורך די פירער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָט געהערשט אַ טענדענץ צו מינימיזירן די באַדייטונג פון דער נאַציע און פאַרקערט צו שאַפן אַ פעטיש פון דער מלוכה. מ׳קען דאָס פאַרשטיין, אָבער נישט באַרעכטיקן. לעניןן האָט שטענדיק געפירט אַ קאַמף, כדי צו ברענגען אין איינקלאַנג די פּראַקטיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער טעאָרעטישער איינשטעלונג פון מאַרקסיזם אין די פראַגן.

צוויי סיבות זענען פאַראַן, וואָס מאַכן פאַרשטענדלעך דאָס שאַפן אַ פעטיש פון דער מלוכה. ערשטנס, האָט דעמלט די קאַפּי־

טאַליסטישע מלוכה געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן די נאַציע. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה האָט באַקעמפט די פּריווילעגיעס פון אדל, קלער און מאָנאַרכיע, וועלכע האָבן פאַנאַדערגעטיילט דאָס פאָלק, כדי זיי זאָלן עס קענען וואָס בעסער באַהערשן. דער קאַפּיטאַליסטישער פּאַרלאַמענטאַריזם, דאַקעגן, האָט געשאַפן די גאַנצקייט פון דער נאַציע דורכן איינפירן אַלגעמיינע וואַל־רעכט. האָט זיך דעריבער אַ טייל סאָציאַליסטן אויסגעדאַכט, אַז מ׳קען איבערנעמען דעם מלוכה־אַפּאַראַט פון די קאַפּיטאַליסטן און אויסנוצן לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס. אַזוי אַרום האָבן זיי אידענטיפּיצירט די מלוכה מיט סאָציאַליזם. עס איז געווען דער גרויסער פאַרדינסט פון לענינען, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נישט מעגלעך די עקזיסטענץ פון מלוכה און סאָציאַליזם אין איין און דער זעלבער צייט, אַז ווען עס הויבט זיך אָן אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מוז אָפּשטאַרבן די מלוכה, אַפילו די פּראָלעטאַרישע.

די צווייטע סיבה, איז געווען, וואָס בעת דער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויס אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, איז די נאַציע געווען רעפּרעזענטירט דורכן קאַפּיטאַליזם. די קאַפּיטאַליסטן האָבן מיט דער נאַציע אָנגעפירט און אויסגענוצט די אָנפירונג לטובת זייערע עקספּלואַטאַרישע צוועקן, האָט זיך געשאַפן אַן אילוזיע, אַז קעמפנדיק קעגן קאַפּיטאַליסטישער אָנפירונג פון דער נאַציע, קעמפט מען אויך קעגן דער נאַציע בכלל. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ פּאַראַדאָקס, אַז פון דער מלוכה, וואָס דאַרף אונטערגיין, האָט מען געמאַכט אַ פעטיש און די נאַציע, וואָס דאַרף בלייבן נאָכן אונטערגאַנג פון דער מלוכה און קלאַסן, האָט מען נעגירט.

עס איז געווען דער גרויסער אויפטו פון אָטאָ באַוער, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קען נישט קעמפן קעגן דער נאַציע ווי אַזעלכע. פאַרקערט, דער אַרבעטער־קלאַס אַרויסטרעטנדיק קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אויסנוצונג פון דער נאַציע, טרעט אַרויס ווי דער אמתער אַוואַנגאַרד פון איר, ווייל פאַרניכטנדיק דעם קאַפּיטאַליזם ווערט אין דער אָנפירונג פון דער נאַציע אַריינגעצויגן דאָס גאַנצע פאָלק, און דעמלט וועט די נאַציע ממילא ווערן דאָס, וואָס זי דאַרף זיין — אַן אָרגאַניזאַציע פון מענטשן, וואָס אָנערקענען זיך אין זייער אָנגעהעריקייט צו איר. און מ׳קען זאָגן,

אַז אין פֿאַרלויף פֿון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער אַר־בעטער־באַוועגונג איז דער אמת קלאָר געוואָרן.

מיר וועלן זיך פֿאַררופֿן אויף צוויי ביישפּילן: גענומען פֿון דער פּאַריזער קאָמונע און פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווען דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט אין 1871 אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד איז פֿאַר אים געווען קלאָר, אַז כּדי צו דערגרייכן זיינע צילן, מוז ער ראַטעווען פֿראַנקרייך פֿון דער נאַציאָנאַלער חרפּה צו וועלכער די בורזשואַזיע האָט דערפֿירט, קאַפּיטולירנ־דיק שענדלעך קעגן דער דייטשער אַרמיי פֿון ביסמאַרקן. כּדי אָנ־צופֿירן די קאָמונע, האָט מען קודם כּל געמוזט ראַטעווען די זעלבסט־שטענדיקייט פֿון פֿראַנקרייך און פֿאַר אַלעם, פּאַריז, וועלכע די פֿראַנ־צויזישע בורזשואַזיע האָט געוואָלט עפּענען פֿאַר ביסמאַרקס חיילות. אַזוי האָט די פּראַקטיק באַוויזן, אַז אויב מ׳וויל קעמפֿן פֿאַר קאָמוניסטישער וועלט־אָרדנונג מוז מען אויך קעמפֿן פֿאַר דער נאַ־ציאָנאַלער פֿרייהייט פֿון אייגענעם פֿאָלק.

נאָך בולטער איז געווען דער ביישפּיל פֿון דער רוסישער רע־וואָלוציע. עס איז אַ פֿאַקט, (כאָטש מען באַמיט זיך אים היינט צו פֿאַרשווייגן), אַז לענין האָט אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה געפּרעדיקט די מפּלה פֿון די צאַרישע אַרמייען, און שפּעטער אויך פֿון דער קערענסקי־אַרמיי, ווייל נאָר אין דער מפּלה פֿון דער אַרמיי, האָט ער געזען אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן דעם אויפֿשטאַנד פֿון פּראָלעטאַריאַט, שפּעטער האָט ער אויך איבער־געטראָגן די טעאָריע פֿאַר אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אָבער נאָכן זיג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען דער פּראָלע־טאַריאַט פֿון לאַנד איז געקומען צו דער מאַכט, ד. ה. אַז דער אַרבעטער־קלאַס, אַנשטאָט אַ׳ הייפֿעלע קאַפּיטאַליסטן, איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער נאַציע, — האָבן דעמלט די באָל־שעוויקעס געפּרעדיקט דעם סאָציאַליסטישן פּאַטריאָטיזם. קאָנ־קרעט האָט עס זיך אויסגעדריקט אין דעם אייזערנעם ווילן צו פֿאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט פֿון די פֿעלקער, אָר־גאַניזירט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַנדערש, פֿאַרשטענדלעך, וואָלט גע־ווען אוממעגלעך אויפֿצובויען דעם סאָציאַליזם.

דאָ האָבן מיר אַ בולטן באַווייז, אַז בשעת קלאַסן ווערן פֿאַר־ניכטעט און מלוכות שטאַרבן אָפּ, פֿאַלן זיך צונויף די אינטע־

רעסן פון סאָציאַליזם מיט די אינטערעסן פון פרייע נאַציעס. אַמ־קלאָרסטן איז עס געקומען צום אויסדרוק אין א רעדע פון דעמלטיקן קריגס־מיניסטער, בעתן אָרגאַניזירן די רויטע אַרמיי. ער האָט דעמלט געזאָגט: „בשעת די קאַפּיטאַליסטן זענען געווען ביי דער מאַכט, האָבן מיר געפּרעדיקט דעם דעפעטיזם, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר א נאַציע, וואָס ווערט אָנגע־פירט פון קאַפּיטאַליסטן, נאָר איצט, ווען מיר האָבן די מאַכט אין דער האַנט און פירן אָן מיט דער נאַציע, זענען מיר פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך און נישט נאָר היינט, נאָר אויך פאַר די קו־מענדיקע דורות פון אונזערע פעלקער, און כדי צו פאַרטיידיקן זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט, וועלן מיר זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט". אזוי זעען מיר, אז סוף כל סוף האָט דער פּראָלע־טאַריאַט אוועקגעלאָזט זיינע טעותים און איז אוועק אויפן ריכ־טיקן מאַרקסיסטישן וועג, פון פאַרניכטן קלאַסן און מלוכות און פאַרטיידיקן זיין פרייע סאָציאַליסטישע נאַציע.

נאָך בולטער איז עס געקומען צום אויסדרוק ביי דעם יידישן אַרבעטער. ער איז צוגעגאַנגען צו די אַלע פראַגן פון אן אומנאַר־מאַלן שטאַנדפּונקט, פּונקט אזוי אומנאָרמאַל, ווי ס'איז געווען דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין גלות. ביי די יידישע אַרבעטער איז באַלד אין אָנפאַנג געווען אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָנגעהויבן האָט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביים יידישן אַרבעטער־קלאַס מיט דער שטרעבונג צו אַסימילאַציע. מ'האָט געשטרעבט צו לערנען רוסיש, פּויליש, כדי פּטור צו ווערן פון דער יידישער שפּראַך און זיך קענען צונויפגיסן מיטן רוסישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, מיט וועמען מען איז געווען פאַרבונדן אין קאַמף קעגן רוסישן צאַריזם. אָבער, שפּעטער, האָט עס זיך אַרויסגעוויזן, אז דאָס איז אן אוטאָפּיע, אז מ'קען נישט קיין גאַנץ פאָלק אויס־לערנען א פרעמדע שפּראַך. און דעמלט הויבט זיך אָן די רעוואָלו־ציע אין די מוחות פון די בונדישע פירער, וואָס האָבן דעמלט אָנ־געפירט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנערקענען די יידישע שפּראַך ווי א מיטל פון פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער, נאָר אַנערקענט יידיש ווי א נאַציאָנאַלע שפּראַך. געשאַפן די טעאָריע פון דער נאַציאָ־נאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, און שפּעטער מיט דער אַנטוויק־

לונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון רוסישן אַרבעטער־קלאַס, ווען ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלע שוואַכקייטן פֿון יידישן אַרבעטער און זיין אוממעכטיקייט, אַ דאַנק זיין באַשעפֿטיקונג אין דער קליין־אינדוסטרי, האָט דער „בונד", וואָס מער אָנגעהויבן צו פֿאַרטיפֿן זיך אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און דערגאַנגען ביז צום מיטאַרבעטן אין די יידישע קהילות און שאַפֿן אַ נעץ פֿון יידישע פֿאָלקס־שולן און יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

אָבער דערגיין ביז צום סוף איז ביי דעם „בונד" קיין כוח נישט געווען. פֿון נאַציאָנאַלער אָפּלייקענונג ביז צום נאַציאָנאַלן אויפֿקום איז אַ צו גרויסער מהלך. צו דעם האָט מען געדאַרפֿט, אַז דער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און סאָציאַליזם זאָל גיין האַנט ביי האַנט. צוליב דעם, איז געווען נויטיק דאָס שאַפֿן פֿון אַ יידישער מדינה. אָט די אויפֿגאַבן, האָט אויף זיך גענומען איצט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין ישראל, האָבנדיק איצט זיין קאַמפֿס־באַזע אויפֿן באָדן פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט באַקומט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט „אַלע אַטריבוטן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס פֿון אַלע אַנדערע נאַציעס. דאָרטן קען ער זיין דער אַוואַנגאַרד אין זיין קלאַסן־קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם, און דורכן זיג פֿון סאָציאַליזם אין ישראל, פֿאַרניכטן די קלאַסן און אויסקעמפֿן דעם וועג, פֿאַר אַ פֿרייע, יידיש־סאָציאַליסטישע נאַציע אין דער יידישער מדינה.

דער תוך פון ציוניזם

דער ציוניזם איז א רעאקציאָנערע באוועגונג, ווייל ער נעמט בּושט ארום אלע פֿאָלקס-טיילן — שרייען היינט די יידישע קאָמוניסטן. און ווי שטענדיק, איבערטראָגנדיק פֿון דער פֿרעמד פֿאַרשיידענע סכעמען, טיילן זיי איין די יידישע גאס אויף פּראָגרעסיסטן און רעאקציאָנערן. זעלבסטפֿארשטענדלעך, זענען דאָ אויף דער יידישער גאס פּראָגרעסיסטן און רעאקציאָנערן. אָבער זייער אומגעלומפּערטער צוגאַנג צו דער פֿראגע, פֿארוואַנדלט זי אין אן אבסורד. זיי רעדן היינט וועגן ציוניזם, פּונקט ווי זיי האָבן מיט צוויי יאָר צוריק גערעדט וועגן דער יידישער מלוכה, ד. ה., ווי מענטשן, וואָס הייבן אבסאָלוט נישט אָן צו פֿארשטיין אין וואָס עס גייט.

ווען די יידישע קאָמוניסטן וואָלטן אוועקגעשטעלט די פֿראגע, אז אין ציוניזם זענען פֿאראן רעאקציאָנערע ריכטונגען, וועלכע דארפֿן באקעמפֿט ווערן, וואָלטן זיי געווען פֿולקום גערעכט. נאָר ווען זיי שטעלן אוועק די פֿראגע, אז דער ציוניזם איז רעאקציאָנער, ווייל ער איז אן אלגעמיינע פֿאָלקס-באוועגונג, באווייזט עס, אז זיי קאָנען נישט, נישט נאָר דעם ציוניזם, נאָר אויך נישט דעם לעניניזם וועלכן זיי ווילן רעפּרעזענטירן. זיי לייקענען דורכדעם אָפּ די שענסטע טראַדיציעס פֿונם קאָמינטערן וועלכער האָט די נאציאָנאלע באפֿרייאונגס-קאמפֿן פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער באטראכט ווי א באשטאנד-טייל פֿון דער סאָציאליסטישער וועלט-רעוואָלוציע.

נאציאָנאלער באפֿרייאונגס-קאמף פֿון אן אונטערדריקט פֿאָלק אָנטשפּרעכט אן אלגעמיינער פֿאָלקס-אָרגאניזאציע, וואו דער פּראָלעטאריאט מוז נעמען דעם שטארקסטן אָנטייל, וואו ער מוז ווערן דער אוואַנגארד. כדי דער פּראָלעטאריאט זאָל קענען ווערן דער אוואנגארד אין אָט דעם נאציאָנאלן באפֿרייאונגס-קאמף און כדי אים צוצוגעבן א סאָציאליסטישן כאראַקטער, מוז דער פּראָלעטאריאַט איינהאַלטן זיין אייגן פּנים, ד. ה. בילדן אין אָט דעם

אַלגעמיינעם באַפרייאונגס־קאַמף זיין זעלבסטשטענדיקע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע.

אַט דאָס איז דער ריינער לעניניזם!

ווען לענין האָט באַקעמפט די פּ. פּ. ס. איז נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ שלעכטן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען גרייט געווען אויפצוגעבן זייער קלאַסן־אידעאָלאָגיע און האָבן געזוכט צוזאַמען מיט דער רעאַקציאָנערער פּוילישער בורזשואַזיע, דורך אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אויס־צוקעמפן פּוילנס פרייהייט.

ווען אין קאָמינטערן איז אין די יאָרן 1925־1926, פאָרגעקו־מען אַ דיסקוסיע וועגן דער טאַקטיק פון די כינעזישע קאָמוניסטן אין זייער נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, האָט קיינער נישט באַשולדיקט די כינעזישע קאָמוניסטן פאַר זייער אריינטרעטן און קאָומינטאַנג, כדי אָנטיילצונעמען אין דעם נאַציאָנאַלן באַפריי־אונגס־קאַמף. פאַרקערט, טשאַנג־קאַי־טשעק אַליין, דער פאַרשטיי־ער פון דער כינעזישער בורזשואַזיע, איז געוואָרן אָנגענומען ווי אַ סימפּאַטיזירנדיקער מיטגליד אין קאָמינטערן. די דיסקוסיע אין קאָ־מינטערן איז דעמלט געווען וועגן דעם, צי דאַרפן די כינעזישע קאָמוניסטן אויפלייזן די פּאַרטיי און זיין אונטערגעוואָרפן נאָר די באַשלוסן פונם קאָומינטאַנג, אָנגעפירט פון טשאַנג־קאַי־טשעקן.

צי עס געפעלט וועמען יאָ, צי עס געפעלט נישט, איז דער ציו־ניזם דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם יידישן באַפרייאונגס־קאַמף. און אויף אַזוי פיל, איז עס אַ רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע באַ־וועגונג, און זי וועט אַלס אַזעלכע בלייבן ביז וואַנען די פּראָבלע־מען, וועלכע שטייען פאַרן יידישן פאָלק, וועלן נישט געלייזט ווערן, ד. ה. ביז וואַנען מיר וועלן דערגרייכן די מאַקסימאַלסטע עמיגראַ־ציע פון די יידן, וועלכע ווילן קומען קיין ארץ ישראל.

ווי אַזוי וועלן באַקעמפט ווערן די רעאַקציאָנערע טענדענצן אין ציוניזם, וועלן מיר שרייבן באַזונדער; אָבער שוין היינט, האָבן מיר אונזער רויטע פאָן אין ציוניזם נישט פאַרבויגן, אונזער קלאַסן־אידעאָלאָגיע נישט אויפגעגעבן. מיר האָבן געקעמפט קעגן די רע־אַקציאָנערע טענדענצן אינם ציוניסטישן לאַגער דעמלט ווען די קאָ־מוניסטן האָבן געבענטשט די הענט פונם אירגון.

מיר האָבן פאַרגעוואָרפן די יידישע קאָמוניסטן, אַז זייער פאַרטיידיקן דעם אירגון קאָן קיין כבוד נישט פאַרשאַפן און נישט

לוקנדיק אויף דעם האָבן זיי אונז ניט געענטפערט, און ניט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן. נאָר פּלוצים, איבערנאַכט, האָבן זיי אויף אַ חוצפּה־דיקן אופן אָנגעהויבן באַשולדיקן אונזער פּאַרטיי אין גיין צוזאַמען מיטן פאַשיזם און רעאַקציע.

ווילן מיר, מיט די יידישע קאָמוניסטן נישט פּאָלעמיזירן, ווייל מיר האַלטן, אַז דאָס איז אַ נישט ערנסטער צוגאַנג צו אַן ערנסטן ענין. מיר ווילן נאָר, פאַר זיך, פאַרן אייגענעם געוויסן און פאַר די יידישע פּאָלקס־מאַסן קלאָר מאַכן דעם תוך פון ציוניזם.

ווען די רוסישע נאַראָדניקעס זענען אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט ארויסגעטרעטן אין קאַמף קעגן רוסישן צאַריזם און אזוי העלדיש געקעמפט, דורך טעראָר, אַז זיי האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג אין דער גאַנצער וועלט, האָט אפילו מאַרקס אַליין, וועלכער איז געווען אַ קעגנער פון טעראָר, זיך אזוי שטאַרק אַנטציקט פונעם קאַמף, אַז ער האָט אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אָנגעהויבן צו זען שפּראָצונגען פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

איז דען מאַרקס נישט גערעכט געווען?

לענין אַליין, וועלכער האָט די נאַראָדניקעס געהאַלטן פאַר די פאַרשטייער פון דער רוסישער קליין־בורזשואַזיע, האָט זיך גע־גרויסט מיט דעם, וואָס די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט איבערגע־נומען געוויסע אופנים פון קאַמף פון אָט די נאַראָדניקעס, און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די נאַראָדניקעס זענען געווען אַן אַלגע־מיינע פּאָלקס־אָרגאַניזאַציע. נאָך זייער פאַנאַנדערפאַלונג, האָבן זיך פון דאָרטן אויסגעטיילט דריי ריכטונגען: 1) די ליבעראַלע בור־זשואַזיע; 2) פאַרשטייער פון דער קליין־בורזשואַזיע ־ס. ר.); און 3) די מאַרקסיסטישע אַרבעטער־באַוועגונג.

פון די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַקטן, איז איין זאַך קלאָר, אַז אַ פּאָלק, וואָס לעבט אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, וואָס ווערט געדריקט און געשטיקט פון אַן אייגענער דעספּאָטיע, אָדער פון אַ פרעמדן אימפּעריאַליזם, איז נאַטירלעך, אַז עס שאַפן זיך ביי אים באַדינגונגען פאַר אַן אַלגעמיינער פּאָלקס־אָרגאַניזאַציע. אזוי איז עס געווען ביי אַלע פעלקער, און אזוי איז עס אויך ביי אונז.

פאַרשטענדלעך, אַז ביי אונז ווירקט נאָך די אַלגעמיינע נאַ־ציאָנאַלע לאַגע פון אַ באַדנלאָז פּאָלק, וואָס איז צעשאָטן אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס פאַרפליכטעט אונז צו אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע

פונם יידישן פאָלק, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער נאַציאָנאַלער באַפריי־
אונג פונם פאָלק אין וועלט־מאַסשטאַב.

אומבאַדינגט זענען ביים ציוניזם פאַראַן רעאַקציאָנערע ריכטונ־
גען, אַזוי ווי ביי די נאַראָדניקעס אָדער ביי טשאַנג־קאַי־טשעקן. אַפילו אַזעלכע רעאַקציאָנערן טאָרן מיר נישט שטערן, ווען זיי ווילן צוהעלפן דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף פון זייערע פעלקער.

אין 1870, ווען ביסמאַרק האָט דערקלערט מלחמה נאַפּאָלעאָ־
נען דעם 3טן, די מלחמה, וועגן וועלכער מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־קאַמף פונם דייטשן פאָלק קעגן פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, האָט ער געוואָרנט בעבעלן מיט ליבקנעכטן, נישט צו שטערן ביסמאַרקן צו פירן די מלחמה, כאָטש ביסמאַרק איז אַ רעאַקציאָנער. ער האָט געהאַלטן די מלחמה מצד דייטשלאַנד פאַר אַ פּראָגרעסיווע און האָט געראָטן דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטישער פראַקציע צו שטימען פאַר די קריגס־ביודזשעטן..

מיר זענען מאַרקסיסטן און מיר האָבן פון מאַרקסן עפּעס געלערנט. מיר ווילן נישט שטערן קיין איין נאַציאָנאַלן ייד, וואָס וויל צוהעלפן דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, דורך זיין אָנטיילנעמען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג; מיר האָבן אָבער אַלעמאָל אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג געטראָגן הויך די פאָן פון קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזם, און אויך ביים היינטיקן טאָג איז פאַר אונז קלאָרער, ווי ווען עס איז, אַז כדי צו פאַרווירקלעכן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין ארץ ישראל, איז נויטיק צו באַקעמפן די השפּעה פון דעם בירגערלעכן ציוניזם און אויפשטעלן די מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס.

אויב דאָס הייסט רעאַקציע — זענען מיר ווירקלעך רעאַקציאָ־
נערן.

ציוניזם און דער קלאַסן־קאַמף פֿון יידישן אַרבעטער

ווי אַזוי דאַרף זיין די באַציאונג פֿון דעם קלאַסן־באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט צום ציוניזם? דאָס איז אַ גרונט־פֿראַגע, כאָטש נישט קיין נייע. אויפֿקלערן עס, קען מען נאָר דורך אַ מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. ד. ה. נישט דורך אַ וואולגאַרע איבערחזרונג פֿון מאַרקסיסטישע סכעמען, נאָר אָנווענדן מאַרקס'ס דיאַלעקטישן אַנאַליז, צו קאָנקרעטע געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן. ווער עס איז באַקאַנט, נישט נאָר מיט דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט דער אַנטי־מאַרקסיסטישער, דער ווייסט אַז די אַנטי־מאַרקסיסטן האָבן שטענדיק באַשולדיקט מאַרקסן אין אַנטי־רעוואָלוציאָנערישקייט, ד. ה. מאַרקס זינגט לויב־לידער און פֿאַרטיידיקט דעם פּראָצעס פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך געטאָן געוואָרן דורך דריי עלעמענטן: פֿון די פֿעאָדאַלן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן דער בורזשואַזיע זייערע מאַכט־פּאָזיציעס; דורך נאַיווע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז מען קען איבערהיפּערן דעם פּראָצעס פֿון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און גלייך איינפֿירן דעם קאָמוניזם; און פֿון עמי־הארצים, וועלכע האָבן בכלל נישט פֿאַרשטאַנען קיין שום אַנטוויקלונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן.

מאַרקס, איז זיי פֿאַרשטענדלעך, קיין ענטפֿער נישט שולדיק געבליבן. אין קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט רעכנט ער זיך אָפּ מיט יעדן באַזונדער.

דאָס איינציקע, וואָס איז געווען וויכטיק פֿאַר מאַרקסן איז באַשטאַנען אין דעם. וועלכע פּראָצעסן העלפֿן צו, דאָס שנעלע אַנטשטיין פֿון אַ פּראָלעטאַריאַט און וואָס מאַכט מעגלעך דעם אַנטשטאַנענעם פּראָלעטאַריאַט צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַזונדערן קלאַס

מיט אַ סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, און אויב דאָס איז גע־ווען פֿאַרבונדן מיט דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפֿטס־סיסטעם, האָט מאַרקס אָפֿן פּאַרטיי־דיקט דעם געדאַנק, אַז מען טאָר די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג נישט שטערן, נאָר פֿאַרקערט, ריין מאַכן איר אַ וועג, כּדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען, וואָס שנעלער אַרויף אויפֿן וועג פֿון קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם.

דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָ־נאַלע פֿראַגן, ווענדן מיר, יידישע מאַרקסיסטן, אין דער יידישער סביבה. מיר שטעלן די פֿראַגע: וואָס קאָן שנעלער דערפֿירן צו דער אַנטשטייאונג פֿון אַ געזונטן יידישן פּראָלעטאַריאַט, מיט אַ גע־זונטן קלאַסן־באַוואוסטזיין? זאָגן מיר: ביים יידישן פֿאָלק איז דאָס דער ציוניזם! ווייל אַ געזונטער פּראָלעטאַריאַט קאָן אַנטשטיין נאָר אויף געזונטע עקאָנאָמישע יסודות. דער עקאָנאָמישער יסוד פֿון אַ געזונטע פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט, קאָן נאָר אַנטשטיין אויף אַן איינענער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. באַזונדערס איצט, אין דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע. אָט די אייגענע נאַציאָנאַלע טעריטאָ־ריע פֿאַרן יידישן פֿאָלק האָט דער ציוניזם אויפֿגעבויט און אויסגע־קעמפֿט. אין דעם באַשטייט זיין פּראָגרעסיווער כאַראַקטער, אין יידישן לעבן.

דורכדעם איז לעבערלעך און נאַריש, ווען די יידישע קאָמו־ניסטן ווילן דעם גאַנצן ציוניזם פֿאַרשטעלן ווי אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג און זיך — ווי פּראָגרעסיווע עלעמענטן.

פֿאַר אונז, יידישע מאַרקסיסטן, איז פּראָגרעסיוו דאָס, וואָס העלפֿט אויפֿבויען און באַפֿעסטיקן די יידישע מדינה.

נאָר פֿון אונזער יידישן קלאַסן־שטאַנדפּונקט גייען מיר צו, צו אַלע פּראָבלעמען פֿון ציוניזם. מיר ווילן נישט נאָר שאַפֿן אַ גע־זונטע עקאָנאָמישע באַזע פֿאַר דער אַנטשטייאונג פֿון אַ געזונטן יידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר מיר ווילן אויך שאַפֿן אַ רעוואָלוציאָ־נערן קלאַסן־באַוואוסטזיין ביים יידישן פּראָלעטאַריאַט. און דאָס קאָן נאָר געשאַפֿן ווערן, מיט דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם.

לאָמיר זיך צוקוקן צו די דערפֿאַרונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער און מיר וועלן זען, אַז אין דעם מאָמענט, ווען דאָס גאַנצע פֿאָלק מוז ארויס אין קאַמף פֿאַר דער נאַציאָנאַלער פֿרייהייט, ד. ה. ווען דער קאַמף טראָגט נאָך דערוויל אַ נאַציאָנאַלן, נישט קיין סאָציאַ־

ליסטישן כאַראַקטער, געפֿינען זיך אַלעמאָל בורזשואזע טעאָרעטי־קער, וואָס ווילן געווינען די מוחות און די הערצער פֿון די פֿאָלקס־מאַסן פֿאַר זייערע בורזשואזע אינטערעסן, באַנוצנדיק זיך שטענ־דיק מיט סאָציאַליסטישע פֿראַזן.

אַזוי האָבן מיר געהאַט אין דער פֿראַנצויזישער בורזשואזער רעוואָלוציע, ווען נישט נאָר דער פֿאָרשטייער פֿון דער קליין־בור־זשואזיע זשאַן זשאַק רוסאָ, נאָר אַפֿילו די פֿאָרשטייער פֿון דער גרויס־בורזשואזיע, די זשיראַנדיסטן, האָבן געפּריידיקט סאָציאַליס־טישע אידייען. ערשט שפּעטער אין פּראָצעס פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע, איז קלאָר געוואָרן די סאָציאַלע דעמאַגאָגיע פֿון די בורזשואזע טעאָרעטיקער.

אַזוי איז דאָס געווען נישט נאָר אין פֿראַנקרייך, דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער רוסישער בורזשואזער אינטעליגענץ, אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט דער פּילסודסקישער פּילסודסטשינע אין פּוילן. און מיר האָבן נישט קיין גרונט, צו מיינען, אַז ביי יידן איז אַנדערש. אין פּראָצעס פֿון אַלגעמיינעם ציוניסטישן באַפֿרייאונגס־קאַמף געפֿינען זיך ציוניסטישע פֿירער און ריכטונגען, וואָס ווילן דורך סאָציאַלער דעמאַגאָגיע געווינען די הערצער און די מוחות פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. הייסן, הייסט עס ביי זיי: פֿאַרווירקלעכן די לערע פֿון די יידישע נביאים. אַ לערע, וועלכע פֿאַרפֿליכטעט זיי צו גאָר־נישט, וואָס גיט זיי אָבער די מעגלעכקייט אַריינצוציען אונטער זייער השפּעה גרויסע טיילן פֿון די יידישע, אָרעמע מאַסן.

דאָס גיט זיך זיי ספּעציעל איין אין די גלות־לענדער, אַ דאַנק אונזער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט און באַדנלאָזיקייט. ווען אָבער עס ווערט אויפֿגעבויט די יידישע מלוכה און די קלאַסן־אינטערעסן הויבן זיך אָן צו קרייצן אין די פֿאַבריקן און לאַנד־ווירטשאַפֿט, דערפֿילט דער יידישער אַרבעטס־מענטש די עקספּלואַ־טאַציע פֿון יידישן בורזשוי. ווען אין די שטאָט־ראַטן און אין פּאַר־לאַמענט קעמפֿט יעדער קלאַס פֿאַר זיין העגעמאָניע, דעמלט הערט אויף צו ווירקן די סאָציאַלע פֿראַזע פֿון יידישן בורזשוי. אויף דער אייגענער דערפֿאַרונג דערפֿילט דער יידישער אַרבעטס־מענטש די דעמאַגאָגיע, וואָס שטעקט אין דער כלומרשט סאָציאַליסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע פֿון יידישן בורזשוי.

דעם זיין — באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין, — זאָגט מאַרקס. אָפֿענער, נישט פֿאַרבאַהאַלטענער קלאַסן־קאַמף פֿונעם יידישן פּראָלע־

טאַריאַט, קעגן דעם יידישן קאַפּיטאַליסט אין ארץ ישראל, מוז ווירקן אויף דער אַנטוויקלונג און פֿאַרשטאַרקונג פֿון דעם קלאַסן־באַוואוסט־זיין פֿונעם יידישן ארבעטער. עס מוז ווערן שטאַרקער זיין דראַנג צום קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. זיין ווילן צו פֿאַרברידערן זיך מיטן פּראָלע־טאַריאַט פֿון דער גאַנצער וועלט. דורך דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם, ווערט דער יידישער ארבעטער אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַ־ליסט. נאָר אַזוי קען מען מאַרקסיסטיש, ד. ה. דיאַלעקטיש באַ־טראַכטן דעם ציוניזם.

עס איז די אויפֿגאַבע פֿון אונזער פּאַרטיי, ד. ה. פֿון מפּ״ם, צו זיין דער אַוואַנגאַרד פֿון אַט דער באַוועגונג. מיר וועלן אויף קיין מיטל־סטאַציע נישט אָפּשטייגן. אונזער ציל איז — סאָציאַליסטי־שער ציוניזם, ד. ה. דורך דער הערשאַפֿט פֿון דעם יידישן ארבעטער, צו אַ סאָציאַליסטיש ישראל.

רעוואָלוציאָנערע פראַזע
און רעוואָלוציאָנערע פראַקטיק

די יידישע קאָמוניסטן דערקלערן די גאַנצע ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג פאַר א רעאַקציאָנערע. בוכשטעבלעך — די גאַנצע! אויך איינגעשלאָסן דעם מאַרקסיסטישן פליגל פון דעם ציוניזם! וואָלטן זיי געהאַלטן, אז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג זענען פאַראַן רעאַקציאָנערע ריכטונגען און טענדענצן, וועלכע מען דאַרף באַקעמפן, וואָלטן מיר מיט זיי געווען פולשטענדיק איינשטימיק. נאָר אין זייער פראָפאַגאַנדע קעגן ציוניזם בכלל, זענען זיי פאַרקראָכן אזוי ווייט, אז עס שטעלט זיך נישט איינעם די פראַגע: צי מיינען זיי דאָס ערנסט? צי האָבן זיי געטראַכט וועגן דעם, וואָס זיי שרייבן?

לאָמיר זיך, ערנסט פאַרטראַכטן, צי איז אמת, אַז די רעגירונג פון ישראל איז רעאַקציאָנער, ווייל זי באַשטייט פון ציוניסטישע ריכטונגען? לאָמיר אויף איין מינוט פרוון נאָכגיין די טעאָריע פון די יידישע קאָמוניסטן און געבן זיי גערעכט — וואָס זשע דרינגט ארויס פון דעם? וואָס פאַראַ אויפגאַבן שטעלן זיך דאַן פאַר די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן? ס'איז קלאָר, אז די הויפּט־אויפגאַבע דאַרף זיין צוצוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד די רעגירונג אראָפצוווארפן! צי שטעלן זיך די יידישע קאָמוניסטן אָט די אויפגאַבע? — וועגן דעם ווייסן מיר נאָך נישט.

דאַקעגן אָן דער אויפגאַבע איז זייער געשריי נישט מער ווי אַ פוסטע פראַזע.

לאָמיר מאַכן אן אנאַליז אויפן גרונט פון דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, און זען ווי אזוי איז לענין צוגעגאַנגען צו ענלעכע פראַגן אין אזעלכע פאַלן, דאַן וועט זיך ארויסווייזן די שלימזלדיקייט און לייכזיניקייט פון די יידישע קאָמוניסטן.

אין די יוני־טעג פֿון 1917, אין דער צייט פֿון קערענסקים רע־גירונג, ווען דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט געוואָרפֿן די לאָזונג, אַז די קערענסקי־רעגירונג איז אַ רעאַקציאָנערע און מען דאַרף זי אַראָפּוואַרפֿן, האָט לענין די לאָ־זונג באַצייכנט ווי אַ לייכטזיניקן אַוואַנטוריזם. לענין האָט איינ־געטענהט מיט די פּעטערבורגער באָלשעוויקעס, אַז אויב זיי האַלטן, אַז מען דאַרף די קערענסקי־רעגירונג שטירצן, מוזן זיי זיין גרייט גלייך אָנטקעגנצושטעלן אַן אייגענע רעגירונג און אַזוי ווי די באָל־שעוויסטישע פּאַרטיי איז דאַן נאָך צו דעם נישט געווען גרייט, האָט לענין באַצייכנט די לאָזונג פֿון די פּעטערבורגער באָלשעוויקעס ווי אַן אַוואַנטורע.

איצט, שטעלט זיך אַ פֿראַגע: אויב די יידישע קאָמוניסטן האַלטן די יידישע רעגירונג פֿאַר רעאַקציאָנער, ד. ה., אַז זי דאַרף דורך אַן אויפֿשטאַנד אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן, צי זענען זיי בכוח צו שאַפֿן אַן אייגענע רעגירונג, וואָס זאָל אָנפֿירן מיטן לאַנד? צי קענען זיי אויפֿ־שטעלן אַן אייגענע מאַכט קעגן דעם גאַנצן ציוניסטישן לאַגער אין ארץ ישראל?

אונז דאַכט זיך, אַז פֿאַר די יידישע קאָמוניסטן אַליין דאַרף זיין קלאָר דער אבסורד פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע. ווייל נישט נאָר וואָס זיי קענען נישט רעדן וועגן אַן אויפֿשטאַנד, קעגן דער היינטיקער רעגירונג, נאָר זייער פּראָפּאַגאַנדע וועגן רעאַקציאָנערישקייט פֿונם גאַנצן ציוניזם איז לייכטזיניק. ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז נישט נאָר די רעגירונג פֿון ישראל איז ציוניסטיש, נאָר אַז דער גאַנצער ישוב פֿון ישראל; און אָט דער ישוב, האָט איצט פֿאַרמירט די יידישע מדינה, שלאָגט אָפּ אַלע אַטאַקעס פֿון די שונאים, שרייבט איין אין דער יידישער געשיכטע אַ גאָלדן בלעטל פֿון יידישער גבורה.

טאָ, ווי אַזוי קען מען דערקלערן, אַז אָט די מלוכה, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿונם יידישן ישוב, איז רעוואָלוציאָנער און פּראָ־גרעסיוו און דער ציוניזם איז רעאַקציאָנער? דאָ, קלעפּט זיך גאָר־נישט! דאָ איז קיין עק מיט קיין עק נישט צונויפֿגעבונדן. עס זענען נישט מער ווי פּוסטע פֿראַזן. מיר ווילן זיך נישט פֿאַרנעמען מיט געבן טעאָרעטישע עצות די יידישע קאָמוניסטן, ווייל מיר ווייסן, אַז סיי ווי סיי וועלן זיי אונז נישט פֿאָלגן, נאָר אויב מיר טוען דאָס, איז עס נאָר צוליב דעם, כדי זיי קלאָר צו מאַכן, ווי זיי זינדיקן מיטן לעניניזם. ווייל, וואָלט דען נישט געווען פֿאַר זיי בעסער, ווען זיי גייען

צו צו דעם רעגירונג־פּראָבלעם פֿון ישראל מיטן זעלביקן מאַסשטאַב, ווי לענין איז צוגעגאַנגען צו דער מאַקדאָנאַלד־רעגירונג אין 1923. לענין האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז אויב די ענגלישע קאָמוניסטן זענען נאָך נישט בכוח צו שאַפֿן אַן אייגענע רעגירונג, דאַרפֿן זיי אונטערשטיצן די אַרבעטער־רעגירונג פֿון מאַקדאָנאַלדן, זאָל זיין צייטווייליק, זאָל זיין דורכגייענדיק, אָבער אונטערשטיצן דאַרף מען זי.

וואָלטן די יידישע קאָמוניסטן איצט געוואָרפֿן דעם לאָזונג פֿון אַן אַרבעטער־רעגירונג אין ישראל, ד. ה. אַ רעגירונג, צונויפֿגע־שטעלט פֿון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, וואָלט עס געווען פֿאַר־שטענדלעך, וואָלט מען געקאָנט מיט זיי רעדן, וואָלט עס געווען אַ פּרווו פֿון מאַרקסיסטישער לייזונג פֿון די מאַכט־פּראָבלעמען אין ארץ ישראל. נאָר אַזוי ווי זיי דערקלערן דעם גאַנצן ציוניזם פֿאַר רעאַקציאָנער, אויך זיין מאַרקסיסטישן פֿליגל אַריינגערעכנט, און שטעלן נישט גלייכצייטיק אַנטקעגן קיין אייגענעם כוח, וואָס זאָל קאָנען אויסבילדן אַזאַ רעגירונג, באַקומט זיך דאָן נישט קיין מאַרק־סיסטישער צוגאַנג נאָר — אַ לייכטזיניקער, אָן שום רעאַלן אינהאַלט, אָן שום קאָנקרעטן אַנאַליז.

און אפֿשר זענען מיר נישט גערעכט? אפֿשר האַלטן זיי, אַז זיי זענען יאָ בכוח אויסצובילדן אַן אייגענע רעגירונג אין ישראל? האָט דאָך טאַקע ראַיסקי אין זיין רעדע קעגן דער הגנה־אַקציע, גערעדט וועגן דעם, אַז דער גאַנצער יידישער ישוב איז מיט זיי און איז קעגן דער היינטיקער רעגירונג. און אויב זיי וואָלטן געווען יועגן דעם איבערצייגט און ערנסט צוגעגאַנגען צו דער פֿראַגע, (און מען קען דאָך צוגיין ערנסט צו אַ פֿראַגע, אפֿילו דאַן, ווען מען האָט אַ טעות!), וואָלטן זיי איבערגעוואַרט ביז נאָך די וואַלן צו דער גרינ־דונגס־פֿאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין די נאָענטסטע וואָכן; צו די וואַלן — אויב מיר האָבן קיין טעות נישט — גייט יעדע פּאַרטיי באַזונדער, דער וואַל־סיסטעם איז דער פּראָגרעסיווסטער, וואָס קאָן נאָר עקזיסטירן; די וואַלן וועלן זיין פֿרייע — וועגן דעם איז קיין צווייפֿל נישטאָ, — אַזוי, אַז יעדע פּאַרטיי וועט זיך קאָנען פֿאַרמעסטן. עס וועט זיין אַן אמתע אָפּשפּיגלונג פֿון כוחות־פֿאַרמעס־טונג, און ארויסגייענדיק פֿון אַט דעם אַנאַליז פֿון די כוחות־פֿאַר־העלטנישן, וועט זיך יעדע פּאַרטיי קאָנען אָנצייכענען אירע וועגן און אירע אויפֿגאַבן.

צי וואָלט נישט געווען בעסער, ווען די יידישע קאָמוניסטן וואַרטן אָפּ, ביז נאָך די וואַלן? אפשר וועלן זיי טאַקע באַקומען אַ מערהייט אָדער יעדנפאַלס אַ דעצידירנדע מינדערהייט אין ארבעטער לאַגער, וואָס וועט זיי מאַכן מעגלעך אראָפּצוּוואַרפן די היינטיקע רעגירונג, וואָלט זייער היינטיקע פּראָפּאַגאַנדע געהאַט אַ זין, נאָר אָן דעם דאַרף מען אַלע מאָל געדענקען לעניִנס וואָרנונג: — אַז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג באַשטייט אין דעם, וואָס עס געפינען זיך מענטשן, וועלכע פאַרבייטן די רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק אויף אַ „רעוואָלוציאָנערער פראַזע".

וואָס לערנען אונז די וואַלן אין ישראל?

מיר האָבן אדורכגעלעבט א גרויסן היסטאָרישן מאָמענט אין אונזער פאָלקס־געשיכטע. נאָך צוויי טויזנט יאָר פון צעזייטקייט, צעשפּרייטקייט, האָט זיך דאָס יידישע פאָלק רעכטלעך קאָנסטיטוּאירט ווי א יידישע נאַציע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז אין דעם אויגנבליק איז שווער פאַר דער מערהייט פון פאָלק זיך צו אָריענטירן אין א רייע סאָציאַלע פּראָבלעמען, ווייל די נאָענטסטע אויפגאבע, וואָס באהערשט אלעמען, איז נישט דאָס, וואָס טיילט פאַנאַנדער, נאָר דאָס, וואָס פאַראייניקט. דער מאָמענט, ווען די געפאַרן זענען נאָך גרויס און די שונאים לויערן פון אלע זייטן, איז צוגעפּאסט דערצו, אז ס'זאָל האָבן דער־פאָלג אזא פּארטיי, וואָס אָפּעריִרט מיט סאָציאלע פראַזן, כדי אויפ־צוהאלטן איר השפּעה ביי די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן. און פון דער צווייטער זייט זוכט זי א בלאָק מיט דער רעאקציאָנערער בורזשואזיע און דערמיט מאַכט זי דעם איינדרוק, אז זי פאַרטרעט די אלגע־מיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין דער מדינת ישראל. אָבער אין דער אמתן, איז עס א פּארטיי, וואָס וואקלט זיך צווישן די אינטע־רעסן פון דער בורזשואזיע און ארבעטער־קלאַס. די וואקלונג, וואָס איז ביז איצט נישט געווען קענטיק, וועט איצט מוזן ווערן בולט. די יידישע מדינה האָט פאַר זיך גאָר שווערע פּראָבלעמען צו לייזן: ווי אזוי וועט אויסזען דער שטייער סיסטעם? ווי אזוי וועט אויס־זען די סאָציאלע געזעצגעבונג? און וואָס פאַר א וועג וועט גיין דאָס לאַנד — אויפן וועג פון קאַפּיטאליסטישער עקספּלאָאַטאציע אָדער אויפן וועג פון סאָציאליזם? דאָס וועלן זיין גורל־פראַגן. דאָ וועט זיך דער יידישער ארבעטס־מענטש באַגעגענען מיט זיין קלאסן־שונא און שאַרפע סאָציאלע קאָנפליקטן וועלן דאָ זיין אוּמפאַרמיידלעך. שטעלט זיך די פראַגע, וואוהין גייט די מפא"י? די מפא"י מיט די מפ"ם האָבן צוזאַמען 65 מאַנדאַטן אויף 120.

ד. ה., אז ס'איז דאָ אַן אַבסאָלוטע מערהייט פֿון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס. צי וועט די מפּא"י גיין צוזאַמען מיט מפּ"ם אויפֿן וועג פֿון בויען דעם סאָציאַליזם אין לאַנד, ד. ה. צי וועט זי גיין אויפֿן וועג פֿון אַ פּראָלעטאַרישן קלאַסן־פֿראָנט, אָדער זי וועט גיין אין אַ בלאָק מיט דער רעאַקציאָנערער און קלעריקאַלער בורזשואַזיע, קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן פֿליגל פֿון ייִדישן אַרבעטער?

קיין דעקלאַראַציעס און פֿראַזן וועלן שוין איצט מער נישט העלפֿן — אָדער מיט דעם רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן טייל פֿון די אַרבעטער־מאַסן פֿאַרן סאָציאַליזם, אָדער מיט דער בורזשואַזיע. קעגן סאָציאַליזם. וואָס פֿאַר אַ שטעלונג וועט אָננעמען די מפּא"י, וועלן מיר אין קורצן זעען. אָבער שוין היינט מוזן מיר מיט פֿרייד פֿעסטשטעלן, אַז אין ישראל האָבן מיר די פֿרייעסטע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס איז נאָר מעגלעך אין אַ נישט־סאָציאַליסטישן סיסטעם.

אַלע פֿעלקער, וואָס האָבן אין די לעצטע צענדליק יאָר אויסגעקעמפֿט זייער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט און געפּרוווט שאַפֿן זייערע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקע מדינות, זענען דאָך נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן אין פֿולן זין פֿון וואָרט. ביי זיי זענען איבערגעבליבן אַ סך פֿון די אַלטע פּריצישע פּריווילעגיעס און די סענאַטן, וואָס זענען שוין גאָרנישט דעמאָקראַטיש, האָבן אַלע מאָל געשטערט די גזעצגעבערישע אַרבעטן פֿון די פּאַרלאַמענטן. און געטאָן האָבן זיי דאָס זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אין די אינטערעסן פֿון די שוואַרצסטע רעאַקציע אין לאַנד.

ביי אונדז אין דער מדינה זענען קיין פּריצים נישטאָ און קענען נישט זיין, ד. ה. דער רעאַקציאָנערסטער שיכט, וואָס איז אַלע מאָל אַן אָנשפּאַר פֿאַר פֿאַשיזם און רעאַקציע, איז אין ישראל נישט בנמצא. קיין סענאַט איז ביי אונדז נישטאָ און וועט נישט זיין. אין דער קאָנסטיטוציע פֿון ישראל איז פֿאַר אים קיין אָרט נישטאָ. הייסט דאָס, אַז ווי אַ נישט־סאָציאַליסטיש לאַנד, האָבן מיר די פֿרייעסטע דעמאָקראַטישסטע רעפּובליק אין דער וועלט, און דאָס איז אונדזער שטאָלץ.

עס האָבן אַנדערע פֿעלקער צענדליקער און אָפֿט מאָל הונדערטער יאָרן געקעמפֿט פֿאַר זייערע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן, עס

זענען פֿאָרגעקומען אַ רייע בלוטיקע רעוואָלוציעס, איידער זיי האָבן דאָס דערגרייכט, און, ווי געזאָגט, נישט אין אזא פֿיינער פֿאָרם, ווי מיר האָבן דאָס.

מיר האָבן אונזער רעפּובליק געשאַפֿן במשך פֿון איין יאָר צייט און דאָס אין אַזאַ שווער, בימער יאָר, ווען מען האָט געדאַרפֿט קעמפֿן קעגן דער ארומדינגלונג פֿון זיבן אַראַבישע מלוכות, גע־שטיצט און אָנגעפֿירט פֿון מעכטיקן ענגלישן אימפּעריאַליזם. אין דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט זיך די יידישע רעוואָלוציאָ־נערע אַרבעטערשאַפֿט שוין געשאַפֿן אַזעלכע ריזיקע מאַכט־פּאָזי־ציעס, וואָס מאַכן איִם מעגלעך, ביי גינסטיקע באַדינגונגען, אַ שנעלן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. ווען מיר האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק פֿעסטגעשטעלט, אַז דער זיג פֿון סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז פֿאַרבונדן מיטן זיג פֿון ציוניזם, האָבן אונז קליינקעפּל־דיקע אויסגעלאַכט, און די יידישע קאָמוניסטן ווילן דאָס נאָך היינט נישט פֿאַרשטיין און פֿירן אַ ביטערע העצע קעגן ציוניזם. אָבער דאָס, וואָס זיי ווילן נישט פֿאַרשטיין, וועלן פֿאַרשטיין די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע וועלן זיך שטעלן הינטער דער פֿאָן פֿון סאָציאַליס־טישן ציוניזם, ווייל פּונקט ווי מ'קען נישט דערגרייכן אין דער יידי־שער מדינה דעם סאָציאַליזם אָן ציוניזם, ד. ה. אָן די פֿולע איינ־זאַמלונג פֿון יידישן פֿאָלק אין ישראל, פּונקט אַזוי קען מען נישט ענדגילטיק פֿאַרזיכערן דעם זיג פֿון ציוניזם אָן דעם זיג פֿון סאָציאַ־ליזם. מיר האָפֿן, אַז די יידישע מאַסן אין ישראל וועלן די לערע גאָר אין קורצן פֿאַרשטיין און דאַן איז דער זיג פֿון ציוניזם און סאָציאַ־ליזם אין דער יידישער מדינה פֿאַרזיכערט.

נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם

אין זייער אָנגריף קעגן לינקן פֿליגל פֿון ציוניזם, באַשולדיקן אונז די קאָמוניסטן אין נאַציאָנאַליזם. און וואָלט עס ווירקלעך אַזוי געווען, וואָלט עס דאָן געהאַלטן זייער שלעכט מיט מפ"ם. ווייל מיר האַלטן דעם נאַציאָנאַליזם באמת פֿאַר אַ גרויסע זינד. באַזונדערס איצט אין דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע, ווען דער אַנטאַגאָניזם צווישן פֿאַרשיידענע מלוכות איז אַזוי פֿאַרשאַרפֿט ווי נאָך קיינמאָל נישט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אין אַזאַ צייט איז דער נאַציאָנאַליזם, ווי בוימאייל אויפֿן פֿייער, וואָס העלפֿט צו פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן די מלחמה.

ווי געזאָגט, וואָלט די באַשולדיקונג געווען זייער אַ שווערע, ווען זי זאָל זיין אַן אמתע. די זאַך באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די גאַנצע באַשולדיקונג, איז קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט. ווייל מען קען נישט — סיי אין דער טעאָריע, אַזוי אויך אין דער פּראַקטיק פֿון אונזער באַוועגונג געפֿינען קיין באַווייזן פֿון נאַציאָנאַליזם. פֿאַרקערט, מיר קאָנען זייער פֿיל אַזעלכע באַווייזן אין דער פּראַקטיק פֿון די יידישע קאָמוניסטן. עס קען זיין אַ נאַציאָנאַליזם פֿון דער לינקער זייט, וואָס קומט דורך „אונטערוועגן", לויט לענינס אויסדרוק, ד. ה. דורך דעם געשריי וועגן קאַמף קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם, דינט מען דעם נאַציאָנאַליזם פֿון אַנדערע פֿעלקער. אַזוי צ. ב. האָט לענין אין זיין צייט, פֿאָרגעוואָרפֿן ראָזאַ לוקסעמבורג, אַז דורך דעם, וואָס זי איז קעגן דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט פֿונעם פּוילישן פֿאָלק, ברענגט זי — קעגן איר ווילן — גרויס ניצן דעם גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, וועלכער ציט זיין חיונה פֿון באַהערשן און אונטערדריקן אַנדערע פֿעלקער.

גייען מיר צו מיט דעם לענינסטישן מעטאָד צו דער פּראַקטיק פֿון די יידישע קאָמוניסטן, באַמערקן מיר, ווי זייער גאַנצע פּראַקטיק אין יידישן לעבן, איז געווען פֿאַרבונדן מיט דינען פֿרעמ־

דע נאַציאָנאַליזמען. מיר ווילן נישט מאַכן קיין פּוסטע פּעסטשטע־
לונגען, ווי עס מאַכן עס ראַיסקי און זיינע חברים, נאָר מיר ווילן
עס פּעסטשטעלן מיט פּאַקטישע באַווייזן: ערשטנס, ווען די יידישע
קאָמוניסטן אין ארץ ישראל האָבן אין יאָר 1930 געוואָרפן דעם
לאָזונג פון אנטוואָפּענען די יידן, און באַוואָפּענען די אַראַבער, האָט
עס פּאַקטיש געהייסן, דינען די אינטערעסן פון אַראַבישן נאַציאָ־
נאַליזם, ווייל היינט, ווייסן מיר שוין, אז די „הגנה" האָט איר
אורשפּרונג פון אָט יענע באַוואָפנטע יידישע ארבעטער־גרופּן, דאָס
זענען געווען די ערשטע הגנה־קעמערלעך. היינט איז לייכט און
באַקוועם צו טאַנצן אויף פרעמדע חתונות און שרייען: „זאָל לעבן
די הגנה!" אָבער מיר ווילן פרעגן די יידישע קאָמוניסטן: וואָס
וואָלט געווען, ווען ציוניסטן הערן זיך צו, צו זייער לאָזונג פון 1930,
צי וואָלטן מיר היינט געהאַט די „הגנה" און די מדינת ישראל?
קלאָר, אז נישט! דאקעגן, וואָלטן מיר געהאַט די הערשאַפט פונעם
בלוטיקן מופטי, ווייל, דאָס האָט ער דאַן אָנגעפירט מיט דער פּאָ־
גראָם־ארבעט אין א"י, און זיין קליקע איז דאַן געווען דער איינ־
ציקער באַוואָפנטער כוח, וואָס האָט געקעמפט קעגן די יידן. דער
לאָזונג פון באַוואָפּענען אלע אַראַבער, האָט געהייסן קודם כל
באַוואָפּענען די מופטי־באַנדעס. ס'איז קלאָר, אז די לאָזונג האָט
געדינט די אינטערעסן פונעם שווארצסטן אַראַבישן נאַציאָנאַליזם.

צווייטנס, ווען מיקונים, האָט אָפּגעגעבן זיין דערקלערונג פאַר
דער „אָנו", אז די יידישע עמיגראַציע קיין ישראל, דאַרף שטיין
אונטער דער אַראַבישער קאָנטראָל, דאַן איז נאָך די מלחמה אין
ישראל נישט געווען, די מופטי־באַנדעס, נאָך נישט צעקלאַפּט, דער
מופטי איז דאַן געווען אנערקענט אין דער גאַנצער אַראַבישער
וועלט, אלס דער פּאַקטישער פירער פון א"י. און שטעלן די יידישע
אימיגראַציע אונטער דער קאָנטראָל פון די אַראַבער, ביי די באַ־
דינגונגען, וואָלט געהייסן פּאַקטיש, שטעלן זי אונטער דער קאָנ־
טראָל פונעם מופטי. מיקונים האָט געמיינט, אז ער באַקעמפט דער־
מיט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, אינדערעמתן האָט ער אָבער געדינט
די אינטערעסן פון דעם שווארצסטן אַראַבישן נאַציאָנאַליזם.

דריטנס, ווען לערמאַן האָט מיט צוויי יאָר צוריק געדרוקט
זיינע אַרטיקלען אין דער „נייע פּרעסע" (אַרטיקלען, וועלכע האָבן
אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג ביים גאַנצן יידישן ישוב אין פּראַנק־

רייך), אין וועלכע דער ליט־מאָטיוו איז געווען, אַז יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, טאָרן נישט אָנטיילנעמען אין די גאַסן־דער־מאָנסטראַציעס פון די פראַנצויזישע פאָלקס־מאַסן, עס טאָרן נישט זיין קיין יידישע פענער אויף אָט די דעמאָנסטראַציעס; נאָכמער — ווען יידן ווערן פיזיש באַפאַלן, דאַרפן זיי זיך נישט פאַרטיידיקן, נאָר דאַרפן אינטערווינירן ביי פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן, האָט עס ביי אים געהייסן: קאַמף קעגן יידישן געטאָ־נאַציאָנאַליזם. אינדעראמתן, אָבער, האָט עס געהייסן אַ צופּאַסן זיך צו די אינסטינקטן פונעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, וואָס האָסט אַלץ, וואָס איז נישט ריין־פראַנצויזיש, און האָט ספּעציעל פיינט אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל—יידיש. צי הייסט דאָס נישט זיין אַ נאַציאָנאַליסט אויף דער „לינקער זייט", אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס קומט דורך „אונטערוועגן", לויט לענינס אויסדרוק?

מיר וואָלטן געקאָנט אָט די פאַקטן פאַרמערן אָן אַ גרענעץ, אָבער צו וואָס? פון די אויבנגעבראַכטע איז שוין אַלץ קלאָר!

דאַקעגן, לאָמיר וואַרפן אַ בליק, ווי אַזוי זעט אויס דער נאַציאָנאַליזם ביי אונז, פּראָלעטאַרישע ציוניסטן. צי זענען מיר נאַציאָנאַליסטן? זיכער נישט! ווי אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטן, ווילן מיר פאַרן יידישן פאָלק אויסקעמפן גלייכע רעכט אויף לעבן, ווי די אַנדערע פעלקער. גלייכע רעכט הייסט — גלייכע באַדינגונגען. רעכט איז אַ פּראָדוקט פון מאַכט, האָט לאַסאַל געשריבן, און די מאַכט פון אַ פאָלק באַשטייט אין דעם, וואָס עס האָט איר אייגענע טעריטאָריע. לאָמיר זען, וואָס עס שרייבט בער באָראָכאָוו וועגן דעם: „די טעריטאָריע איז די גרונט־פאָרם, פונעם נאַציאָנאַלן לעבן. זי איז דער נאָרמאַלער פּאָזיטיווער יסוד, פון אַן אייגנאַרטיק נאַציאָנאַל לעבן". וואו איז דאָ פאַראַן נאַציאָנאַליזם? אויב מען וויל נישט זיין בייזוויליק.

ווייטער: „יעדע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג און פּראָפּאַגאַנדע איז שעדלעך, דאַקעגן, אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג און פּראָפּאַגאַנדע, ווען די באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען אין וועלכן עס איז פּרט געקורצט און געשטערט, מוז באַטראַכט ווערן אַלס געזונטע און נוצלעכע דערשיינונג, וואָס איז ארויסגערופן דורך פּראָגרעסיווע, רעאַלע לעבנס־באַדערפעניש". (באָראָכאָוו).

וואָר עס קען די געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג פונעם קאָ־

מיגטערן און זיין לעניניסטיש פּראָגראַם וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דער וועט פאַרשטיין, אז אָט די באָראָכאָוויסטישע טעאָריע, פאַלט זיך פּולקאָם צונויף מיט דער טעאָריע פון לענינען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און דאָס איז אונזער שטאָלץ!

ביי די יידישע קאָמוניסטן, הייסט עס נאַציאָנאַליזם און רע־אַקציע, ווי לעכערלעך דאָס איז!

ווען פּראָלעטאַרישן אײנהײט-פראָנט

די יידישע קאָמוניסטן אין ארץ ישראל האָבן געמאָלדן, אז אזוי ווי מפ"ם האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צוזאמען מיט זיי צו די וואלן פון דער גרינדונגס-פאַרזאמלונג פון ישראל, רייסן זיי איבער דעם אײנהייטס-פראָנט אויך אויף אלע איבעריקע געביטן. וואָס באַדייט עס? — דאָס באַדייט, אז די יידישע קאָמוניסטן אין ישראל פאַרשטייען נישט דעם כאַראַקטער פון אײנהייטס-פראָנט, אָדער — אפשר נאָך ערגער — זיי האָבן אים קיינמאָל נישט גענומען ערנסט. עס איז אַן אַבסורד צו שטעלן אזוי די פראַגע: אָדער מיר גייען צוזאמען מיט איין פּאָליטישער פּלאַטפאָרם צו די וואלן, אָדער מיר רייסן איבער דעם אײנהייטס-פראָנט.

מיט דעם באַווייזן די יידישע קאָמוניסטן פון ישראל, אז זיי קענען נישט די געשיכטע פון די אײנהייטס-פראָנט-באַוועגונגען.

די אײנהייטס-פראָנט-באַוועגונגען זענען אנטשטאַנען אלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס אין פּראָלעטאַריאַט האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי ריכטונגען, אָרגאַניזירטע אין צוויי פּאַרטייען, וועלכע האָבן נישט נאָר געהאַט אַ באַזונדערע טאַקטיק אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, נאָר אויך דער סאָציאַליזם גופא איז אנדערש פאָרמולירט געוואָרן און אנדערש פאַרשטאַנען געוואָרן.

און ווייל ס'איז קלאָר געוואָרן, אז די חלוקי דעות זענען אזוי טיף און קעגנזעצלעך, אז קיין פּאָליטישע אײנהייט איז נישט מעגלעך, איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַן אײנהייטס-פראָנט, בכדי אָפּצושלאָגן די אָנגריפן פון דער בורזשואַזיע אויף די רעכטן פון ארבעטער-קלאַס. אין די רעכטן זענען געווען פאַראינטערעסירט ביידע ארבעטער-לאַגערן, ד. ה., אז דער קאַמף פון אײנהייטס-פראָנט האָט זיך אַלעמאָל אויסגעדריקט אין פאַרטיידיקן די טאָג-טעגלעכע באַדערפעניש פון ארבעטער-קלאַס. אזא אײנהייטס-פראָנט האָט געקענט פונקציאָנירן פון צייט צו צייט, ווען דאָס איז נויטיק געווען.

אזא אײנהייטס-פראָנט איז נויטיק געווען נישט צו לאָזן פאַר-

ערגערן די עקאנאמישע לאגע פון ארבעטער־קלאס. אזא פאליטישער איינהייטס־פראנט איז וויכטיק געווען פאר היטלערס קומען צו דער מאכט, כדי צו פארטיידיקן די פאליטישע און דעמאקראטישע רעכטן פון ארבעטער־קלאס. אט אין די אלע קאמפן איז דער גאנצער ארבעטער־קלאס געווען פאראינטערעסירט, נישט קוקנדיק אויף די פאליטישע מיינונגס־פארשידנקייטן, וועלכע האבן אים פאנאנדערגעטיילט. ס׳איז נישט געווען קיין רייד וועגן אלגעמיינע פאליטישע פלאטפארמען און נישט וועגן גיין צוזאמען צו וואל־קאמפאניעס, וואו יעדע פאליטישע פארטיי אנטוויקלט איר אייגענע פרינציפיעלע איינשטעלונג. דאס ווייזט זיך ארויס איצט באזונדערס אין ארץ ישראל. מיר ווילן שוין נישט רעדן וועגן דעם, צי מען קען יא, אדער נישט גלויבן די יידישע קאמוניסטן אין זייער פאזיטיווער באציאונג צו ישראל, אבער דאס, וואס זיי זאגן שוין יא, האט געמאכט אוממעגלעך צו גיין צוזאמען מיט זיי אונטער איין פאליטישער פלאטפארם צו די וואלן. און אן א פאליטישער פלאטפארם, איז דאך א וואל־קאמפאניע אן אבסורד. אמת, די יידישע קאמוניסטן זענען געקומען מיט אן אייגענער פלאטפארם, מיט וועלכער מען קען אין געוויסע פונקטן, אומבאדינגט זיין איינשטימיק. נאר אין אלגעמיין איז די פלאטפארם נישט אננעמבאר געווען פאר די מפ״ם, ווייל די יידישע קאמוניסטן האבן פארשוויגן אין זייער פלאטפארם דעם ציוניסטישן פראבלעם. נאך מער, זיי האבן פון זייער זייט אנגעהויבן קעגן ציוניזם א גוואלטיקע אטאקע. אטאקירן דעם ציוניזם פון איין זייט און פארשוויגן דעם ציוניזם אין זייער וואל־פלאטפארם — פון דער צווייטער זייט, האט געהייסן פאדערן פון מפ״ם א פולע קאפיטולאציע. נאך מער, עס האט געהייסן, פאדערן ביים מפ״ם, א שטילע הסכמה אויף דער אנטי־ציוניסטישער אטאקע.

מיר האבן שוין נישט איינמאל אונטערגעשטראכן, אז ביי אונז איז די ציוניסטישע וועלט־באוועגונג דער גרונט־יסוד פאר דעם קאמף פון סאציאליזם אויף דער יידישער גאס. לויט אונז, איז אן דער פארווירקלעכונג פון ציוניזם נישטא קיין סאציאליזם פארן יידישן פאלק. עס איז דא א סאציאליזם פאר איינצלנע יחידים, וואס גייען אויפן וועג פון אסימילאציע, אבער עס איז נישטא קיין סאציאליסטיש יידיש פאלק. מיט דער אויסקעמפונג פון דער מדינת ישראל האט זיך די ראל פון ציוניזם נישט פארענדיקט. מען קען אפילו

זאָגן, אז די ראָל פֿון ציוניזם הויבט זיך איצט אָן. ווייל ביז איצט האָט דער ציוניזם געקעמפֿט פֿאַר אַן אידעאל, וואָס דאַרף פֿאַרווירקלעכט ווערן. ד. ה. פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון דער יידישער מדינה, וואָס דאָס איז פֿאַרהעלטניסמעסיק געווען אַ לייכטערע זאַך, ווי די אויפֿגאַבן, וואָס שטייען איצט פֿאַר אונז. איצט דאַרף אויסגעפּרווט ווערן די יידישע מדינה, צי זי איז לעבנספֿעאיק, צי זי וועט זיך אַן עצה געבן מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פֿאַר איר. די אַלע פּראָבלעמען זענען אָפּהענגיק פֿון דער שנעלער איינוואַנדערונג פֿון די יידישע מאַסן, פֿון דעם יידישן פֿאָלק, וואָס וויל קומען קיין ישראל. שאַפֿן פֿאַר זיי אַ ווירטשאַפֿטלעכן באָדן אין לאַנד. די יידישע מדינה עקזיסטירט שוין, אָבער די גרויסע מאַסן, וואָס ווילן קומען קיין ישראל זענען נאָך נישט איינגעזאַמלט, די עקאָנאָמישע באַזעס דאַרפֿן נאָך גאַנץ ווייט פֿאַרברייטערט און אַנטוויקלט ווערן. אָן דעם, איז נישטאָ קיין יידישע מדינה. איז ווער וועט דאָס מאַכן? אויב מען וועט אָננעמען די טעזע פֿון די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האַלטן, אז פֿון אַ גאַנצער ריי לענדער דאַרפֿן די יידן איבערהויפּט נישט עמיגרירן, בלייבט פֿאַרשטענדלעך, אז דעמלט וועט זיין אויס מיטן ציוניזם און אויך מיט דער יידישער מדינה. דער קאַמף פֿון די יידישע קאָמוניסטן קעגן ציוניזם, ווען ער זאָל זיך ענדיקן מיט דערפֿאָלג, וואָלט געווען אַן אומגליק פֿאַר מדינת־ישראל.

נאָר דער ציוניזם און די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג קאָן ראַטעווען די לאַגע. דאָס איז פֿאַר אונז קלאָר. דאָס איז קלאָר פֿאַרן מפ"ם. דאָס איז אויך קלאָר פֿאַר די יידישע פֿאָלקס־מאַסן און פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

דורכדעם טאַקע טיילט זיך איין די וועלט, אין דער באַציאונג צום ציוניזם, אין צוויי לאַגערן, — איינער, וואָס וויל באמת העלפֿן אויפֿבויען ישראל, שטיצן דעם ציוניזם און דער צווייטער, וועלכער באַקעמפֿנדיק דעם ציוניזם, טרעפֿט דערמיט ישראל. אַ קליינער ביישפּיל פֿון אונזער בלוטיקסטן שונא — בעווין, וועלכער וויל שוין היינט אויך אָנערקענען ישראל, נאָר אַ קליינטשיקס, אַ פּיצעלע, וואָס זאָל נישט האָבן קיין כוח צו לעבן. צוליב דעם פֿירט ער אַזאַ פֿאַרביסענעם קאַמף קעגן ציוניזם, ווייל ער ווייסט, אז אָן ציוניזם וועט די מדינה ישראל מיט אירע 800.000 איינוואוינער קיין גרויסע באַדייטונג נישט האָבן.

אין בעווינס דרכים גייען היינט אַלע רעאַציאָנערע עלעמענטן,

מאַ ווי זשע קומט עס, וואָס די יידישע קאָמוניסטן ווייזן זיך ארויס אין שותפות מיט אזעלכע עלעמענטן? אוודאי זענען מיר זיכער, אז זיי ווילן עס נישט. מיר זענען אפילו גרייט צו מיינען, אז זיי ווילן באמת שטיצן די יידישע מדינה, באַקעמפנדיק דעם ציוניזם. אָבער פּאָליטיק האָט איר אייגענע לאָגיק און די לאָגיק ווייזט זיך ארויס קעגנזעצלעך צו דעם סוביעקטיוון ווילן פון זייערע טרעגער.

אין פּאָליטישן לעבן פרעגט מען נישט, וואָס יענער טראַכט, ווען ער האַנדלט, נאָר וואָס איז דער רעזולטאַט פון זיינע האַנד־לונגען. דער פועל יוצא פון דעם קאַמף פון די יידישע קאָמוניסטן קעגן ציוניזם, איז א מעסער אין רוקן פון יידישן פאָלק. און דער־ביי לייגן זיי אונז פאָר, איין וואַל־קאַמפּאַניע און איין פּאָליטישע פּלאַטפּאָרם.

איז דאָס נישט לעכערלעך?

די יידישע קאָמוניסטן שטעלן די פראַגע: אָדער־אָדער! אָדער מיר גייען צו די וואלן אונטער איין פּאָליטישער פּלאַטפּאָרם, אָדער מיר רייסן איבער דעם איינהייטס־פראָנט. און מיט דעם אליין באַ־שטעטיקן זיי, אז די וואלן זענען ביי זיי דאָס וויכטיקסטע אין דער איינהייטס־פראָנט־באַוועגונג.

פרעגט זיך א פראגע: פון ווען אָן זענען עס די יידישע קאָ־מוניסטן געוואָרן אזעלכע פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס שטעלן די וואלן העכער פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן? דאָס איז נישט קאָמוניסטיש און קעגן דעם גייסט פון לעניניזם.

און מיר שטעלן אויך די פראגע: אָדער־אָדער! אָדער מען שטעלט זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון ציוניזם און מען פירט אין ציו־ניסטישן לאַגער א רעוואָלוציאָנערן קלאַס־קאַמף פאַרן זיג פון דעם סאָציאַליזם, אָדער געמיינזאַמע וואַל־קאַמפּאַניעס מיט געמיינזאַמע פּאָליטישע פּלאַטפּאָרמען ווערן אוממעגלעך.

רעוואָלוציאָנערער המשך

די געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, איז די געשיכטע פֿון קלאַסן־קאַמף — האָט מאַרקס פֿעסטגעשטעלט, אָבער אין קאָנקרעטן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן נעמט דער קלאַסן־קאַמף אָן פֿאַרשיידענע, אייגנאַרטיקע קאָמפּליצירטע פֿאָרמען. די יוגנט וועלכע איז זייער עמפּפֿינדלעך פֿאַר גרויסע אידייען און איז גרייט זיך פֿאַר זיי מקריב צו זיין, שטעלט זיך אַלע מאָל אין דער שפּיץ פֿון יעדער רעוואָלוציאָנערער אידייע. אין אונזער יידישן לעבן זענען די רעוואָלוציאָנערע אידייען פֿאַרן לעצטן יאָרהונדערט געווען די אידייען פֿון סאָציאַליזם און ציוניזם.

אין נאָמען פֿון אָט די אידייען האָט די יידישע יוגנט אין אַלע איירָאָפּעאישע לענדער געגעבן די גרעסטע קרבנות. זי האָט אָנטייל גענומען אין אַלע פֿרייהייטס־קאַמפֿן און אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע צענדליק יאָר באַזעצט און באַארבעט דאָס יידישע לאַנד און צוגעגרייט די אַנטשטייאונג פֿון מדינת ישראל.

אין דער צייט, ווען די יוגנט פֿון אונזער עלטערן דור, פֿון וועלכן מיר שטאַמען אָפּ, האָט אַדורכגעפֿירט אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן — געריסן מיט אַלע טראַדיציעס און פֿאָראורטיילן, אָפֿט מאָל געפֿירט אַ ביטערע מלחמה מיט זייערע פֿאַמיליעס, אַזוי אַז ס׳האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דער קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם, נעמט אָן אַ כאַראַקטער פֿון אַ קאַמף צווישן דורות, — דעמלט האָט די יידישע יוגנט געשאַפֿן אַ נייַ און הערלעך קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. זי האָט נישט, נאָר געקעמפֿט אויף אַלע פֿרייהייטס־באַריקאַדן, נאָר פֿון זיי קומען ארויס די העלדישע קעמפֿערס, אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין אַלע ווידערשטאַנדס־באַוועגונגען. זי האָט אויך צוגעגרייט די קאַדרן פֿון אונזער העלדישער הגנה. זי האָט פֿאַרוואַנדלט אַ פֿאָלק פֿון קדושים, וואָס האָבן געקאָנט נאָר פּאַסיוו שטאַרבן אויף קידוש השם, אין

אַ פֿאָלק פֿון העלדישע רעוואָלוציאָנערע קעמפֿער, וואָס ווילן נישט נאָר שטאַרבן פֿאַר אַ גרויסער אידייע, נאָר אויך קעמפֿן מיט געווער אין האַנט פֿאַרן זיג פֿון זייערע שטרעמונגען — אין דער ערשטער ריי דאָס פֿאַרווירקלעכן דעם גרעסטן חלום פֿון אונזער פֿאָלק, די פֿאַרווירקלעכונג פֿון זיין נאַציאָנאַלער מדינה און פֿון דער צווייטער זייט — דעם טרוים פֿון דער גאַנצער אונטערדריקטער מענטשהייט, דעם זיג פֿון סאָציאַליזם.

די עלטערן פֿון דער הייגטיקער יוגנט פֿלעגן זיך קלאָגן אָפֿט, אַז די יוגנט פֿילט זיך ניט בכוח צו גיין אין זייערע וועגן, אַז זיי זענען מיד פֿון גרויסע אידייען און פֿון גרויסע מעשים. אַזוי האָבן מיר אין פֿאַריקן דור געהאַט אַ פֿאַרקערטע דערשיינונג. אין פֿאַריקן דור האָט די רעוואָלוציאָנערע יוגנט געפֿירט אַ קאַמף קעגן זייערע קאָנסערוואַטיווע עלטערן, הייגט האָבן די רעוואָלוציאָנערע עלטערן מיט צער און ווייטיק זיך צוגעקוקט ווי די יוגנט איז גרייט אַוועקצוגיין אויף באַלעבאַטישע וועגן. זיי זענען גרייט צו פֿאַרלאָזן דעם גרויסן שליאַך פֿון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע וועגן און זיי זענען גרייט צו באַגנוגענען זיך מיט די קליינינקייטן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. מיט וואָס, דאָס וואָלט זיך געענדיקט — איז שווער פֿאָראויסצוזאָגן, איינס איז זיכער, אַז דער קריזיס איז געווען אַן ערנסטער און אַ טיפֿער, נאָר אָט איז געקומען דער זיג פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט אַ משיחישן כוח צוריק אריינגעבלאָזן אין דער יוגנט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט און די גרייטקייט צו גרויסע מעשים פֿאַר גרויסע אידייען.

מ׳דאַרף גאָרנישט זיין קיין ציוניסט, כדי פֿעסטצושטעלן די אמתן, וואָס מען באמערקט איצט אין יידישן לעבן. דער זיג פֿון ציוניזם, ד. ה. די פֿאַרווירקלעכונג פֿון מדינת ישראל האָט אין יידישן לעבן אַ סך אַ גרעסערע רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג, ווי אָט די גרענעצן פֿון אונזער מדינה, וואָס זענען איצט געוואָרן אויסגעקעמפֿט. די יידישע יוגנט האָט זיך מיט אַ באַזונדערן ברען געוואָרפֿן אין קאַמף פֿאַר אונזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרייאונג. עס דוכט זיך אויס, אַז די גאַנצע אָנגעזאַמלטע מאָראַלישע און אידעאישע ענערגיע אין משך פֿון דורות איז איצט געקומען אין באַוועגונג. די העלדישע קאַמפֿן פֿון אונזער הגנה אין ישראל, — וואָס איז אַזוי נישט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר נישט־ציוניסטן — איז אַ פּועל־יוצא פֿון דעם, וואָס די יוגנט האָט ווייטער געפֿונען אַ וועג

צו בינדן די גאָלדענע קייט פֿון גרויסע קאַמפֿן און גרויסע פֿאַר־ווירקלעכונגען, וואָס האָבן געהאַלטן ביים איבערגעריסן ווערן. איצט האָט זי געפֿונען דעם אמתן און רעאַלן באָדן פֿאַר אָט דעם קאַמף. דער באָדן אין אייגענעם לאַנד, אין דער הינזיכט לעבן מיר איצט איבער אַן אמתע פֿאָלקס־רעוואָלוציע, און דאָס נישט נאָר די יוגנט, וואָס איז געווען ווייט פֿון יידישן לעבן, וואָס האָט שוין הינ־טער זיך אַ פּילצאָליקע דורותדיקע אסימילאַציע, אַ סך פֿון אונז זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן שוין פֿאַרדאַרט און פֿאַרוויאַנעט ווערן ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן, און אָט די יוגנט איז איצט אויך געקומען אין באַוועגונג און אַלע צוזאַמען גייען זיי מיטן יידישן פֿאָלק.

פּונקט ווי מיט זיבעציק און אַכציק יאָר צוריק, אין אַלטן צאַ־רישן רוסלאַנד, האָט די אינטעליגענץ, די יוגנט פֿאַרלאָזט זייערע עלטערן, זייערע שולן און אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זענען געווען פֿאַר־בונדן מיט זייער סביבה, און געגאַנגען אין דאָרף אריין צום פּויער, אין וואַרשטאַט צום אַרבעטער, צוזאַמען מיט אים אַרבעטן, צו־זאַמען מיט אים לערנען און צוזאַמען מיט אים קעמפֿן. האָט די באַוועגונג פֿון די דעמאָקראַטיקע רוסישע יוגנט, ארויסגערופֿן באַגייסטערונג אויף דער גאַנצער וועלט. פּונקט אַזאַ באַגייסטע־רונג רופֿט איצט אַרויס די יידישע יוגנט, זי רייסט פֿולקאָם איבער מיט איר פֿאַרגאַנגנהייט, מיט איר פֿריערדיקער פֿאַרוואָרצלטקייט, לאָזט איבער זייערע פֿאַמיליעס און אָפּטמאָל די רייכע עלטערן. פֿאַרלאָזט די הויך־שולן און צוזאַמען מיט דער יידישער אָרימער אַרבעטער־יוגנט פֿאָרט זי קיין ישראל. קיינער מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס, אַלע ווייסן, וואָס דאָרט דערוואַרט זיי. זיי פֿאָרן דאָרט צום אַקער־אייזן און האַמער — צו שווערער און ביטערער אַרבעט, כדי צו שאַפֿן אַ היים און אַרבעט פֿאַר די מיליאָנען יידן, וואָס דאַרפֿן און וועלן נאָך קומען דאָרט אַהין. און נישט נאָר אַר־בעטן און בויען פֿאָרן זיי, נאָר אויך קעמפֿן, ווען מ׳וועט דאַרפֿן, ביז צום זיג.

אָט איז די גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונג, וואָס דער ציוי־ניזם האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן פֿון דער יידישער יוגנט, און נישט נאָר בלויז ביי דער יידישער יוגנט, נאָר אויך די עלטערן זע־נען געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג דורך זיי. יידן פֿאָרן קיין ישראל פֿון אַלע לענדער, און נישט נאָר די אויסגעוואָרצלטע און דעקלאַסירטע, וואָס האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ווייל

לעבן אויף זייערע ערטער קענען זיי נישט, און די טויערן פון אנ־דערע לענדער זענען פארמאכט, נאר ס'פארן אויך יידן איינגע־ווארצלטע, פעסט־באזעצענע און גוט איינגעארדנטע. זיי האבן נישט קיין שום מאטעריעלע סיבות פאר זייער עמיגראציע, זיי וואלטן אין קיין אנדערע לענדער אויך נישט געפארן, נאר קיין ישראל פארן זיי. און פארן מיט אימפעט, מיט באגייסטערונג, ווייל זיי פילן, אז ס'ווערט פארווירקלעכט דער חלום פון זייער אייגן מארטירער־פאלק, פאר וועלכן דאס יידישע פאלק האט געבלוטיקט במשך פון צוויי טויזנט יאר. די שטים פון בלוט־געמיינשאפט האט זיך אפ־גערופן און זיי פארן געבן זייער צושטייער צום גרויסן אויפבוי און צו דעם גרויסן פארווירקלעכונגס־ווערק. אוודאי פארן נישט אלע צוליב די זעלבע סאציאלע צילן, פארקערט, — מיר מיינען און זענען זיכער, אז אין ישראל וועט זיך אויסקריסטאליזירן א קלארע און סאציאלע דיפערענצירונג, ווי ס'איז נאר מעגלעך ביי געזונטע און נארמאלע פעלקער אין אן אייגן לאנד.

דעם סאציאליזם, וועלן מיר שוין דארט אויסקעמפן און זיכער אויסקעמפן, ווייל דער באדן פאר דעם איז געשאפן געווארן. דער־ווייל וועט זיין גענוג, אז מיר וועלן אונטערשטרייכן, אז אויפן באדן פון פארווירקלעכונג פון די ציוניסטישע אידעאלן האט זיך געשאפן א סינטעז אין יידישן לעבן, וואס פאראייניקט דעם אלטן און יונגן דור אין קאמף פאר אונזער נאציאנאלער אויס־לייזונג און אלע צוזאמען זעצן זיי פאר דעם המשך פון אונזער גרויסער רעוואלוציאנערער טראדיציע פון דער יידישער רעוואלו־ציאנערער יוגנט אין משך פון לעצטן יארהונדערט.

אינהאלט:

פֿאָררעדע פֿון אבוש . . . . . זייט 3

אַריינפֿיר פֿון מחבר . . . . . " 6

אונטערן צייכן פֿון ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג

דער קעמפֿערישער אמת . . . . . זייט 9

צו דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער מדינת ישראל . . . . " 13

שוועריקייטן און דערגרייכונגען . . . . " 17

אונזער נאַציאָנאַלע מאָביליזאַציע . . . . " 21

אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם . . . . " 25

ויעגן די נישט־ציוניסטן . . . . " 30

נאָכאַמאָל וועגן די נישט־ציוניסטן . . . . " 36

וועגן קולטור־פּראָבלעמען

קעגן שטראָם . . . . זייט 41

אַ געפֿערלעכע דיסקוסיע . . . . " 46

וועגן קולטור־קאָנגרעס . . . . " 50

אויף יידיש־מאַרקסיסטישע טעמעס

גלות־פֿילאָזאָפֿיע . . . . . זייט 54

דער קאַמף פֿאַר מאַכט . . . . " 59

אַ געפֿערלעכער מאָמענט . . . . " 70

די מדינה ישראל . . . . " 74

אן ענטפער אונזערע קריטיקער

אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ דיסקוסיע . . . . זייט 79

צוויי פֿייערונגען . . . . " 85

דער באַנייטער וויכוח . . . . " 91

ציוניזם און מדינת ישראל . . . . " 96

דאָס יידישע פֿאָלק און די יידישע פֿאָלקס־רעוואָלוציע . " 99

נאַציע, מלוכה און קלאַס . . . . " 104

דער תוך פֿון ציוניזם . . . . " 109

ציוניזם און דער קלאַסן־קאַמף פֿון יידישן ארבעטער . " 113

וואָס לערנען אונז די וואַלן אין ישראל . . . . . " 121

נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם . . . . " 124

וועגן פּראָלעטאַרישן איינהייט־פֿראָנט . . . . . " 128

רעוואָלוציאָנערער המשך . . . . . " 132

IMPRIMERIE GELBARD
20, Rue Ferdinand-Duval
PARIS (4e)